


1901 1926

# א מתנה

צום פינף און צוואנציק יאריקען
עקזיסטענץ

## מאגילאוו-אמעריקאנער
## ברידערליכער פעראיין
שיקאגא

[ הביטו אל צור חצבתם ואל
מקבת בור נוקרתם, וישעיה, נ"א ]

# א פערטעל יארהונדערט



פינף און צוואנציג יאר זיינען פארלאפען זינט דער מאהילעוו-אמעריקאנער ברידערליכער פאראיין וואס איז באוואוסט אונטער דעם נאמען —,,אמעריקאן-בראדערהוד אף מאהילעוו" איז געגרינדעט געווארען.

## פינף און צוואנציג יאר—

## א פערטל יארהונדערט!

ביי א יחיד איז אזא צאל יארען א היבשער שפאן פון זיין לעבען און ביי אנ'ארגאניזאציע—א רבים וואס באשטעהט פון יחידים איז דאס אויך א בעדייטענדע צאל יארען וואס לאזט זיך מערקען אין זיין לעבען און טעטיגקייט. אנ'ארגאניזאציע וואס שפאנט אריבער דעם ערשטען פערטעל יארהונדערט האט שוין דורכגעמאכט די אלע חבלי לידה פון פארמירונג און ארגאניזירונג און האט שוין געלאזען טיפע ווארצלען וועלכע קענען שוין ניט אזוי שנעל פארדארבען ווערען.

מיר צווייפלען אויב די גרינדער פון די ,,אמעריקאן-בראדערהוד" האבען געהאט אין געדאנק מיט 25 יאר צוריק אז זיי לייגען א פונדאמענט פאר אנ'ארגאניזאציע וואס וועט מיט דער צייט ארויסטרעטען אזוי שטארק און ברייט אין דעם עפענטליכען אידישען לעבען אין אמעריקע און וועט אפלעבען פינף-און-צוואנציג יאר מיט אזא גלענצענדען רעקארד. אונז שיינט אז די גרינדער האבען זיך געוואלט איינצאמען אין די דלד אמות פון זייער שטאדט מאהילעוו און לעבען איינגעשלאסען און אפגעזונדערט פאר זיך, זיי האבען בעצוועקט די פונקציעס פון דער ארגאניזאציע צו העלפען זיך איינע די אנדערע אין פאל פון נויט אדער קראנקהייט, צוזאמענקומען פון צייט צו צייט און דערמאנען זיך אין דער אלטער היים, וואו מען האט פערבראכט די קינדער יארען צו בעשטעטיגען אט דעם געדאנק, קען מען אנווייזען אויף דעם פונקט וואס עקזיסטירט אין דער קאנסטיטוציע נאך ביז היינטיגען טאג—אז נאר איינער וואס קומט פון מאהילעוו אדער אומגעגענד קען ווערען א מיטגליד פון דער ארגאניזאציע. אויב אבער דער פרינציפ איז נאך געבליבען ביז היינט האט זי אבער איר טעטיגקייט ניט באגרענעצט אויף דעם געביט ווען עס איז געווען נויטיג הילף האט זי געהאלפען דאס גאנצע אידישע פאלק וואו ער האט זיך געפונען, זי האט זיך ניט אפגעזאגט איינטייל צו נעמען אין דעם אמעריקאנער אידישען לעבען אזוי גוט ווי אין דעם לעבען פון דעםאידישען פאלק אויף יענער זייט ים, און ביי איר שליסען דעם ערשטען פערטעל יארהונדערט פון איר עקזיסטענץ, פילט זי אז זי איז א גליד פון דעם גאנצען אידישען ארגאניזם.

דערצו זיינען די פערגאנגענע פינף-און-צוואנציג יאר געווען אויסערגעוויינליכע פאר דער מענשהייט בכלל און פאר דאס אידישע פאלק בפרט.

דאס איז געווען פיליכט דאס וויכטיגסטע, פיליכט די פאטאלסטע צייט אין אונזער צוויי טויזענד יאריגער גלות געשיכטע, א צייט ווען די אלטע רדיפות לעבען אויף און די אלטע אמונה שטארבט אפ, דאס אידישע פאלק פילט זיך פעראייניגט אלס נאציע און צושפאלטען אלס קלאסען. דאס איז געווען די צייט פון פאגראמען, הריגות, שוידערליכקייטען וואס די וואנזיניגסטע פאנטאזיע אפילו וואלט עס נאך ניט לאנג צוריק זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען, וואס וואלט אומגלויבליך געווען אפילו אין די ערגסטע צייטען פון מיטלאלטער.

דאָס איז אויך געווען די צייט פון אַזעלכע מאסע באַוועגונגען ווי דער פּאָליטישער ציוניזם און דער אידישער קאָמוניזם און צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג וואָס האָט דוכט זיך דאָס גאַנצע פאָלק דערהויבען, סטראַשעט אָבער איבעראַל מיט אַ מאַסען אַסימילאַציע, אונז צו פאַרניכטען. און בעת מען רעדט אַז די אלטע היסטאָרישע האָפענונגען האָבען אונז אַזוי וואונדערליך אינספּירירט ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער, דריקט אונז אין דער אמת'ן אַזאַ בלייענע האָפענונגסלאָזיקייט וואָס מיר האָבן נאָך ביז יעצט ניט געוואוסט אין פאַרלויף פון אונזער גאַנצען היסטאָרישען לעבען.

עס פאַרשטעהט זיך אַז דאָס אַלעס האָט מען געפילט אָם שטאַרקסטען אין די אַלטע אומגליקליכע היימען אונזערע, בעת מיר אין דער ווייטער און פרייער אַמעריקע האָבן געלעבט בלויז מיט'ן אָפּשטראַלטען לעבען פון אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים.

אין פאַרלויף פון די פינף-און-צוואַנציג יאָר האָבען מיר צוגעקראָגען אין אַמעריקע איבער צוויי מיליאָן אימיגראַנטען, כמעט אַ גאַנצער זעקסטעל פון אידישען פאָלק האָט זיך גע-נומען פאַר דעם וואַנדער שטעקען און געקומען אַהער צו אונז—זיבען גלות שפּאַניע, זיבען מאָל אַזוי פיל אידען ווי די צאָל וואָס זיינען אַמאָל ארויסגעטריבען געוואָרען פון שפּאַניען האָבען אַוועקגעוואָרפען די היים פון זייערע אור עלטערען און אויסגעזוכט א נייע היים אין אונזערע ווייטע ברעגען.

עס איז קיין ערך ניטאָ צו די גוואַלדיגע ענדערונגען וואָס זיינען דערביי פאָרגע-קומען אין היגען אידישען לעבען, עס איז קיין שיעור ניטאָ צו די גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט דערציאונגס אַרבייט, אויפקלערונג און הילף אַרבייט וואָס מען האָט דאָ געמוזט טאָן. אין אָט די אַלע גרויסע אַרבעטען האָט דער מאָגיליעוו-אַמעריקאַנער ברידערליכער פאַראיין זיך ניט אָפּגעזאָגט אַנטייל צו נעמען מיט אלע זייערע כוחות, און דערפאַר ביי דעם אָפּשליסען דעם פינף און צוואַנציג יאָריגען עקזיסטענץ, מעגען מיר איר גראַטולירען און געבען איר אונזער האַרציגען ישר כח.

זייט געגריסט איר גרינדער און בויער פון די „אמעריקאַן-בראָדערהוד אָף מאָהילעוו" זייט געגריסט איר אַלע מיטגלידער וואָס האָבען די זכיה צו באַטייליגען זיך אין דעם פינף-און-צוואַנציג יאָריגען יובילעאום פון אַזאַ נאָבעלער אָרגאַניזאַציע, אויף אייך קען מען זאָגען „מה טוב ומה נעים כשבת אחים גם יחד."

זעצט פאָר אייער אַרבייט צו פאַרשעהנערען און פאַרשטאַרקערען אייער לאַנדסמאַנ-שאַפט פאַראיין.

זעצט פאָר אייער אַרבייט מיט מער פליים, מער שטאַרקייט ביז אייער 50 יאָריגען יובי-לעאום און נאָך ווייטער און ווייטער.

די רעדאַקציע.

ז. וויינפער

# מיר און זיי

צו קאַן אַ גרענעץ דען פאַרצאַמען?
דורך אַלע רוישענדע ים'ען
דערגרייכט צו אונז אַלץ ווידער, ווידער
דער רוף פון ברידער, —
עס זיינען דו און איך — מיר ביידע,
בלויז טיילען פון אַ גאַנצער עדה!

פאַרמאַטערטע אויף אַלע וועגען
פון הינטען נויט, און נויט אַנטקעגען,
בלויז ליפען ציטערען אין פיבער
אַ שטים געבעט צו אונז אַריבער:—
עס זיינען דו און איך — מיר ביידע;
בלויז טיילען פון אַ גאַנצער עדה!

און מיר, אַט דאָ, ביי טישען פול געדעקטע,
צו זעהען מיר נישט דאָרע הענט געשטרעקטע?
דורך ים'ען, שטעדט און וועגט אַריבער
דערגרייכען זיי אין אַלע שטיבער:—
עס זיינען דו און איך — מיר ביידע,
בלויז טיילען פון אַ גאַנצער עדה!

# ווי אזוי דער מאהילעווער אמעריקאן ברידערליכער פעראיין איז געגרינדעט געווארען

הערי לעווין

דער לאנדסמאנשאפט פעראיין „אמעריקאן בראדערהוד אף מאהילעוו“, פייערט איצט א 25יאריגען יובילײ. 25 יאר זיינען דורכגעלאפען זינט דער פעראיין איז געגרינדעט געווארען. מיט פרייד און שטאלץ קענען מיר איצט אונטערציען דעם סך הכל פון וויכטיקע אויפטוען און ארבייטען אויף פארשידענע געביטען פון דעם דערמאנטען פעראיין.

מיר, די גרינדער, פילען זיך ווי זיגער, ווייל מיר געדיינקען ווי שווער ס׳איז אונז אנגעקומען צו גרינדען דעם פעראיין. ס׳איז איינפאך אנגעפירט געווארען א קאמף מצד געוויסע פערזאנען ניט צו דערלאזען, אז ס׳זאל עקזיסטירען אין שיקאגא א מאהילעווער פעראיין. כ׳נעם זיך ניט אונטער איבערצוגעבען אין דעם ארטיקעל אלץ וואס איז דעמאלט פארגעקומען. בלויז איין בילד וועט דאס אילוסטרירען. מיר שטעלט זיך פאר ווי דאס וואלט נעכטען געוועזן:

25 יאר צוריק: — כ׳קום פון דער ארבייט אין א געוויסען טאג און טרעף משה לעווין, ליפע לעווין ארגומענטירען: ווי אזוי קען מען באווייזען צוזאמענצוקלייבען אלע מאהילעווער, וועלכע געפינען זיך אין שיקאגא. „צו וואס דארפט איר זיי?“ פרעג איך. „אין דעם יאר פאלט אוים שמחת תורה זונטאג, ווילען מיר פארברייננגען שמחת תורה ווי אין דער אלטער היים“ — ענטפערען זיי מיר.

די מאהילעווער, פיל זיינען אין שיקאגא ניט געווען, זיינען צעשפרייט געווען איבערען שטאדט. קיין עלעקטרישע קארס זיינען דאן ניט געווען. קארס ווי אמאליגע קאנקעס זיינען געפירט געווארען פון פערד. צונויפברייננגען אלע אין איין באשטימטען טאג איז געווען א שווערע ארבייט. מיר האבען אבער בעשלאסען דעם פלאן דורכצופירען. מיר האבען צוגעצויגען חבר נייטען קאהן און זיך גענומען צו דער ארב‏יט. ס׳זיינען דאן געבליבען צען טעג צו שמחת תורה. מיר האבען געגרינדעט א קאמיטעט פון די לאנדסלייט: הירשע באלטער, סיגל און א. טערמאן. דער קאמיטעט האט גענומען צוגרייטען: געדונגען א האלל, געקראגען א ספר־תורה, צוגעגרייט עסען און משקה. אלע האבען פלייסיג געארבייט אבער א שטארקע אומרוהיגקייט האט אונז באהערשט: וואס וועלען מיר טאן אז קיינער וועט ניט קומען? וואס וועלען מיר טאן מיט אלץ וואס מיר האבען צוגעגרייט?



Photo by Cambell Studio, Chicago.

יובילעאום קאמיטעט:

איוב ענטין, איוב קראל, יוסף סאגאווער, מ. לייקין, ב. ראטנער, מוני שאפאטקין,
הערי קאהן, י. ס. גאללין, זלמן ניימארק, הערי לעווין, י. קאראפאף און ב. שאפירא.

אונזער אומרוהיגקייט איז געווען אַ אומזיסטע. אונז האָט דערוואַרטעט אַ שטאַרקע איבעראַשונג. פּונקט שבת זיבען אַזייגער אין אָווענט זיינען אַלע מאָהילעווער געקומען פאַרברייננגען שמחת תורה צוזאַמען ווי איין גרויסע משפחה. די אינציאַטאָרען זיינען שטאַרק געלויבט געוואָרען פאַר ניט פאַרפעלען איינצולאַדען אפילו קיין איין לאַנדסמאַן. מיר האָבען גלייך גענומען הוליען. וואָס זאָל איך אייך דערציילען, אין דער אַלטער היים האָט מען ניט אַזוי געהוליעט. אין יענער צייט איז פּראָהיבישאַן ניט געווען, בראָנפען איז געווען ביליג. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מיר האָבען ניט אָנגעגרייט גענוג צו עסען און טרינקען. דער קאָמיטעט האָט בעשלאָסען צו באַזוכען איינִיגע מאָהילעווער פאַמיליעס אין דער נאַכבאַרשאַפט און נעמען דאָרט מיט גוטען אָדער מיט בייזען. אַלץ וואָס מ׳וועט נאָר קענען. אַזוי האָט מען טאַקי געטאָן. משה לעווין, הירשע באַלטער, סיגל, אַ. טערמאַן האָבען באַזוכט איינִיגע מאָהילעווער, און ווען די ווייבער האָבען זיי ניט געוואָלט געבען, האָבען זיי פּשוט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויפ׳ן גרונט דאָס שמחת תורה איז אַלץ דערלויבט. מיר האָבען דאַן ווייטער געהאַט גענוג צו עסען און טרינקען און מיר האָבען ווייטער געהוליעט ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט.

אָט אין יענע פריילאַכע שטונדען, ווען מיר זיינען געזעסען ביים טיש און זיך געלאָזט וואויל־געהן, האָב איך געמאַכט אַ פאָרשלאַג, דאָס מיר זאָלען גרינדען אַ מאָהילעווער פאַראיין. אַלע אַ חוץ איינער האָבען צוגעשטימט. דער איינציגער געגנער האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן: — ס׳מעג זיך בלוט גיסען וועל איך ניט דערלאָזען אַז דאָ אין דער „נאָרד סייד" זאָל זיך גרינדען אַ סאָסייטי."

די אורזאַך פון דעם פּערזאָנס געגנערשאַפט איז געווען די:—מיט אַ יאָר און אַ האַלב צוריק האָט זיך געגרינדעט אין שיקאַגאָ, טאַקע אין דער נאָרד סייד אַ פאַראיין, „היברו וואָירקערס" און דער שרייער הענרי קאַץ איז געווען דער גרינדער און פירער. קורץ, מיר האָבען פון אים געהאַט געברענטע צרות. מ׳זאָגט אַמאָל אַ ווערטעל, אַז אַ מאָל קאָן אַ קאַץ אויך קאַליע מאַכען. מיר האָבען אָט דער געפערליכער קאַץ אָנגעטראָפען אויף יעדען טריט וואָס מיר האָבען געמאַכט. פאַר וואָס האָט ער אונז אַזוי שטאַרק באַקעמפט און פאַר וואָס האָבען מיר געהאַט פון אים אַזוי פיל שטערונגען קען מען אַזוי דערקלערען:

מיט 25 יאָר צוריק האָבען די מאָהילעווער לאַנדסלייט געאַרבייט ביי אייזען־דראָטען אין דער „גערבער פאַבריק". עס האָט ניט אויסגעמאַכט צו איינער איז געווען אַ גאָלד אַרבייטער, אָדער אַ גאַרבער, אַזוי שנעל ווי אַ גרינער איז געקומען האָט מען אים אַוועקגעשלעפּט אין יענער פאַבריק. הענרי קאַץ איז געווען אין יענער פאַבריק אַ פאָרמאַן צוזאַמען מיט אים איז געווען דאָרט אַ צווייטער פירער פון די „היברו וואָירקערס" איינער מיט׳ן נאָמען וויים. נו, קענט איר זיך פאָרשטעלען, אַז זיי זענען געווען די „פאָרלייט" איבער די מאָהילעווער לאַנדסלייט האָבען זיי געקענט מאַכען מיט זיי וואָס זיי האָבען נאָר געוואָלט. אַלע מאָהילעווער האָבען געמוזט בעלאַנגען צו די „היברו וויאָרקערס". אין שאַפּ און אויף זייערע מיטינג האָט מען נאָר געהאַלטען אין איין רעדען, ווי אַזוי ניט צו דערלאָזען אַז ס׳זאָל עקזיסטירען אַ מאָהילעווער פאַראיין. איך בין אויך געווען אַ מיטגליד פון די „היברו וויאָרקערס" אָבער צו זייערע מיטינגס האָט מען מיר פאַרווערט צו קומען דראָהענדיג מיר אָנצוקלאַפּען און צוברעכען די ביינער, אויב כ׳וועל יע קומען. איך האָב זיך פאַר זיי ניט געשראָקען, ווייל כ׳האָב ביי אייזען־דראָטען ניט געאַרבייט. די אַנדערע לאַנדסלייט אָבער פלעגען טאָן וואָס מ׳האָט זיי געהייסען. ווען איינער למשל, איז געוואָרען אַ מיטגלידער פון אונזער פאַראיין איז ער שוין צום צווייטען מיטינג ניט געקומען.

אַ צווייטער וואָס האָט אונז געשטערט איז געווען הערדי הארווין, אויך אַ שטאַרקער פּאַטריאָט פון די „היברו וואָירקערס" פון איט איז געווען שווער זיך צו באַהאַלטען. איך און נייטען קאָהן האָבען דאַן געוואוינט אין איין הויז מיט אים. ער איז אָפט אַריינגעקומען צו מיין ברודער משה לעווין און דאָרט געטראָפען מיר און נ. קאָהן. ער פלעגט פון אונז שטאַרק לאַכען, רופען אונז נאַראָנים, און זוכען אונז איבערצייגען אַז מיר וועלען קיינמאָל ניט האָבען אין שיקאַגאָ קיין מאָהילעווער פאַראיין. ער פלעגט אַזש מיעד ווערען רעדענדיג און ביים אַוועקגעהן פלעגט ער מיט כעס אויסשרייען אויסשטרעקענדיג דערביי זיין האַנט: „אַזוי ווי דאָ קאָן גראָז ניט וואַקסען אַזוי וועט איר ניט האָבען קיין מאָהילעווער סאָסייטי."

די לאַגע פון אונזער פאַראיין איז דעמאָלט געווען גאָר אַ שלעכטע. מיטגלידער זיינען ניט צוגעקומען, פאַרקערט, וואָס ווייטער זיינען די אַלטע מיטגלידער אַרויסגעפאַלען. קיין געלט אין דער קאַסע איז ניט געווען. נייטען קאָהן איז געווען אַנטוישט און האָט מיר איינמאָל געזאָגט:— „אין פאַל דער פאַראיין וועט אונטערגעהן, וועל איך פאַרלאָזען שיקאַגאָ" אום כ׳זאָל זיך ניט באַגעגענען מיט אונזערע שטערער און געגנער.

איך האָב דעמאָלט געגעבען אַ עצה, צוזאַמען רופען די אַקטיווע מיטגלידער פון פאַראיין און זוכען וועגען און מיטלען ווי אַזוי דעם פאַראיין אויפצולעבען. אַזוי האָבען מיר געטאָן. ס׳זיינען געקומען: משה

לעווין, סיגל, הערשי באלטער, א. טערמאן, זלאטקין, און וו. טערמאן. מיר האָבען באַטראַכט איינס פון די צוויי, אָדער אויפגעבען דעם פאַראיין אינגאַנצען אָדער געפינען מיטלען און וועגען צו פאַרגרעסערען די מיטגלידערשאַפט או פאַרגרעסערען די פינאַנסען. ס'איז בעשלאָסען געוואָרען צו אָרגאַניזירען אַ קאָנצערט און באַל אום צו האָבען אַ מעגליכקייט צוזאַמענקלייבען ווידער אַלע מאָהילעווער לאַנדסלייט. מיר האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט. געדונגען אַ האָל אויף שיקאַגאָ עוו. מיט'ן נאָמען „דו האָלל" און געמאַכט ווייטערדיגע פאַרבאַרייטונגען. אַזא אונטערנעמונג איז דאַן געווען ניט לייכט דורכצופירען, באַזונדערס, ווען די טוער זיינען געווען אַלע „גרינע" דער באַל איז געווען אַ ערפאָלג־דייכער. מיר האָבען געמאַכט איבער הונדערט דאָלאַר פראָפיט. איבעראַל האָט מען גערעדט ווי שעהן דער קאָנצערט איז דורכגעפירט געוואָרען. מ'קען זאָגען אַז די דערמאָנטע אונטערנעמונג האָט פאַרזיגעלט אונזער גורל אַז דער מאָהילעווער פאַראיין וועט עקזיסטירען.

נאָכדעם האָבען אונזערע געגנער צוגעמאַכט זייערע מיילער. זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז זייערע רייד ועלען ניט העלפען. אונזער פאַראיין האָט אָנגעהויבען וואַקסען צו יעדען מיטינג זיינען צוגעקומען נייע מיטגלידער. אַלע האָבען געצאָלט פינקטליך זייער „דיוס". דערביי איז ווערט צו באַמערקען אַ קליינינקען עפּיזאָד: הערשי הארווין, איינער פון אונזערע געגנער, האָט געזאָגט איינמאָל צו משה לעווין, אַז אויב איך און נייטען קאָהן וועלען אים ניט „בלעקבאָלען" ווערט ער אַ מיטגליד פון פאַראיין. ווען איך האָב זיך דערוואוסט וועגען דעם האָב איך אויסגעשטרעקט מיין האַנט צו משה לעווין און געזאָגט: „אַזוי ווי דאָ קען גראָז וואַקסען, אַזוי קען הערשי הארווין ווערען אַ מיטגליד פון מאָהילעווער פאַראיין." כ'האָב זיך דאַן געפילט ווי אַ זיגער איבער אַלע שונאים און באַנוצט די זעלבע ווערטער וואָס דער זעלבער געגנער האָט אַמאָל געזאָגט, וועגען דער עקזיסטענץ פון אונזער פאַראיין. שפּעטער האָבען מיר דעם זעלבען ה. הארווין יע אריינגענומען און ער איז אַ לאַנגע צייט געווען שטאַרק טעטיג און איבערגעגעבען צו אונזער פאַראיין.

אין די פריערדיגע שורות האָב איך דערציילט ווי אַזוי דער פאַראיין האָט זיך געגרינדעט. וועגען די אויפטואונגען פון פאַראיין און וועגען די פערזאָנען וועלכע האָבען געאַרבייט פאַר זיינע אינטערעסען זאָלען שרייבען אַנדערע, איך האָב בלויז גערעדט וועגען דער גרינדונג און וועגען די פערזאָנען וועלכע זיינען געווען מיט דעם פאַרבונדען. פון די גרינדער זיינען ה. סיגל, ב. שאַפּירא און דער שרייבער פון דעם אַרטיקעל, נאָך ביז היינטיגען טאָג אומערמידליכע טוער פאַר'ן מאָהי־לעווער פאַראיין.

כ'וועל איצט אַרויסזאָגען מיין מיינונג וועגען איייניגע פראַגען וועלכע האָבען אַ שייכות צו אונזער פאַראיין. מ'פרעגט די מאָהילעווער: „פאַרוואָס נעמט איר אריין אַלס מיטגלידער נאָר א ז ו י נ ע וואָס קומען פון מאָהילעוו און מאָהילעווער גוב. ס'מאַכט דעם איינדרוק אַז איר טיילט זיך אָפּ פון אַלעמען און ווילט פון קיינעם ניט וויסען." ס'איז ווייט ניט אמת, אַז די מאָהילעווער האָבען זיך אָפּגעטיילט פון אַלעמען. 100 פּראָצענט פון אונזערע מיטגלידער געהערען צו פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס דער פאַראיין אַלס גאַנצער אינטערעסירט זיך און רופט זיך אָפּ אויף יעדער דערשיינונג וואָס קומט פאָר אין אידישען לעבען ניט ווייניגער פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. איצט: פאַר וואָס נעמען מיר אריין אַלס מיטגלידער בלויז מאָהילעווער? גאַנץ פּשוט, ווען אונזער פאַראיין וואָלט געווען אָפען פאַר אַלעמען וואָלטען מיר ניט געקענט טאָן אַזוי פיל וויכטיגע ארבייטען פאַר דער שטאָדט מאָהילעוו, ווי מיר האָבען געטאָן. למשל, ווען מיר האָבען מיטגלידער גאַליציאַנער אידען, רומענער אידען, אָדער אפילו ליטוואַקעס וואָלטען זיי געווים פּראָטעסטירט און ניט דערלאָזט אַז מיר זאָלען העלפען בלויז, אָדער אַזוי פיל, די שטאָדט מאָהילעוו און אומגעגענט. אַ געוויסער עפּיזאָד וועט אילוסטרירען די זאַך:

מיט אַ יאָר צוריק, איז געקומען צו אונז אַ בלינדער איד און זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ קאָרמער פון מאָהי־לעווער גוב. ער האָט געבעטען הילף, געלט צו פאָרען קיין פילאַדעלפיא. מיר האָבען אים געגעבען 40 דאָלאַר פאַר אַ בילעט קיין פילאַדעלפיא און דערצו נאָך 40 דאָלאַר אין קעשענע. נו, וואָלט ער געקראָגען אַזוי פיל שטיצע אין אַנ'אַנדער פאַראיין? געווים ניט. פאַקטיש האָט ער זיך געווענדעט פריער צו מאָריס לעווין און אָנגעפרעגט צו ווענען ער זאָל זיך ווענדען נאָך הילף. מ. לעווין האָט אים געבראַכט צו אונזער פאַראיין ניט קוקענדיג וואָס ער, מ. לעווין, איז אויך אַ מיטגליד פון „מאָהילעווער בר. אַרבייטער רינג" פאַרוואָס? ווייל אין אַרבייטער רינג בר. מיט'ן נאָמען מאָהילעווער זענען דאָ מיטגלידער פון אַנדערע ערטער אין רוסלאַנד, ניט בלויז פון מאָהילעווער גוב., און דערפאַר וואָלט דער איד ניט אַרויסגערופען דאָרט די אויפמערקזאַמ־קייט און אינטערעס ווי ער האָט דאָס געטאָן ביי אונז.

כ'וועל דערפאַר טאַקי זאָגען צו אַלע מיטגלידער ביי וועמען זייער אַלטע היים מאָהילעוו איז טייער. איר זאָלט קיינמאָל ניט דערלאָזען אַז דער פאַראיין

זאָל זיין אָפּען פאַר אַלעמען. אונזער היים וועט נאָך גאַנץ לאַנג דאַרפען אונזער הילף און אויב ניט מיר, ווער וועט איר שטיצען? מיר זיינען אירע קינדער. אויסער דעם קען קיינער ניט וויסען וואָס ס׳קען זיך טרעפען מיט אַ לאַנדסמאַן דאָ אין דער גאָלדענער אַמעריקאַ...

איצט וועגען אַ צווייטע פראַגע: איינינגע פון אונזערע יונגערע מיטגלידער פּרעטענדירען אַז זיי האָבען געמאַכט דעם פאַראיין פּראָגרעסיוו, ראַדיקאַל. ניט אינגאַנצען ריכטיג. אונזער פאַראיין איז געווען פּראָגרעסיוו, ווען ער האָט זיך געגרינדעט. אונזער ערשטער פּרעזידענט איז געווען אַנ׳אַנאַרכיסט. די ערשטע „רעקאָרדינג און פינאַנשעל סעקרעטאַרען״ זיינען געווען סאָציאַליסטען ס׳מאַכט ניט אויס וואָס זיי זיינען איצט. פיל האָבען זיך פון יענער צייט ביז איצט איבערגעקוליעט... אויך שפּעטער האָבען מיר געהאַט אַ פּרעזידענט אַ פייערדיגער אַנאַרכיסט טאַקי אונזער ברודער סיגל. אַלזאָ ווי איר זעט איז אונזער פאַראיין שטענדיג געווען פול מיט פאַרשידענע איסטען. און אַזוי ווי ס׳איז געווען אַמאָל אַזוי, איז איצט אויך. נאַטירליך איצט זיינען דאָ מער איסטען. ס׳פּאַסירט אָפּט אַז אַ סאָציאַליסט צו האַמפּערט זיך מיט אַ קאָמוניסט, האָט אונז גאָט דערפאַר צוגעשיקט אַ „מייערס לאַנטשרום״ אַנטקעגען דעם זאָל ווי מיר האַלטען אונזערע מיטינגען. איז נאָך דעם מיטינג געהט דער סאָציאַליסט מיט׳ן קאָמוניסט אין „לאַנטש רום״ און מ׳בעט זיך איבער ביי אַ גלעזעל טעה. ס׳פּאַסירט אָפּט דערביי אַז אַ רעכטער סאָציאַליסט ווערט אַ קאָמוניסט און פאַרקערט... נאָך מער, מיר האָבען אַ ברודער וואָס צוקריגט זיך ביי יעדען מיטינג מיט אַלעמען אויסער דעם פּרעזידענט. ער האָט אַ נאַטור, אַז איינער זאָגט טאָג זאָגט ער נאַכט. נו, ביי אַ גלעזעל טעה ווערט ער ווידער אַ גוטער פריינד מיט די אַלע וועלכע ער האָט זיך צוקריגט ביז אַ צווייטען מיטינג. אַזוי איז ביי אונז שלום ושלוה. שפּאַלטונגען ווי ס׳קומען פאָר אין ארבייטער רינג, יוניאָנס, אָדער אַנדערע אָרגאַניזאַציעס — פון דעם ווייסען מיר ניט.

איצט איינינגע ווערטער וועגען מאָהילעווער בר. אַרבייטער רינג. מיט דריי יאָר צוריק האָט דער דערמאָנטער בר. געפייערט זיין 15 יאָריגען יובילעאום. זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ סאָוועניר בוך אין וועלכען דר. גאַלין האָט געשריבען ווי אַזוי דער בר. האָט זיך געגרינדעט און צוליב וואָס פאַר אַ צוועקען. דר. גאַלין באַמערקט דאָרט אַז אונזער פאַראיין „בראָדערהוד אָף מאָהילעוו״, איז געווען ניט גענוג ראַדיקאַל. ער איז געווען אָרטאָדאָקסיש. דערפאַר האָט זיך געגרינדעט דער אַרבייטער רינג בר., וואו זיי האָבען געזוכט צו געפונען אידעאַליזם און אַ ראַדיקאַל פּראָגרעסיווען גייסט.

כ׳וועל ביי דער געלעגענהייט זאָגען: כ׳באַשולדיג ניט דר. גאַלין. ער איז געווען ניט ריכטיג אינפאָרמירט. ווען דער פאַראיין האָט זיך געגרינדעט, איז ער אין שיקאַגאָ ניט געווען. דער אמת איז, אַז דער בר. האָט זיך געגרינדעט אַ דאַנק דעם מאָהילעווער פאַראיין, דורך אַ געוויסען צופאַל: מיט 19 יאָר צוריק האָבען מיר געהערט, אַז אין מאָהילעוו זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען. איינינגע פון אונזערע מיטגלידער האָבען אָרגאַניזירט אַ זעלבסט פאַרטיידיגונג פאַראיין. געקליבען געלד און געשיקט קיין מאָהילעוו, אַז זיי זאָלען דאָרט קויפען געווער און זיך פאַרטיידיגען קעגען די „פּאָגראָמטשיקעס״. שפּעטער האָט דער פאַראיין זיך אויפגעלעזט. ס׳זיינען געווען מיטגלידער און ס׳איז געבליבען געלד, האָט מען גענומען טראַכטען וואָס זאָל מען טאָן. בענענסאָן אַן אַקטיווער מיטגלידער פון אַרבייטער רינג, איז דאַן אויך געווען אַ מיטגלידער פון מאָהילעווער פאַראיין. קורץ, דער זעלבער בענענסאָן האָט דאַן אויסגענוצט זיין איינפלוס און ווירקונג און ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער מאָהילעווער בר. אַרבייטער רינג, וועלכער עקזיסטירט נאָך איצט.

אַלזאָ, כ׳וועל נאָך אַמאָל באַהויפּטען, אַז דער אַרבייטער רינג בר. איז געגרינדעט געוואָרען ניט דערפאַר וואָס געוויסע מיטגלידער האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען די וואָכעדיגקייט און קאָנסערוואַטיווען גייסט וואָס זאָל כלומר׳שט האָבען געהערשט אין מאָהילעווער פאַראיין, און זיינען געגאַנגען זוכען עפּעס שענערס אין אַרבייטער רינג. נעמט למשל, די ברידער סעם לעווין, עליקס לעווין, מעקס באַראַרד און דער שרייבער פון די צייל׳ען, אויך דר. גרינשפּאָן. זיי זענען געוואָרען מיטגלידער פון אַרבייטער רינג בר. די אַלע האָבען געקענט פאַרטראָגען דעם מאָהילעווער פאַראיין. געפערליכע רעוואָלוציאָנערען זיינען זיי ניט געווען און זענען אויך איצט ניט. אויב ווער ס׳איז וואָלט געוואָלט זיך אינטערעסירען מיט סאָציאַליזם, וואָלט ער זיך אָנגעשלאָסען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין דער אמת׳ן האָבען מיר ניט געפינען אין אַרבייטער רינג מער ראַדיקאַליזם אָדער אידעאַליזם, ווי אין דער „אַמעריקאַן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו.״ יועז מיר בלעטערען דורך די „רעקאָרדס״ פון מאָהילעווער פאַראיין זעהען מיר אַז ער האָט ביינגעשטייערט צו סאָציאַליסטישע „קאַמפּיינס״, געשטיצט סטרייקס. ווען מען האָט אויסגעפונען אַז אונזערער



הירש לעווין,

יעצטיגער פרעזידענט און

איינער פון די ערשטע

גרינדער



משה לעווין

דער ערשטער וויים־פרעזידענט



נייטען קאָהן

דער ערשטער רעקאָרדינג סעקרעטאר

א מיטגלידער איז געווען א „סקעב", האָבען מיר אים סוספענדירט. דער אונטערשיעד צווישען אונזער פאראיין און ארבייטער רינג בר. איז גאָר א קליינער. פיליכט בלויז דער פאר וואָס מיר האָבען ניט קיין אָפיציעלען ראַדיקאַלען שטעמפּעל און דיינקען אז אן אָרטאָדאָקסישער איד איז אויך בארעכטיגט צו אונזער הילף, ווען ער איז אין נויט.

צום שלום וויל איך באגריסען אלע וועלכע פייערען איצט דעם 25 יאָריגען יובילייַ פון מאָהילעווער פאראיין. כ'האָף אז מיר וועלען אלע דערלעבען צו פייערען דעם 50 יאָריגען יובילייַ און מיר וועלען דעמאָלט קענען דערציילען וועגען נוצלאכע און וויכטיגע געזעלשאפטליכע אויפטוען אויף דעם געביט פון שטיצע צו אונזער אלטער היים און אויף דעם געביט פון אלגעמיינע אידישע געזעלשאפטליכע ענינים, וועלכע וועלען ווי א קרוין באצירען די עקזיסטענץ פון אונזער לאנדסמאנשאפט פאראיין „אמעריקאן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו."

שמואל ניגער

# אונזער לאנדסמאנשאפט — דאס איז אונזער יחוס-בריוו אין אמעריקא

מיר האָבען דאָ אַ היינט; מיר גלויבען, אז מיר האָבען אויך אַ צוקונפט דאָ אין לאנד; אָבער דער שורש, דער טיפער קוואַל, וואָס נערט אונז גייסטיג, מאָראַליש,—ער איז ניט דאָ. ער איז אין דער היים. און אז מיר וועלען לאָזען וואָרצלען אין דער נייער ערד, וועלען זיי ניט זיין גענוג טיף, זיי וועלען מוזען ציהען זאַפט און חיות פון אונזער אַלט־היימישען באָדען.

די אַלטע היים — זי איז נישט נאָר אונזער אַ מ אָ ל. אָן איהר וועגדט זיך גייסטיג אויך אונזער ש פּ ע ט ע ר ע. אין איהר ליגען באַהאַלטען די כחות, וואָס זיינען נויטיג פאַר נייע גייסטיגע אויפטואונגען דאָ אין אַמעריקא.

די האַלטע היים — זי איז נישט נאָר אונזער יחוס, זי איז דער קוואַל פון אונזערע האָפנונגען.

שמואל ניגער (טשאַרני) דער באַריהמטער אידי־שער קריטיקער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1884 אין דוקאר, מינסקער גוב. אין אַ בעל הבית'־ישע חסידישע פאַמיליע. זיין ערשטע ערציאונג האָט ער באַקומען אין חדר און שפּעטער געפאָהרען קיין מינסק וואו ער האָט ביז 17 יאָהר געלערענט גמרא און צוגלייכער צייט זיך אָפּגעגעבען מיט אַל־געמיינער בילדונג. זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט פאַנגט זיך אָן אין 1906 אַלס נאָהענטער מיטאַרביי־טער פון וואָכען־בלאַט „דער נייער וועג". ש. ניגער האָט אָבער פריהער געשריבען (ניט געדרוקט) העב־רעאיש און רוסיש. דאָס ערשטע אַרטיקעל זיינס האָט געטראָגען דעם נאָמען „די טראַגעדיע פון גלות", פון דאַן הויבט ער אָן אָפּט אַנטייל נעמען אין פאַר־שידענע ליטעראַרישע אויסגאַבען. אין יאָהר 1908 איז ער געוועזען דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע מאָנאַט שריפטען" און זיך באַ־טייליגט אין יענער צייט און אויך שפּעטער אין „טאָג" אין ווילנאַ „דער פריינד" דאָס „נייע לע־בען" די „צוקונפט" „די אידישע וועלט" „לעבען און וויסענשאַפט" און אַרויסגעגעבען און רעדאַגירט אַ גאַנצע רייע זאַמעלביכער. די אַרטיקלען זיינען איבערהויפּט געווען איבער קולטורעלע פראַגען, אַל־געמיינע פּובליציסטישע און רעצענזיעס. פון זיינע גרעסערע אַרבייטען זיינען פון זיין ערשטע שאַ־פונגס־פּעריאָדע באַרימט געוואָרען די קריטישע אַרטיקלען איבער מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, פּרץ, פּינסקי, רייזען, נאָמבערג, אַש, וויי־סענבערג, בערקאָוויטש, יצחק בער לעווענזאָהן, שאַ־פּיראָ, ביאַליק, בעל־מחשבות און אַנדערע. אין פאַרלאַג ז. ש. שרעברעק זיינען ערשינען זיינע צוויי ביכער וואָס זיינען אַ זאַמלונג פון זיינע גרעסערע אַרטיקלען.

פון יאָהר 1911 ביז איצט האָט ש. ניגער וועל־כער איז איינער פון די בויער פון דער אידישער ליטעראַטור, רעדאַגירט דעם לעקסיקאָן פון די אידי־שע שרייבער וואָס זלמן רייזען האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1911. רעדאַגירט דעם „פּנקס" (אַ יאָהר בוך פאַר דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַ־טור, שפּראַך, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע) רעדאַ־גירט דעם מאָנאַטליכען זשורנאַל „די אידישע וועלט" „די וואָך" אין ווילנאַ, אַ זאַמעלבוך צום אנדענקען פון שלום עליכם אין פעטערבורג, „קולטור און בילדונג" אין מאָסקווע, די „נייע וועלט" אין ווילנאַ וואָס עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון ליטווישען בילדונגס קאָמיסאַריאַט און אין ניו יאָרק „דאָס נייע לעבען" צוזאַמען מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי און די ליטעראַרישע אָפּטיילונג פון „טעאַליט".

מיט אַ צייט צוריק האָבען אין ניו יאָרק געזאָלט ערשיינען זיינע נייע ווערק „שמועסען וועגען ביכער" און אַנדערע זאַכען. אָבער לײדער איז די אַרבייט אָפּגעשטעלט געוואָרען אינמיטען זעצען צו־ליב אַ טעכנישע זייט פון פאַרלאַג „אידיש" וואָס האָט די ווערק אונטערגענומען אַרויסצוגעבען.

ש. ניגער איז לעצטענס פאַרנומען מיט אַ גרע־סערע ליטעראַרישע אַרבייט, זאַמלענדיג מאַטעריאַל צו אַ געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור.

ש. ניגער געפינט זיך די לעצטע עטלאַכע יאָהר אין ניו יאָרק וואו ער איז אַ שטענדיגער מיטאַר־בייטער פון „טאָג" און רופט זיך אָפּ אויף יעדער וויכטיגער ערשיינונג פון אידישען לעבען, סיי בנוגע ליטעראַטור און סי בנוגע אַלגעמיינע קולטו־רעלע און געזעלשאַפטליכע פראַגען.

די רעדאַקציע.

אנטקעגנען וואס זאג איך דאס? אנטקעגנען דעם וואס די לאנדסמאנשאפט, דער אויסדרוק פון אונזער צוגעבונדענקייט צו דער אלטער היים, איז געווארען ביי אונז צו ביליג.

א צדקה־פושקע הענגט אויף די טירען פון אונזערע לאנדסמאנשאפט ארגאניזאציעס — און דערמיט זיינען מיר יוצא.

זיי, די היימישע, הייסט עס, זיינען פעראָרעמט, פארעלענדט געווארען, אבער אונז האט גאט געהאלפען — מאגען מיר ביי זיך אליין הילף פאר זיי, די אומבאהאלפענע.

מיר שפילען די ראליע פון רייכע פעטערס.

איז — מהיכי תיתי! זאלען אונזערע לאנדסמאנשאפטען זיין די רייכע קרובים, זאלען זיי געבען (נישט נאר טומלען!). ניטא קיין שענערע זאך ווי געבען. און ס'איז ניטא קיין נויטיגערע זאך אין דער ביטערער צייט, ווען אונזערע ברידער לעבען איבער אויף יענער זייט ים, זינט דעם וועלט־קריג.

אבער — איז דאס ניט צו־ווינציג? איז דאס ניט קיין פארבילינונג, קיין פארשוועכונג פון דעם טייערען ווארט היים, ווען עס זאל זיך דערמיט פארבינדען ביי אונז, נאר די פארשטעלונג פון עלענט און ארימקייט? איז נישטא דארט נאך עפעס, אחוץ נויט און צרה'ס?

וואו איז די שעהנקייט, וואו איז די גייסטיגע רייכקייט, די ריינקייט, וואס ניט איינער פון אונז האט דארט פארמאגט? וואו איז דאס ליכט, וואס שטראלט צו אונז אהער פון דארט אין מינוטען פון בענקשאפט, ווען מיר פארטראכטען זיך און דערמאנען זיך אן יענע טעג, ווען מיר האבען געלערנט, שטודירט, געוועזן פארטאן אין הויכע ענינים, געדאוונט מיט כונה, הארציג געזונגען אדער נאר געקעמפט און געליטען מיט יוגענטליכער פרייד פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט? וואו זיינען יענע טעג און יענע יארען? וואו זיינען זיי אהינגעקומען? האבען זיי גארניט געלאזען נאך זיך קיין שפורען?

געוויס זיינען פאראן שפורען פון דער שעהנקייט, פון די שטראלען ליכט, פון די אוצרות, וואס זיינען ערשט דא ניט לאנג געווען אונזערע, נאר דאס טומעלדיגע האט זיי פארשטעלט פון אונז, פארשאטענט. דארפען קומען די ארגאניזאציעס פון די לאנדסמאנשאפטען, ווי אויך אנדערע ארגאניזאציעס, און פארטרייבען די שאטענס, צונעמען די ווענט, די מחיצה'ס וואס פארשטעלען פון אונז דעם שיין, דאס ליכט פון אונזער גייסטיג פארמעגען.

עס מוז נעהמען א סוף צו דער איינרייזעניש, אז מיר זיינען די געבערס, די בעל־צדקה'ס — און דאס איז אלץ, וואס עס פאדערט זיך פון אונז. מיר קאנען געבען געלט, ווען מיר זאלען וועלען, געוויס. אבער וואס איז עפעס מכח אנדערע ענינים, א חוץ צדקה? וואס איז מכח דעם חוב, וואס מיר קומען יענעם ארימען קרוב אונזערען, וואס הייסט „מענשליכער גייסט" און וואס איז דא פון אונז פארשטופט געווארען ערגעץ אין א ווינקעל?

אונזער גייסט איז עלענט און אונבאהאלפען, כאטש ער שרייט ניט און רופט ניט נאך הילף, ווי עס שרייט און רופט די מאטעריאלע נויט פון די אידען אויף יענער זייט ים. מיר וואלטען פארציטערט געווארען, ווען מיר זאלען האבען אויערען צו הערען די שטומקייט פון אונזער היגען גייסטיגען לעבען. אין זיין שטומקייט איז דער וועהטאג טיפער, ווי אין די נויטגעשרייען פון הונגעריגע. אונזער גייסט האט שוין אויפגעהערט צו פיהלען זיין הונגער. ער שווייגט. און דאס איז דאס ערגסטע, דאס געפעהרליכסטע.

וואס אונז איז נויטיג, ווי לופט צו אטעמען, איז אביסעל אפעטיט צו גייסטיגער נערונג.

וועקען דעם אפעטיט, דעם הונגער פון דער נשמה, וואלטען די לאנדסמאנשאפט־ארגאניזאציעס געקאנט זעהר לייכט. זיי דארפען נאר אנהויבען מאלען פאר זייערע מיטגלידער בילדער פון דעם גייסטיגען פארמעגען, נישט נאר פון דער מאטעריעלער נויט, וואס איז דא אויף יענער זייט ים.

די מאטעריעלע נויט פון אונזערע ברידער מאכט אונז פאר געבערס, דאס בילד פון גייסטיגער רייכקייט וואלט אנגעצונדען אין אונז א פערלאנג צו ווערען נעמערס אין גייסטיגען זינען, ד. ה. פשוט צו וועלען עפעס לערנען, און צו פיהלען זיך פארבונדען מיט'ן אידישען לעבען, גייסטיג, נישט נאר אין דער פארם פון צדקה און „רעליף".

מיר און אונזערע היימישע ברידער, זיינען נותנים און מקבלים. מיר דארפען ווערען שותפים.

צו דעם שותפות מיט דער קולטור פון דער אלטער היים וועלען מיר נישט צולעגען. מיר קאנען נאר געווינען פון דעם.

מיר זיינען שטאלץ, וואס מיר האבען געשטיצט די אדער יענע קולטורעלע אינסטיטוציעס אין פוילען, אין ליטע, אין רומעניע. מיר מעגען זיין שטאלץ! אבער מיר קאנען זיך דאך פארגינען צו האבען אליין אזוינע אינסטיטוציעס! וועלען מיר ניט נאר האבען „פארדינט א מצוה", נאר אויך האבען געהאלפען זיך אליין.

זיי האבען דארט, צום ביישפיל, פאלקס אוניווערזיטעטען, כל־ערליי קורסען פאר דערוואקסענע.

פאַרוואָס זאָלען אונזערע לאַנדסמאַנשאַפטען דאָ־הי נישט האָבען אַזעלכע בילדונגס אַנשטאַלטען? ווע־לען זיך נישט געפינען צווישען זייערע מיטגלידער אַזוינע, וואָס וואָלטען וועלען זיך דערמאָנען, וואָס זיי האָבען געלערענט אַמאָל, אָדער לערנען עפּעס אַ נייע זאַך? זיינען שוין גאָר ניטאָ אַזעלכע, וואָס זיי־נען גרייט אָפּצושפּאָרען אַביסעל צייט פון „פּינאַ־קעל“, פון די „מואוויס“, פון דער „מאַשין“ פאַר אַ מעהר רוחניות'דיגען פאַרגעניגען?

עס זיינען פאַראַן אַזוינע! אויב נישט צווישען די עלטערע, די פאַרביזנעוועטע און פאַרוואָכעדיגטע, איז צווישען דער יוגענט.

מיר איז אויסגקומען צו זיין אין „ליטעראַרישע קלובס“ פון כל־ערליי לאַנדסמאַנשאַפטס גרופּען, און איך האָב געזעהן, אַז מען קומט אַהין נישט נאָר טאַנ־צען און האָבען אַ „גוד־טיים“. מען וויל אויך הערען אַ גוט וואָרט און עפּעס לערנען. אָבער די קליינע פאַראיינען זיינען אונבאַהאָלפען: עס פעהלען זיי מיטלען, סיי גייסטיגע, סיי מאַטעריעלע. די גרויסע פאַראייניגטע לאַנדסמאַנשאַפטס־אָרגאַניזאַציעס וואָל־טען געקאָנט זיי קומען צו הילף. זיי וואָלטען געקאָנט צוגעבען דער גאַנצער אַרבייט אַ ברייטערען מאַס־שטאַב. זיי וואָלטען געקאָנט מאַכען, אַז זי זאָל זיין סיסטעמאַטישער, פּראָדוקטיווער.

פאַרוואָס זאָלען די גרויסע לאַנדסמאַנשאַפטען זיך צופרידענשטעלען מיט קלאַפּען אין דער צדקה־פּושקע און מיט בעלער (ווידער אַמאָל פון דער פּושקע וועגען)? פאַרוואָס זאָלען זיי ניט האָבען קיין גרעסערע אַמביציעס, קיין ברייטערען פּראָגראַם, קיין וויטערע ציעלען? פאַרוואָס זאָלען זיי נישט ווערען די צענ־טערן פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער קולטור־ און ביל־דונגס־טעטיגקייט?

זיי וואָלטען נישט נאָר געבראַכט נוצען דערמיט דער אידישער קולטור און דער אידישער בילדונג אין אַמעריקע. דאָס וואָלט נוציליך געווען פאַר זיי אַליין. זייער אָרגאַניזאַציע וואָלט שטאַרקער געוואָרען, זייער ווירקונג וואָלט זיך אויסגעשפּרייט, און זייערע מיט־גלידער וואָלטען מעהר צוגעבונדען געווען צו זיי, ווען זיי זאָלען זיי עפּעס געבען, נישט נאָר נעמען און מאָנען ביי זיי.

האָבען זיך דאָך די אידישע אָרדענס, נישט נאָר אַזעלכע, ווי דער אַרבייטער רינג אָדער דער נאַציאָ־נאַלער אַרבייטער פערבאַנד, נאָ אויך די „באַלעבאַ־טישע“ אָרדענס זיך אָנגעהויבען צו אינטערעסירען אין דער לעצטער צייט מיט בילדונגס־אַרבייט. פאַר־וואָס זאָלען אויך די פאַראייניגטע לאַנדסמאַנשאַפ־טען ניט אַ טראַכט טאָן וועגען איהר און ניט אַריינ־גיסען דורך איהר אַ נייעם שטראָם לעבען אין זייערע אָרגאַניזאַציעס? זיי שטעהען נעהענטער צו זייערע מיטגלידער, ווי די אָרדענס, זיי קענען זיי בעסער און עס וואָלט זיי לייכטער געווען זיך צוצופּאַסען צו זייערע גייסטיגע נויטען און באַדערפנישען.

איך האָב דערמאָנט פריהער פאָלקס־אוניווערזי־טעטען, קורסען פאַר דערוואַקסענע. אָבער עס זיינען דאָ אַנדערע, נאָך וויכטיגערע, אינסטיטוציעס, דורך וועלכע די לאַנדסמאַנשאַפטען וואָלטען זיך געקאָנט גייסטיג און מאָראַליש פאַרבינדען מיט זייער מיט־גלידערשאַפט און מיט דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

עס פעהלט אַ גרויסע צענטראַלע אידישע ביבלי־אָטעק. עס איז נישטאָ קיין מוזיי, וואו עס זאָלען זיך אויפהיטען דענקמעלער, די סימבאָלען און די פאָרמען פון דעם אַלטען אידישען לעבענסשטייגער. עס איז ניטאָ קיין אַרכיוו, וואו עס זאָלען זיך זאַמלען אַלע דאָקומענטען און מאַטעריאַלען, וואָס זיינען נוי־טיג פאַר דער אידישער געשיכטע. עס איז ניטאָ קיין אינסטיטוציע, וואָס זאָל זאָרגען פאַר די אוצרות פון דעם אידישען פאָלקלאָר, פון דער אידישער פאָלקס־שאַפונג. עס איז ניטאָ קיין פאָנד, וואָס זאָל שטי־צען אידישע געלערנטע, אידישע קינסטלער. אידישע מאַלערם, אידישע סקולפּטאָרס האָבען נישט קיין פּלאַץ, וואו אויסצושטעלען זייערע ווערק און ווייזען זיי דעם אידישען פּובליקום. עס איז ניטאָ קיין אָר־גאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך אָפּגעבען מיט דער אויס־פאָרשונג פון דעם עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען אידישען לעבען אין אַמעריקא.

עס פעהלט אַ צענטראַלער אידישער ביכערלאַגער, אָדער אַזוי אַן אַפּאַראַט, וואָס זאָל העלפען פאַר־שפּרייטען דעם אידישען בוך און מאַכען, אַז עס זאָל קאָסטען ביליגער. עס איז ניטאָ ווער עס זאָל אַרויס־געבען אויף אַ געהעריגען אופן דעם תנ״ך אויף אידיש (די אויסגעצייכענטע אידישע תנ״ך איבערזעצונג פון יהואש דרוקט זיך איצט אין „טאָג“, אָבער ווען וועט עס אַרויסגעהן אין אַ באַזונדער בוך?) עס האָט גע־דאַרפט האָבען אַ פעסטערען מאַטעריעלען באָדען אונטער זיך אַזאַ אַנשטאַלט, ווי דער אידישער לערער־סעמינאַר אין נויאָרק (228 איסט בראָדוויי). ער האָט געדאַרפט האָבען די מעגליכקייט צו אַנטוויקלען זיך און צו ווערען דאָס, וואָס ער וויל ווערען — אַ אידישער אוניווערזיטעט...

איך וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך אַ גאַנצען צעטעל פון קולטור־אַרבייטען, וואָס ווערען נישט גע־טאָן און וואָס עס איז אַזוי נויטיג, אַז זיי זאָלען גע־



מייער רובינשטיין,

יעצטיגער פינאַנץ סעק.



זלמן ניימאַרק,

יעצטיגער טראָסטי און טעטיגער טוער

פון דער סאָסייטי



י. קאַראַפּאָף

יעצטיגער רעקאָרד. סעק.

טאָן ווערען. אבער איך בין נישט אויסען דאָ צו מאַכען אַ פּלאַן פאַר דער ארבייט. עס איז ניט קיין קונץ צו מאַכען פּלענער. וואָס עס פעלט אונז, איז — איניציאַטיווע, אָרגאַניזאַציע.

די פּונקטען פון אידישער קולטור־ארבייט, וואָס איך האָב אָנגעמערקט, זיינען נאָר אַ ביישפּיל, וואָס ציינט, ווי גרויס — און ווי פאַרלאָזען! — עס איז דאָס פעלד און אונזער גייסטיגען לעבען.

מען האָט געוועסט געפּרופט שאַפען ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלען זיך נעמען פאַר דער באַארבייטונג פון אָט דעם פּרוכטבאַרען פעלד. אָבער נייע אָרגאַניזאַציעס ווערען נישט געשאַפען אַזוי לייכט. די לאַנדסמאַנשאַפטען עקזיסטירען שוין, זיי האָבען אַן אַפּאַראַט, זיי שטעהען אין פאַרבינדונג מיט טויזענטער און צענדליגער טויזענטער אידען — פאַרוואָס זאָלען זיי ניט אויסנוצען זייער אַפּאַראַט און זייערע פאַרבינדונגען פאַר אָט דער גרויסער קול־טורעלער ארבייט?

די לאַנדסמאַנשאַפטען בויען אָפט שולען צום דאַווענען, האַלטען אויס חזנים, רבנים. אָבער מיר האָבען דאָך אויך אַ וועלטליכע קולטור, אחוץ דער רע־ליגיעזער. אונזער וועלטלאַך קולטור־לעבען און קול־טור־שאַפען (אונזער ליטעראַטור, אונזער טעאַטער, אונזער מוזיק, אונזער מאַלעריי און סקולפּטור, אונ־זערע ערציהונגס־אינסטיטוציעס) וואַקסען און אַנט־וויקלען זיך. אָבער די גרויסע מאַסען פון פאָלק און אויך די ברייטע שיכטען פון דער אינטעליגענץ האָבען זיך ניט אויסגעלערענט זיי צו געניסען. עס פעהלען די פאַרמיטלער. פאַרוואָס זאָלען די גרויסע לאַנדסמאַנשאַפטען נישט נעמען אויף זיך די דאָזיגע גרויסע און דאַנקבאַרע פאַרמיטלונגס־ראָליע?

איך האָף ווען עס איז אַנאַנדערשמאָל צו האָבען אַ געלעגענהייט זיך דורכצורעדען מיט די לעזער, די ספּעציעלע אויפגאַבען, וואָס שטעהען פאָר די לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס אויפ'ן געביט פון דער אידישער קינדער ערציהונג. די דאָזיגע גרויסע פראַגע — די גרעסטע און וויכטיגסטע פון אונזערע אַלע פראַגען — האָב איך נישט געוואָלט אָנרירען פאַרבייגעהענדיג. מען דאַרף ריידען וועגען איהר גאָר באַזונדער. דאָ האָב איך געוואָלט נאָר שטעלען אויף דער טאָגאָרדנונג פון איינער פון די גרויסע אידישע לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס די אַלגעמיינע פראַגע פון דער אידישער בילדונגס־און קולטור־טעטיגקייט.



לואיס סעקס, אינסייד גארד



הירש קאהן, יעצטיגער טרעזשורער און אקטיווער מיטגליד פון דער סאסייטי



אייב קאראסיק, קאנדוקטאר

# די נאענטסטע פראבלעם פון דער מאהילעווער לאנדסמאנשאפטן

**א. ליטווין**

די לאנדסמאנשאפט האט געשפילט א וויכטיגע ראלע אינ'ם לעבען און אין דער אנטוויקלונג פון דער אידישער איינוואנדערונג אין אמעריקא. דער 25־יאריגער יובילעאום פון א לאנדסמאנשאפט איז דארום ניט בלויז א פריוואטער יום טוב פון א׳ געוויסער גרופע מענשען, נאר, אין א געוויסען זין, א נאציאנאלע געשעהניש פון א היסטארישער באדייטונג. דער יום־טוב פון דעם מאהילעווער לאנדסמאנשאפטליכען פאראיין דארף און וועט, מסתמא פאראינטערעסירען ברייטע אידישע קרייזען.

דער נאציאנאל־קולטורעלער ווערטה פון דער לאנדסמאנשאפטליכער ארגאניזאציע באשטעהט אין דעם, וואס זי האט אויפגעזוכט און פאראייניגט די צעזייטע און צעשפרייטע; האט צונויפגעבראכט פריינד, משפחות פון דער אלטער היים, פאראייניגט זיי צווישען זיך, און אלעמען צוזאמען מיט זייער היימישער שטאדט און לאנד. אויף אזא אופן זיינען לייכטער געווארען די יסורים פון א קלימאטיזאציע, פון צופאסען זיך צו די באדינגונגען פון דער נייער היים, א דאנק דער איינפירונג פון דער טראדיציא־נאלער געגענזייטיגער הילף אין דעם פארשטארקונג פון נאציאנאלער סאלידאריטעט דורך באטייליגען זיך אין לעבען און וועבען פון די אויף יענער זייט ים געבליבענע ברידער און שוועסטער.

די וויכטיגערע באדייטונג אבער פון דער לאנדס־מאנשאפט, איז די פארשטארקונג פון די נאציאנאלע פעדים פונ'ם גאנצן פאלק אין אלגעמיין. פאר דעם קיום פון די איינגעוואנדערטע מאסען, איבערהויפט פאר־זייער קולטורעלער אנטוויקלונג, איז דאס אן אבסאלוטע נויטווענדיקייט. א פאלק, וואס האט אין קאמף פאר זיין עקזיסטענץ אין א משך פון טויזענטער יארען אויסגעארבייט זיין גייסטיגע פיזיאנאמיע, זיין נאציא־נאלען כאראקטער האט דערמיט ערווארבען א מעכטיגע געווער פאר זיין ווייטערדיגען קיום ניט בלויז גייסטיג, נאר אפילו מאטעריעל. דאריבער זוכט א פאלק, וואס איז געצוואונגען איבערצו־וואנדערען פון איין ארט אין א צווייטען — דערהאלטען מיט אלע מעגליכקייטען אין דער נייער היים די אלטע פארמען פון זיין געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע.

אט די מעגליכקייטען ווערט אבער געשאפען נאר דעמאלט, ווען עס וואנדערען ניט קיין צעווארפענע יחידים, נאר גאנצע לאנדסמאנשאפטליכע גרופעם. זיי האבען זיך געלאזען אין אמעריקא די ערשטע

אימיגראַנטען די שפּאַניער און די ענגלענדער. זיי זיינען ניט בלויז געפאָרען אין אָרגאַניזירטע גרופּעס, נאָר האָבען שוין אויף די ערשטע רייזען מיטגענומען זייער רעליגיעזע און בכלל גייסטיגע פירער. דאַריבער האָט זיך זיי ניט בלויז איינגעגעבען צו דערהאַלטען אין דער נייער היים זייער פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, נאָר אַרויפצווינגען אָט די אָרגאַניזאַציע אויף דעם גאַנצען אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

מיר ווייסען צ. ב. אַז אַמעריקאַ, אַזוי ווי אייראָפּאַ, האָט אויך איר באָדען הונדערטער נאַציאָנאַליטעטען, צווישען זיי פעלקער מיט אַן אַלטער היסטאָריש־באַרימטער, שטאַרק אַנטוויקעלטער קולטור. ניט ווייניגער באַרימט און אַנטוויקעלט, ווי די ענגלישע און שפּאַנישע. און דאָך הערשען אין גאַנץ אַמעריקאַ בלויז צוויי שפּראַכען און קולטורען: די ענגלישע (אין נאָרד־אַמעריקאַ) און די שפּאַנישע (אין זיד־אַמעריקאַ). די איבעריגע פעלקער—איטאַליענער, דייטשען, אידען, גריכען און אַנדערע נאַציאָנען, מיט רייכע קולטורען געפינען זיך אין גייסטיגען גלות ביי אָט די צוויי פעלקער — די שפּאַניער און די ענגלענדער, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס די דייטשען, אַ שטייגער, איטאַליענער, אידען זיינען געקומען מיט די ערשטע אימיגראַנטען און האָבען געשפּילט אַ וויכטיגע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון'ם לאַנד און אין קאַמף פאַר זיין פרייהייט. די איטאַליענער, ווי עס איז באַוואוסט יעדען „סקול־באָי", זיינען געוועזען די ערשטע, וואָס האָבען אַמעריקאַ אַנטדעקט און האָבען פאַר איר געבראַכט די גרעסטע קרבנות.

דאָס איז דערפאַר, וואָס די צוויי פעלקער די שפּאַניער און די ענגלענדער, זיינען געקומען אין אַמעריקאַ, ווי געזאָגט אין פעסט - אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע גרופּעס; האָבען מיט אַלע מעגליכקייטען געמיהט זיך צו דערהאַלטען און פאַרפלאַנצען דאָ זייער נאַציאָנאַלע קולטור. די איבעריגע פעלקערשאַפטען, אָבער זיינען געלאָפען אהער אין צעזייטע און צעשפּרייטע הייפלעך און האָבען זיך געקימערט נאָר וועגען זייער טאָג טעגליכער מאַטעריעלער עקזיסטענץ.

דאַריבער זעהען מיר אין אַמעריקאַ אַזאַ ערשיינונג, צ. ב., וואָס מיר געפינען ניט אין קיין לאַנד, און אין קיין ערד־טייל אויף'ן גאַנצען „כדור הארץ". אייראָפּאַ צ. ב., איז אַ סך קלענער, ווי אַמעריקאַ, און דאָך, וואָלט יעדער אייראָפּעאישער געהאַלטען פאַר אַן אומזין, ווען מ'זאָל וועלען איינפירען אויף דעם דאָזיגען קאָנטינענט בלויז צוויי שפּראַכען; ווען איין פאָלק וואָלט וועלען אַרויפצווינגען איר שפּראַך און קולטור אויף אַנדערע פעלקער. נאַטירליך איז ביז דעם לעצטען וועלט־קריג און די רעוואָלוציעס, וואָס האָבען אויס־געבראָכען נאָך אים, אַלס פּועל יוצא פון דער מלחמה — געוועזען אַזאַ טענדענץ אין געוויסע לענדער, ביי געוויסע פעלקער. אַזוי צ. ב., האָט די צאַרישע רעגירונג געוואָלט מיט גוואַלד רוסיפיצירען אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען געוועזען אונטער איר הערשאַפט. די דייטשען האָבען זיך געמיט צו גערמאַניזירען מיט גוואַלד די פּוילישע באַפעלקערונג פון די פּראָווינצען, וואָס זיינען אַריינגעפאַלען אונטער איר מאַכט נאָך די ניט געלונגענע פּוילישע פאָווסטאַניעס. אָבער דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען. דער וועלט קריג, און די מחשבות פון זיינע אָנצונדער האָט געזאָלט דינען די רויע אינסטינקטען פון נאַציאָנאַלער און קולטורע־פאַרקערטע רעזולטאַטען. די רעוואָלוציעס נאָך דער מלחמה האָבען באַפרייט אַלע פריער אונטערדריקטע פעלקער. די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט, אין פאַרשקלאַפונג. געבראַכט אָבער האָט ער צו פעלקער. אַפילו די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט, אין תוך, געזאָלט זיין אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, איז אין אמת געוועזען אַ נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע. רוסלאַנד איז געוואָרען דער אמת'ער אינטערנאַציאָנאַלער בונד פון באַפרייטע נאַציאָנען, ביי וועלכע עס געהט אָן איצט אַ מעכטיגע באַוועגונג פאַר דער אויפלעבונג און אַנטוויקלונג פון זייערע שפּראַכען און קולטורען.

ווען אין אַמעריקאַ וועט שלאָגען די שטונדע פאַר פרייהייט, פאַר אמת'ער פרייהייט, וועט די באַפרייאונג מוזען זיין ניט בלויז אַן עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון אַרבייט פון אונטער קאַפּיטאַלס הערשאַפט; ניט בלויז אַ פּאָליטישע באַפרייאונג פון די פאָלקס־מאַסען פון די פענטעס פון געוויסענלאָזע פּאָליטישענס, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלע באַפרייאונג. ד. ה. באַפרייאונג פון די קולטורעל־פאַרשקלאַפטע נאַציאָנאַליטעטען; צוריקשטעלונג פון זייערע רעכט אויף זייער שפּראַך און קולטור. אָט די צייט איז אפשר נעהנטער ווי מיר קענען זיך אַליין פאָרשטעלען. אַמעריקאַ האָט ניט קיין אַנדערע געזעצען פאַר איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג, ווי אייראָפּאַ. צוליב געוויסע סבות קען דאָ דער פּראַצעס פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פאָרקומען דאָ מיט אַ פאַרשפּעטיגונג. אָבער קומען מוז ער.

און אָט דער פּראָצעס וועט קומען שנעלער און ווירקען שטאַרקער ביי די פעלקערשאַפטען פון אַמעריקאַ, וואָס האָבען דערהאַלטען פעסטער די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. לאַנדסמאַנשאַפט איז דער רינגעל אין דער קייט פון אונזער נאַציאָנאַלער איינִיגקייט.

אָבער אַזוי ווי אָהן די איינצעלנע רינגען קען ניט געמאָלט זיין קיין גאַנצע קייט, האָט אָבער יעדער רינג אַ ווערטה, ווען ער איז געשלאָסען מיט אַנדערע

רינגען, ווען ער געהט אריין אלס אומצעטרענבארער טייל פון דער גאנצער קייט.

אונזער לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען ניט געקאָנט האָבען ביז אהער די מאַכט, וואָס זיי געהערט לויט זייער צאָל און קולטורעלער באַדייטונג אין לאַנד, ווייל זיי זיינען איינצעלנע אָרגאַניזאַציעס פון יחידים, אָבער אָט די אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט געבונדען פעדעראַטיוו, וואָס עס פאָדערט זיך איצט איז אַ פעדעראַטיווע פאַראייניגונג פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען.

אָט דער פּראָצעס איז איצט אויפ׳ן טאָג־אָרדנונג. ווי באַוואוסט ווערט איצט פּראָיעקטירט אַ קאָנפערענץ פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען וועגען אַ פעדעראַטיווע פאַראייניגונג און אַ גאַנצע רייהע אַנדערע פּראָבלעמען וואָס זיינען מיט אָט דער פאַראייניגונג פאַרבונדען. די קאָנפערענץ וועט מסתמא פאָרקומען גאָר אין גיכען.

די מאָהילעווער לאַנדסמאַנשאַפט, קען אין דעם דאָזיגען בעפאָרשטעהענדיגען פּראָצעס שפּילען אַ באַזונדער און אַ גאַנץ באַדייטענדע ראָליע, ווי באַוואוסט האָבען מיר אַ גאַנצע רייהע טיילווייזע לאַנדסמאַנשאַפטליכע פעדעראַטיוועז: די אוקראַינער, די פּוילישע, די גאַליציאַנער, רומענישע און אַנדערע. די רוסישע אידען, ד. ה. די אידען וואָס קומען פון די גובערניעס, וועלכע באַלאַנגען איצט צו סאָוויעט רוסלאַנד, זיינען ליידער ניט אָרגאַניזירט.

אָט דאָס איז איצט די אויפגאַבע פון דעם מאָהילעווער לאַנדסמאַנשאַפטליכען פאַראיין.

די אויפגאַבע איז אַ צווייענדיגע: פריער שאַפען אַ פעדעראַציע פון סאָוויעט־רוסישע לאַנדסמאַנשאַפטען, דערנאָך די גאַנצע סאָוויעט־רוסישע פעדעראַציע, פאַרקניפּען מיט אַלע איבעריגע פעדעראַציעס אין אַן אַלאידישע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט.




מוניע שאַפּאַטקין (ביי מייערן אין רעסטאָראַן) „איר האָט געגעסען — זייט אַזוי גוט און גיט אַ האַלבען דאָלאַר, מיר וועלען אין צוויי וואָכען ארום האָבען אַ מיטינג און מייער וועט נאָך דאָ האָבען דעם רעסטאַראַן.

# אפאריזמען

י. שקאָלניק

ווי נאָענט מיר זאָלען ניט צוקומען צו די „אייגענשאַפטען" פון דער נאַטור, וועלען מיר אָבער קיינמאָל ניט קענען צוקומען צו דעם „סוד" פון דער נאַטור.

* * *

דער „יסוד" פון דער נאַטור, איז דער „סוד" פון דער נאַטור.

* * *

די וויסענשאַפט קימערט זיך מער איבער דעם „סוד" פון לעבן; די פילאָזאָפיע—מער איבער דעם „זין" פון לעבען.

* * *

מיר זענען קינדער פון דער נאַטור, און דאָך קענען מיר אַזוי ווייניג — אונזער נאַטור־מוטער.

* * *

מענשען ווייסען נאָך ניט „ווי" צו לעבען און ווילען שוין וויסען דעם „סוד" פון לעבען.

וואָס מער מיר באַקענען זיך מיט דער נאַטור, אַלץ ווייניגער גלויבען מיר אין איבערנאַטיליכקייט.

* * *

מיר קענען אַמאָל ענדערען די נאַטור, אָבער ניט באַזיגען.

* * *

פיזישע פרוכט ־ ווערט געשאַפען פון דער נאַטור; גייסטיגע פרוכט ־ מיט די אייגענשאַפטען פון אירע פּראָדוקטען.

* * *

דאָס פיזישע ־ איז פאַרבונדען מער מיט דער נאַטור; דאָס גייסטיגע ־ מער מיט דער קולטור.

* * *

וואָס אַנבאַלאַנגט צו דער שעפערישער זייט פון דער וועלט, איז נאַטור באמת צו באַוואונדערען; וואָס אָנבאַלאַנגט צו דער גליקליכער זייט פון לעבען, האָט זי געמאָגט בלייבען — ביי איר ערשטע און רויע אור־קראַפט.

# אלטינקע

ד. פינסקי

**קליינער נאָטיץ.**

דוד פינסקי איז געבוירען ארום 1873 אין מאָהילעוו אויפ׳ן דניעפּר. באַקאַנט איז ער געוואָרען דעם אידישען לעזער דורך זיינע קליינע, שטארקע און זעפטיגע דערצעלונגען פון אידישען ארבעטער לעבען. פּינסקי האָט אויך געשריבען טעאַטערשטיק וואָס ווערען געשפּילט אויף דער אידישער סצענע, אָבער ליב און נאָענט וועט ער בלייבען דעם אידישען לעזער נאָר פאר זיינע דערצעלונגען פון ארבייטער לעבען אָדער פון אלטען דור. דער אלטער דור איז אים נאָכמער געלונגען. פּינסקי האָט אים גענומען נישט בייז און הארט, ווי א יונגער קוקט אויף אלטע נאָר ווי א קלוגער קינסטלער, ד. ה. מיט ליבע, ווייך און הארציג, און דערדאָזיגער דור געהט פארביי פאר׳ן לעזערס אויגען, ווי א זונאונטערגאַנג, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך עפּיס א בענקעניש. דער לעזער ווייס אליין נישט, צי עס איז גוט, וואָס דער דור געהט אַוועק, צי עס איז שלעכט—גיכער מסתמא שלעכט.

דעם יונגווארג האָט דערעסען צו זיצען מיט די אלטע און הערען זייער אויפרייסענדיגען געזאנג, דעם גאנצען משונה׳דיגען גערויש און ליארם, און האָט זיך — מיט אויסנאם פון עטליכע יונגעלייט, וועלכע זענען נאָך געבליבען דאָ—פערקליבען אין אנ׳אנדער צימער. דאָרטען האָבען זיי פרייער אָבגעאָטעמט, פעררויכערט זייערע פאפּיראָסען, געפירט זייערע געשפרעכען און—געפיהלט זיך ווייט פון די אלטע.

זעליג דעם אלטען האָט עס שטארק פערדראָסען. מיט א בייזען איראָנישען בליק האָט ער בעגלייט די אנטלויפענדיגע יוגענד און באלד האָט ער זיך צורעדט, און וואָס מער ער האָט גערעדט, אלץ שטארקער האָט געהילכט זיין קול און צום סוף האָט ער שוין כמעט געשריען. ער האָט געוואָלט אויפווייזען, אז זיי, די היינטיגע, די יונגע, לעבען ווי הינט, ווייסען מער נישט ווי נאָכגעבען זייער תאוה, זיין אויסגעלאסען, שארלאטאנעווען, און אז לעבען ווי א מענש דארף לעבען, האָבען נאָר די אלטע געקאָנט און קאָנען.

און דער אלטער גרויער ר׳ זעליג, דער אלטער, קליינער, געזעצטער, ברייטפּלייציגער און פרעהליכער איד, דאָס חסידישע ביינדעל, איז עס בכח אויפצעווייזען, ווייל ער איז א קליינער איד, א גרויסער קאָפּמענש מיט וועלכען עס איז, ווי דער עולם מיינט א פערגעניגען צו ריידען. אפילו פון דעם, וואָס ער איז שוין געוועזען א ביסעל „מלא“, האָט ער געוואוסט, וואו צו ברענגען א ראיה צו זיינע ווערטער.

„אָט טרינק איך שוין פון הושענא רבא ביינאכטאָן“,—האָט ער גערעדט מיט נצחון,—„הושענא רבא ביי דער נאכט צו די הקפות האָב איך געטרונקען, נעכטען, שמיני עצרת, האָב איך געטרונקען, א גאנצען טאָג געטרונקען, מיך אפילו נישט צוגעלעגט; ווייל ווער שלאָפט שמיני עצרת בייטאג? א מתנגד שלאָפט. אנ׳ערליכער איד וועט נישט שלאָפען... געטרונקען האָב איך, נישט געשלאפען! ביי דער נאכט נעכטען געטרונקען, נאָך ווי געטרונקען—א שתיה גדולה! כדת! און היינט טרינק איך ווייטער. פון אָקאָרשט טאָג טרינק איך, און וואָס? גאָרנישט! בין מיר דערזעלבער איד! האָב, חלילה, נישט פערפעלט קיין דאוונען, נישט עובר קריאת־שמע געוועזען, חס ושלום נישט דורכגעלאזען קיין ברכה, ווייל וואָס? ווייל איך טרינק נישט, ווי זייער חברה, להנאתי אבי זיך אָנטרינקען, גלאט אזוי. איך האָב גאר פיינט בראָנפען! א גאַנצע וואָך פון שבת־צו־שבת קומט ער גאָר צו מיר אין שטוב נישט אריין, נאָר היינט איז שמחת־תורה, טרינק איך. גאָט האָט געהייסען: ושמחתם בחגיכם, זייט פרעהליך אין אייערע יום־טובים, בין איך פרעהליך. אזוי איז עס! נישט אזוי, וואָס, ישראל? האָט ער זיך געווענדעט צו א דארען אויסגעמאטערטען יונגערמאנטשיק, וואָס איז געזעסען נעבען אים און צו־געשמייכעלט און דערביי האָט ער אים אראבגעלאזען א פאטש איבער׳ן קניע.

ישראל האָט א ציטער געטאָן מיט׳ן גאנצען קערפער פון דעם פאטש, און דאך נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, און געענטפערט מיט א לוסטיגער גנבה׳־שער מינע:

„אָט דאָס איז דאָך מיין טענה! הערסט, וואָס טענה איך?“

דער פרומער עולם, דער אמת־אידישער עולם, וואָס איז געוועזען אין צימער, האָט צופרידען געשאָקעלט מיט די קעפּ און געקוקט אויף די איבערגעבליבענע יונגע מיט נצחון, און יעדער האָט צוגעלעגט א וואָרט, געגלייכווערטעלט זיך אויף דעם יונגווארג׳ס

חשבון. זיי האָבען אלע געשטאַרקט זיך צו בעווייזען, אַז זינט די יונגע האָבען אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך, אויסגעטאָן זיך פון אלע איז „שרים ווייסען, וואָס פון זיי איז געוואָרען!"

און די איבערגעבליבענע יונגע האָבען געשמייכעלט און גאָרנישט געענטפערט. אין זייער שמייכעל איז געלעגען אַ ביסעל פּראַכטונג און אַ סך גלייכגילטיגקייט צו דעם, וואָס די אַלטע האָבען גערעדט. אַזוי שמייכעלט מען שטענדיג ווען מען האַלט זיך פאַר קליגער און מען וויל זיך נישט אריינלאָזען אין אַ שמועס מיט דעם געגנער.

ר' זעליג'ן האָט דער שמייכעל גערייצט, און ער איז געוואָרען גראָב.

„זיי וועלען גאָר פריער אַ כפּרה איינגעמען"— האָט ער געשריגען,—„איידער זיי וועלען זיך גאָר קאָנען משמח זיין, ווי מיר! וואָרום וואָס זיינען אַלע זייערע שמחות? וואָס? אַ מיידעלע! הויבט זיך אָן אַ מיידעלע און לאָזט זיך אויס אַ מיידעלע! מער נישט".

„נו, נו, נו, „איר רכילות'ט שוין, פעטערקע"— האָט זיך איינער פון די יונגע איינגעהאַלטען.

„איך רכילות! פערשטאַכענע אויגען, איך רכילות!?"—האָט זיך ר' זעליג צוהיצט,—„גאָרניט", כלומר'שט, און ער ווייס עס נישט, אַז איך זאָג דעם ריינעם אמת. איך—רכילות? דאַכט זיך, ביי אייך איז אַ בפירוש'ער, „אין שמחה בלא דיעווקאַ!..."

מען האָט זיך צולאַכט: כאַ־כאַ־כאַ, געזונט זאָל ער זיין!

און ר' זעליג ווערט היציגער:

„איך וואָלט טאַקי וועלען זעהן אַמאָל זייער חברה טאַנצען און פרעהליך זיין אָהן מיידלעך! איך האָב עס גאָר קיינמאָל נישט געזעהן. איך ווייס מער נישט, אַז עס איז פאַראַן בראָנפען, וועלען זיי זיין פרעליך. וואָרום וואָס איז זייער גאַנצער יום־טוב? דאַווייקאַ וויפּיטש! און אַ מיידעלע, אָט דאָס איז זייער יום־טוב. נישט אַזוי, וואָס ישראל?"

און ווידער האָט ער אויפגעהויבען די האַנט אַ פּאַטש צו טאָן, נאָר ישראל האָט אונטערגעכאַפּט זיין האַנט.

„אָט דאָס טענה איך דאָך! הערסט, וואָס טענה איך?" האָט ישראל איבערגעחזר'ט מיט אַנ'ערנסטער מינע און אַ פיר געטאָן מיט די הענט, נאָר די ווינקעלעך פון זיינע ליפּען האָבען געשמייכעלט.

[illegible] וואָס האָסטו זיך אויף זיי אָנגעזעצט, [illegible] האָט זיך אריינגעמישט דער אַלטער העניך, [illegible] בעל־הבית פון דער שמחה,—„לאָז זיי צורוה, [illegible] דאָך אַ צער בעלי־חיים..."

אלס בעל־הבית, האָט ער געפיהלט, אַז ער דאַרף נעמען די יונגע אונטער זיין שוץ, און דערביי האָט זיך אים געוואָלט אַ שטאָך טאָן זיי מיט „צער בעלי־חיים".

„ניין, איך וועל זיי מער נישט בעווייזען, די שקצים. וואָס פאַר אַ הינט זיי זענען!"—האָט ר' זעליג געזאָגט.—וואָס זענען זיי צולאָפען, די פושעי ישראל! ברענען זאָלען זיי, „די פוסטע מוחות! וואָס זענען זיי צולאָפען? זיי שטעהט נישט אָן צו זיצען מיט אונז? שכור זענען מיר? האַ? מיר דאַכט, אַז וואָס איך האָב נאָך אין פּיאַטע, האָבען זיי עס נישט אין קאָפּ, האָבען עס נישט געהאַט און וועלען עס ניט האָבען! צולאָפען זענען זיי! ניין, זאָלען זיי מיר זאָגען, וואָס טרינק איך היינט? איך טרינק עפּיס, ווייל איך האָב ליב בראָנפען? אַ האָר אויך נישט, אַ טפו, בראָנפען! איך דאַרף דאָס אויף כפּרות! נאָר איך טרינק, ווייל היינט איז שמחת תורה. נישט דער בראָנפען מאַכט אונז פרעהליך, אַ פּע! דער שמחת־תורה מאַכט אונז פרעהליך. אָט ישראל טרינקט גאָר קיין בראָנפען נישט—ער האָט גאָר אַ ברוסטפעלער און די דאָקטוירים האָבען אים פערבאָטען צו טרינקען—טרינקט ער גאָרנישט און איז אויך פרעהליך. ער דאַרף גאָר קיין בראָנפען נישט; דער שמחת־תורה אַליין הויבט די פיס. נישט אַזוי, וואָס, ישראל? זאָג, ממזר'יק, אַ רוח אין דיין טאַטען אריין!...

און ישראל האָט געכאַפּט אַ שטאַרקען פּאַטש אין קניע.

„אודאי אַזוי"—האָט ער אויסגעשריגען, כאַפּענדיג זיך פאַר די קניע, „—אָט איר זעהט, אַ? גאָר אָהן בראָנפען".

און ישראל האָט אָנגעהויבען דרעהען מיט די אַקסלען, אונטערשפּרינגען פון שטול און אומוואַרפען מיט די פיס.

„הע, הע, הע, מאַלאַדיעץ, ישראל!"—האָט ר' זעליג געלאַכט און געקלאַפּט ישראל'ן איבער'ן פּלייצע.—„נו, דערפאַר וועל איך פאַר דיר טרינקען",— האָט ער צוגעגעבען, אָנגיסענדיג זיך אַ קעלישאָק.

„זאָל אייך עס זיין צו מצוה"— האָט ישראל זיך געוויצעלט און פרום פערגלייסט די אויגען.

דער עולם האָט געלאַכט און אונטערגעכאַפּט ר' זעליג'ס רייד: „און וועלכער איד האָט דאָס האַלט בראָנפען? וועלכער איד טרינקט עס, נאָר אבי געטרונקען? שמחת־תורה—מער נישט, אָט..."

„אָט אַזוי טוט זיך ביי אונז, אידען, פערשטעהט איר מיך!"—האָט ר' זעליג איבערגעריסען דעם עולם מיט גאוה, ווענדענדיג זיך צו די יונגע. און מיט מער גאוה האָט ער צוגעגעבען:

„און דאָס איז נאָך גאָרנישט אקעגען אמאָליגע יאָרען. אמאָל, עך, אמאָל...“—האָט ער פּלוצלונג אָבגעקרעכצט“—עט, ווי קומט עס היינט צו אמאָל! אזוי דען פלעגט מען אמאָל הוליען שמחת־תורה? כמע־ע!... אָט וואָס היינט הוליעט מען מער פאַר זיך, מיט דער אייגענער משפּחה, מיט דעם אייגענעם געזינדעל, אָט דאָס אליין בעווייזט שוין, אז עפּיס איז נישט דאָס. איז שייך צו זאָגען, אז מען זאָל הוליען פאַר זיך! איך ווייס, מען פלעגט דורכגעהן א גאַס—און ווי פלעגט מען דורכגעהן? מיט נגינה, מיט טענץ, מיט א קלאַפּעריי און א הורזשעריי... אזוי פלעגט מען געהן! און ווי מען פלעגט באַגעגענען א איד, איז גלייך געכאַפּט: קום! און ער פלעגט געהן! גאָר אָהן מחזקות. מען האָט ביי אים נישט געפרעגט, ווער ער איז, און ער האָט נישט געפרעגט, וואוהין און צו וועמען. קום!—און געגאַנגען!. מען דאַרף דאָ עפּיס פרעגען? שמחת־תורה—און גאָר! און מען האָט נישט געקוקט—אָרים, רייך, אַלע גלייך, נישט דאָ קיין חילוק! היינט וואָס מען פלעגט צוקערען א וועלט! טאַנצען אין מיטען גאַס, אויסטרעטען אַלע בלאָטעס, רייסען לאָדענס... ע, ווי קומט עס היינט צו אמאָל!“

און דעם עולם איז געפעלען געוואָרען דער ענין און מען איז אריינגעפאַלען ר׳ זעליג׳ן אין די רייד. איינער האָט דערמאָנט א צילענדער־הוט, אין וועלכען מען פלעגט אָנשטעקען סטעאַרין־ליכט און אָנטאָן יעדען צו זיין פּסוק „אתה הראית“; א צווייטער האָט דערמאָנט די קריבעסען און לאַמטערנס, מיט וועלכע מען פלעגט אויספּוצען די שוהל, און נאָך איינינע האָבען שוין געפענט די מיילער, געוואָלט עפּיס דערמאָנען, נאָר ר׳ זעליג האָט אונגעדולדיג איבערגעריסען דעם עולם און אָנגעהויבען ווייטער צו ריידען:

„היינט איז גאָרנישט, כמעט גאָרנישט! היינט איז אַלץ נישט דאָס, אפילו די פרומע זענען שוין נישט דאָס; וואָס אמת, איז אמת. אפילו די פרומע זענען שוין נישט דאָס. איך האָב פיינט צו זאָגען, עס זענען טאַקי געווען פרייערע צייטען, איך מיין—די דאַגת־פּרנסה איז נישט געווען אזוי גרויס, און גלאַט זענען די מענשען אַליין געוועזען עפּיס בעסער. דער גביר איז געוועזן אַנ׳אַנדערער גביר, דער אָרימאַן איז געוועזען אַנ׳אַנדערער אָרימאַן. איך ווייס, עס איז עפּיס מער אחדות געוועזען. וואו וועט איר היינט, למשל, געפינען, אזא גביר, אזא יודישען גביר, ווי ר׳ מאיר־זבלון, זכרונו לברכה, איז געוועזען? ניטאָ, איך וועט נישט געפינען. איר זאָלט אפילו אויספאָרען מדינות. איך רייד שוין נישט וועגען די דייטשען, וועגען די „אַריסטאָקראַצען“, וועגען זייער חברה; נאָר אפילו יענע, וואָס זענען נאָך כלומר׳ש אידען, זענען אויך גאָרנישט, זיי וואָלטען אויך וועלען, מען זאָל שטעהן פאַר זיי אָהן א היטעל. מען דאַרף נאָר וויסען, ווי צו צוגעהן צו זיי. שייך צו זאָגען, מען האָט געדאַרפט עפּיס וויסען, ווי צו צוגעהן צו ר׳ מאיר־זבלון׳ן, נשמתו עדן? מען פלעגט צוגעהן צו אים, ווי איך געה צו צו ישראל׳ן, צו שמערלען, צו חאַצקלען, צו—... היינט זיינע שמחת־תורה׳ס!...— האָט ער זיך א כאַפּ־געטאָן,—„א קלייניגקייט זיינע שמחת־תורה׳ס!....“

און דער עולם האָט זיך ארויפגעוואָרפען אויף דעם ענין: „א־האַ־האַ, ר׳ מאיר־זבלון׳ס שמ.. תורה׳ס!... ביי אים אין זאָל פלעגט מען אויסגיסען די פּאָמויניצע און גליטשען זיך; זיין חלק פיש פלעגט מען צוקוועטשען מיט די הענט און שפּאַרען אים אין מויל און ער פלעגט כאַפּענדיג די ביסענס, ווי א הונט, און וויפיל מאָל האָט מען אים ארויפגעצויגען אויפ׳ן טיש—גופא ביי אים אין רעכטען זאַל—און געקאַרקעוועט! וויפיל מאָל פלעגט מען זיך ארומקלייבען ארום אים מיט א ניגון: „ד—ע—קו, לאָס,—ציאָס—טשורלי, ליאָס — ציאָס — טשורלי, „און קנאַפּען אים אין „בלאָף מחילות!“ נאָר ר׳ זעליג רייסט ווייטער איבער:

„ע, וואו איז עס היינטיגע צייטען! מילא, זאָל געהן, ווי עס געהט, און מיר וועלען מאַכען „לחיים!“ נישט אזוי, וואָס, ישראל?

„און א טענצעל אויך!“—האָט ישראל אויסגעזונגען און איז אויפגעשפּרונגען פון שטול, נאָך איידער ר׳ זעליג האָט צייט געהאַט אראָבצולאָזען די האַנט אויף זיינע קניע. ער האָט אָנגעהויבען טאַנצען א האָפּקעלע און צוגערעדט בשעת מעשה:

„און גאָר אָהן בראָנפען! אויף צעהנטויזענד כפּרות דעם בראָנפען! אי הו, אי הו, שישו ושמחו בשמחת תורה, אי הו, אי הו, שישו ושמחו בשמחת תורה...“

און דער עולם האָט געמאַכט „לחיים!“ און אונטערגעכאַפּט ישראל׳ס נגון: ישראל איז שוין געוועזען אין מיטען הדר, ער האָט פערלעגט די רעכטע האַנט הינטער׳ן נאַקען, די לינקע האַנט אומגעדרעהט אין דערלופטען און גאַנץ געשיקט געטאַנצט דאָס האָפּקעלע.

„וואו זענען זיי, די אפּיקורסים? זאָלען זיי, א!“—האָט אויסגעשריגען ר׳ זעליג, וועלכען דער נייער כוס האָט אויפגעמונטערט,—„עט, אידען בלייבען אידען! וואַרט, ישראל, איך פערקאַשער אויך די פּאָלעס“.

מיט דער געשיקטקייט פון א יונגען יונגעל איז



ליפע ליטווין,
איינער פון די ערשטע טראסטים
פון דער סאָסייטי



א. זלאטקין,
איינער פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרס
פון דער סאָסייטי



אברהם טערמאן,
איינער פון די ערשטע טראסטים
פון דער סאָסייטי



וואָלף טערמאן,
איינער פון די ערשטע
אָרגאַניזאַטאָרס פון דער סאָסייטי



הירש באלטער,
דער ערשטער טרעזשורער
פון דער סאָסייטי

ער איבערגעשפרונגען איבער'ן טיש און צוגעטאנצט צו ישראל'ן.

„לאָמיר טאַנצען, ישראל"—האָט ער געזאָגט, —„אָט זיי אויף צופוקעניש. עט, שטארקע דורות, שוואַכע דורות, אַלציינס, פרעהליכער, לעבעדיגער! זינגט, חברה! ע! אַלע פרום—וועט משיח קומען; אַלע נישט פרום וועט ווידער משיח קומען; לעבעדיגער, ישראל! אי הו, אי הו, שישו ושמחו בשמחת תורה!..."

זיי האָבען געטאנצט מיט בעגייסטערונג, מיט התלהבות; זיי האָבען געוואָלט מיט די פיס, מיט די הענט, מיט'ן קאָפּ, מיט יעדען אבר ארויסווייזען, וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין הארצען, ארויסגעבען זייערע געפיהלען. זייערע פנים'ער זענען געוועזען רויט און זייערע אויגען האָבען געברענט מיט אַן'אינגווענינגסטער פייער. דאָס האָבען זיי געדינט גאָט, געגעבען אים א שבח און געהאָפּט, געהאָפּט, און נאָך מער ווי געהאָפּט! זיי זענען איצט זיכער געוועזען, אז אַלץ, אויף וואָס זיי האָפען און אויף וואָס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָפּט, וועט מקוים ווערען, אז אַלץ וועט זיין גוט.

און דער גאנצער עולם האָט עס דערפיהלט. דאָס האָט מען געהערט אין דעם עולם'ס ווארימען הארציגען זינגען, געפיהלט אין דעם הענטפּאטשען געזעהן אין די לויכטענדיגע אויגען. צו זעליג'ן און ישראל'ן זענען צוגעשטאַנען נאָך איינינגע און נאָך איינינגע, און באַלד האָט זיך שוין דער גאנצער עולם געדרעהט, געשפּרינגען און געקוליעט...

און באַלד איז פול געוועזען זייער נצחון; זיי האָבען אריינגעטאַנצט צו די יונגע אין צימער, און ר' זעליג האָט זיך געשטופּט און געשטויסען, און געשלעפּט די יונגע מיט זיך אין טאַנץ, און געשלאָגען זיי אין נאקען, און געטייטעלט מיט די פינגער און געזונגען: „הא, משומדים, וואָס, משומדים! הא, משומדים, וואָס, משומדים!" און דער גאַנצער רוישענדיגער טאַנצענדיגער עולם האָט אים נאָכגעמאַכט, געשלעפּט די יונגע מיט זיך אין טאַנץ און געשטורפּעט זיך און געשטויסען און ארויסגעשטעקט זיי די צינגער, און געבעקעט, און געטייטעלט מיט די פינגער, און אין כאָר געזונגען: „הא, משומדים! וואָס, משומדים! הא, משומדים! וואָס משומדים! —

און די יונגע האָבען זי. אָבגעשלאָגען פון זיי. געדויכערט זייערע פּאַפּיראָסען, און—געפיהלט זיך ווייט פון די אַלטע, פון די אַלטינקע...

# די לאַנדסמאַנשאַפטען אין אמעריקא

דר. י. ס. גאַללין

די לאַנדסלייט פאַראיינען אין אמעריקא האָבען געשפּילט און שפּילען אַ גאַנץ באַדייטענדע ראָליע אין דעם סאָציאַלען, קולטורעלען און אפילו אין דעם פּאָליטישען לעבען פון דעם אידישען ארבייטער בכלל און פון דאָס לעבען פון אידישען פאָלק אין אמעריקא בפרט.

מיט 25 יאָר צוריק זיינען די מאָטיווען פאַר דער גרינדונג פון אונזערע פאַראיינען געווען אנדערע ווי זיי זיינען היינט. מיט 25 יאָר צוריק ווען אַן עמיגראַנט פלעגט אריינפאַלען קיין אמעריקא פלעגט ער איבערלעבן אַ מאָראַלישען קריזיס, אַלצדינג האָט דאָ אויסגעזעהן אנדערש: די שפּראַך, די הייזער, די ארבייט, די געשעפטען, אפילו די מענשליכע פּנים'ער האָבען דאָ געטראָגען אַן אנדער שטעמפּעל. און דער עיקר די פירונגען, די זיטען, די געדאַנקען, די בעגריפען האָבען דאָ געהאַט גאָר אַנ'אנדער אויסזעהן, דאָס אַלטע איז פאַר דעם עמיגראַנט אָפּגעשטאָרבען און דאָס נייע איז פאַר אים נאָך ניט געשאַפען געוואָרען אין דער אַלטער היים האָט ער געוואוסט וואָס הייסט „לייטיש“ און וואָס הייסט „אָנשטענדיג“ און וואָס הייסט האַלטען שטאַט, וואָס הייסט מע מעג, אָדער מע טאָר ניט, דאָרטען האָט ער געהאַט דעם ביישפּיל פון זיינע שכנים, פון זיין שטעטעל, פון זיין גאַנצער וועלטעל אין וועלכער ער האָט געלעבט, דאָרטען איז אים אַלעס געווען בעקאַנט אַלעס קלאָר ער האָט געוויסט, וואו צו וועלכען קלאַס מענשען ער בעלאַנגט, וואָס דאַרף זיין, זיין ארט לעבען, און אויב ער האָט זיך געוואָלט דערהויבען צו אַ העכערער מדרגה אין לעבען האָט ער פאַר זיך געהאַט קאָנקרעטע פאַקטען, קאָנקרעטע ביישפּילען פון וועמען צו לערנען און וועמען נאָכצוטאָן.

דאָ אין אמעריקא איז אָבער אנדערש, דאָ זיינען געווען אַ סך נייע בעציהונגען וואָס ער האָט פון זיי אין דער היים ניט געטראַכט, דאָ זיינען ארויפגעשוואומען אַ מאַסע נייע פראַגען, וואָס ער האָט געמוזט אויף זיי האָבען איין ענטפער. דאָס לעבען פונ'ם עמיגראַנט איז דאָ איבערהויפּט געוועזען אַ פערוויקעלטער אַ פערפּלאָנטערטער ווי אין דער אַלטער היים; זיינע בעציאונגען צו זיינע מיט־מענשען, זיינע בעציאונגען צו זיין פאָטער און מוטער צו זיין ווייב און קינד, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען אויף יענער זייט ים זיין בעציאונג צו די אידען וואָס ער האָט איבערגעלאָזען אין דער אַלטער היים, זיין בעציאונג צו די קרובים וואָס זיינען אַהער אָנגעקומען פריער פון אים און האָבען זיך שוין דאָ „אמעריקאניזירט“ זיין בעציאונג צו דאָס ניי לאַנד בכלל, זיין בעציאונג צו זיינע לאַנדסלייט, זיין יוניאָן, זיין סאָסייטי, היינט די גאַנצע פערפּלאָנטערטע וועלט פון ליבעס געפילען און פאַמיליע פערהעלטעניש וואָס דאָ אין אמעריקא איז גאַנץ אנדערש ווי אין דער אַלטער היים, דער אימיגראַנט איז דאָ אוועקגעשטעלט געוואָרען אין אַ שווערער לאַגע, ער איז דאָ געוואָרען צומישט און פערטומעלט, ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן און ווי ער זאָל פירען זיין לעבען. די איבערקערעניש אין זיין ארט לעבען און בעגריפען זיינען געקומען אזוי פּלוצלונג צו אים, אַז דאָס האָט אים מטושטש געמאַכט. ניט אומזיסט האָבען אַ טייל פון די אימיגראַנטען נאָר געזוכט מיטלען אָפּצושפּאָרען גענוג געלט און איינפּאַקעווען זיך צוריק אַהיים, אָבער ניט אַלע האָבען דאָס געקענט טאָן, אייניגע האָבען ניט געקענט שאַפען די מיטלען און צוזאַמענקלייבען גענוג הוצאות, אייניגע האָבען געהאַט אַ פערגאַנגענהייט אין דער אַלטער היים, וואו זיי האָבען ניט געקענט קומען. זיי האָבען געמוזט אָנפאַנגען בעל כרך שלום מאַכען מיט זייער שיקזאַל, אָבער פון צייט צו צייט פלעגען זיי זיך פערבייגקען דערמאַנען זיך אַן דעם שעהנעם גייסטיגען לעבען, וואָס זיי האָבען געהאַט אין דער אַלטער היים, און אַמאָל אַ יום־טוב פלעגט מען זיך צוזאַמענקלייבען ביי אַ לאַנדסמאַן אין הויז און אָפּפרישען די אַלטע זכרונות און אויפוועקען די נשמה אריינקומען אין התלהבות און פאַרגעסען פאַר אַ ווײַלע דעם איינזאַמען וואָכעדיגען לעבען. אָט לעזען מיר אַ ביסעל געשיכטעס ווי אַזוי מאָהילעווער סאָסייטי איז ענטשטאַנען, געשריבען פון פריינד הערבי לעווין אייגער פון די ערשטע גרינדער און נאָך אַ איצטיגער אַקטיווער טוער פון דער סאָסייטי. עס מערקט זיך גאַנץ בולט, אַז די פאַקטען וואָס מיר גיבען דאָ אָן זיינען ניט קיין איבערטריבענע, שמחת תורה איז געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פאַר דער „מאָהי־

לעווער סאסייטי" שמחת תורה, דער יום־טוב פון חדוה דער יו"ט פון פרייד פון התלהבות, דאס איז געווען די צייט ווען עס איז געלעגט געווארען דער גרונטשטיין פון א לאנדסלייט פאראיין, ניט דערפאר, ווייל עס איז ביי וועמען עס איז אפגעמאכט געווארען און געפלאנעוועט געווארען פון פריער, דאס איז געקומען ספאנטאן פון זיך אליין און אויב מען האט איינמאל געקענט פערברייינגען צווישען לאנדסלייט, אזוי שעהן אזוי ערהאבען פאר וואס ניט טאן דאס אלע מאל, און די מאהילעווער האבען פערבונדען א קניפ געמאכט איין אגודה און אט דער קניפ איז געווארען א קשר של קימה.

געווים איז ניט געווען קיין קלארע קאנסטיטוציע, וואס זאל פעסטשטעלען די פונקציעס פון דער מאהילעווער סאסייטי.

ווער דארף דאס? צוליעב וואס?

אמת מיט דער צייט האט דער פאראיין אנגענומען געוויסע רעגלען געוויסע כללים, האט אנגעהויבען זיך אינטערעסירען מיט דעם עקאנאמישען מצב פון זיין ברודער, האט איינגעפירט א סיסטעם פון צאלען א קראנקען און טויט בענעפיט, האט געשאפען א סיסטעם פון העלפען א ברודער ווען ער געפינט זיך אין א געדריקטער לאגע, האט בעזארגט איין אייגענעם סעמעטערי, די אלע זאכען זיינען געשאפען געווארען אין פארלויף פון דער צייט, דאס איז געקומען בהדרגה שטופענווייז, אבער ניט דאס האט געטריבען דעם מאהילעווער פאראיין צו זיין גרינדונג.

אויב די מאהילעווער לאנדסלייט האבען אויסער די יו"ט שטימונג וואס פלעגט געשאפען ווערען האט יע וועגען עטוואס געטראכט, איז דאס ווידער געווען וועגען דער אומרוהיגער לאגע וואס זיי האבען איבערגעלאזען אין דער אלטער היים. אט הער זיך א פאגראם אין מאהילעוו און מען זאמעלט געלט פאר די „סאמאאבאראנא" (זעלבסט פערטיידיגער), אט איז געווען א שרפה אין מאהילעוו קלייבט מען געלט פאר די נשרפים, דער לעבען פון די לאנדסלייט דא איז געווען פארקניפט און פארבונדען מיט טויזענד פעדים מיט דער שטאדט מאהילעוו.

אויב די אלע פאקטען קענען פעסטגעשטעלט ווערען, אז דאס איז געווען דער טרייבקראפט פון צו גרינדען די „אמעריקאן בראדערהוד אף מאהילעוו", קען מען ציהען שליסע אז עטוואס ענליכע מאטיוועץ האבען עקזיסטירט מיט 25 יאר צוריק ביי דער גרינדונג פון אלע אנדערע לאנדסמאנשאפט פאראיינען דא אין אמעריקא. דער רעזולטאט פון דער גרינדונג פון די אלע לאנדסמאנשאפטען איז געווען, אז זיי זיינען געווארען דער נוקלייאוס פאר א גרויסער צאל קולטורעלע און סאציאלע ארגאניזאציעס, וואס האבען אויפגעבליהט אויף דער אידישער גאס, אזוי צ. ב. זיינען פון א סך לאנדסמאנשאפטען געווארען ברענטשעס פון ארבייטער רינג. פערשידענע קולטור קלובען, דראמאטישע פאראיינען ארטאדאקסישע צענטערען, שולען תלמוד תורות קינדער אנשטאלטען א. אז. וו.

און מעגליך, ווען די צייט וואלט געווען א נארמאלע און וואלט דער לעבען געפלאסען מיט זיין נאטירליכען גאנג, וואלטען די לאנדסמאנשאפטען אין אמעריקא, אויב ניט אינגאנצען פערשוואונדען, וואלטען זיי אבער ניט געווען אזוי אנזעהענד ווי זיי זיינען איצט, אבער א דאנק די רעוואלוציעס, די מלחמות און די קאטאסטראפאלע איבערקערענישען, וואס זיינען לעצטענס פארגעקומען, דאס האט געבראכט צו דעם, אז ניט נאר זיינע די אלטע פאראיינען פערשטארקט און פערגרעסערט געווארען, נאר עס האבען זיך אנגעהויבען ארגאניזירען נייע מיט א גרעסערער פערצווייגטער ארבייט ווי ווען עס איז פריער.

דאס זיינען די נייע מאטיווען פאר די אויפגעשטאנענע לאנדסמאנשאפטען, דער וויי געשריי די קרעכצען און די זיפצען פון די קרבנות פון יעדען שטאדט און שטעטעל האט אנגעפילט די לופט און איז דערגאנגען צו די אויערען פונ'ם אמעריקאנעם אידענטום, דאס האט געבראכט דערצו אז איצט זיינען אין אמעריקא כמעט אזוי פיל לאנדסמאנשאפטען וויפיל עס זיינען דא שטעדט און שטעדטלעך, וואו אידען וווינען אין קאמפאקטנע מאסען.

צו געבען אן אפשאצונג פון דער ראליע, וואס זיי האבען געשפילט פאר דעם לעצטען צענדליג יאר אין דעם לעבען פונ'ם אמעריקאנעם אידענטום, אזוי גוט ווי אין דעם לעבען פון די אידען אין מזרח אייראפא, איז ניט אונזער אויפגאבע, דאס וועלען מיר איבערלאזען פאר דעם צוקונפטיגען היסטאריקער, וואס וועט זיך אפשטעלען אויף דער לעצטער 25 יאריגער עפאכע, וועלכע איז געווען די גרויזאמסטע און די שרעקליכסטע. וואס מיר ווילען דא אנווייזען איז, אז ס'איז געקומען די צייט, ווען אט די אלע לאנדסמאנשאפטען וועלען זיך דארפען פערטראכטען ווי אזוי מען וואלט קענען צוזאמענבונדען די אלע צעווארפענע לאנדסמאנשאפט פאראיינען אין איין צענטראלע קערפערשאפט, וואס וואלט געהאט א גוואלדיגע מאכט אין דעם אמעריקאנעם אידענטום און וואלט געקאנט ברייננען נוצען אויף דעם קולטורעלען געביט אין וועלכען די לאנדסמאנשאפטען נויטיגען זיך אזוי שטארק. מיר וועלען ניט

אָנוואַרפען די נויטיגע פּלענער און וועגען, ווי אַזוי דאָס זאָל געטאָן ווערען. עס ווערט איצט פאָרמירט אַזאַ באַוועגונג אונטער דער אָנפירונג פון דעם „פערבאַנד פון די פּוילישע אידען אין אַמעריקאַ“, געוויס וועט אַ פּראָגראַם אויסגעאַרבייט ווערען און מיר האָפען אַז די מאָהילעווער סאָסייטי וועט צושטעהן צו דער אַרבייט און זאָגען איר וואָרט אין אַזאַ באַוועגונג.

„די אַמעריקאַן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו“ האָט אַלע מאָל אויפגעכאַפּט יעדער נייע פּראָבלעם, יעדער נייע פראַגע, וואָס איז ארויפגעשוואומען אין דעם אידישען לעבען דאָ אין אַמעריקאַ און אויסער מיט אַקטיוויטעט, האָט זי אַלע מאָל געהאָלפען אויך פינאַנציעל יעדער באַוועגונג וואָס האָט געזוכט צו פערבעסערען און פערשעהנערען דעם אידישען מענשליכען לעבען. עס איז גענוג נאָכצוקוקן די ציפערען אין דעם בוך, און דאָס וועט געבען אַ באַגריף וואָס זיינען געוועזן די אַרבייטען פון דער מאָהילעווער סאָסייטי, ווייל מיר צווייפלען אויב אַ סך לאַנדסמאַנשאַפטס פאַראיינען דאָ אין אַמעריקאַ וועלען קענען אָנווייזען אויף אַזאַ גלענצענדען רעקאָרד פון זייער אַרבייט, און אָט דאָס אַלעס מוז מען פאַרדאַנקען אַ צאָל מענשען, וואָס האָבען זיך פשוט מוסר נפש געווען, זיי האָבען פאַרנאַכלעסיגט אין די פריערדיגע יאָרען זייערע פערזענליכע אינטערעסען און האָבען געזעהן אַז די סאָסייטי זאָל וואַקסען און פּראָגרעסירען, און אַזעלכע נעמען ווי משה לעווין, הערר לעווין, נייטאַן כהן, באַלטער, שערמאַן, ישראל הורווין און פילע אַנדערע וועלען אַלע מאָל דערמאָנט ווערען מיט אַכטונג און דאַנקבאַרקייט פאַר די פילע אַרבייט וואָס זיי האָבען אַוועקגעגעבען און אַ טייל פון זיי גיבען נאָך איצט אַוועק פאַר דער סאָסייטי.

אָבער די טעטיגקייט פון דעם פאַראיין וואָלט ניט אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרען ווען עס וואָלטען זיך ניט געפונען נייע כוחות פרישע קרעפטען וואָס האָבען אָנגעכאַפּט דעם טייל מאָל איבערגעריסענעם פאָדעם פון דעם לעבען פון דער סאָסייטי און האָבען אים געשפּינען ווייטער און ווייטער. און אויב די ערשטע גרינדער מעגען זיין שטאָלץ איצט ווען זיי זעהען אַז זייער אַרבייט איז ניט געגאַנגען לאיבוד מעגען אָבער די שפּעטערדיגע טוער און פאָרזיצער פון דער אַרבייט זיך פרייען ביי דעם יו“ט, ווייל זייער טייל אַרבייט האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער סאָסייטי. מיר קענען ניט געבען אַ ריכטיגע און גענויע אָפּשאַצונג פון די מענשען וועלכע זענען געשטאַנען פון אָנפאַנג ביי דער גרינדונג פון דער סאָסייטי און זענען איצט פּאַסיוו צו דעם פאַראיין, מיר זיינען מיט זיי ווייניג בעקאַנט, דערפאַר אָבער ווייסען מיר גוט די איצטיגע טוער, וועלכע זענען ווערטה דערמאָנט צו ווערען, דער איצטיגער פרעזידענט הירשעל לעווין, אַ טוער ווי שוין אויבען דערמאָנט פון די סאַמע ערשטע מיטגלידער און איז אַקטיוו ביז איצטיגען מאָמענט, אַ מענש, וואָס האָט צוזאַמען מיט דעם מאָהילעווער פאַראיין זיך ג ע ע ל ט ע ר ט, האָט דורכגעמאַכט פאַר די 25 יאָר גוטס און שלעכטע צייטען און איז געבליבען טריי און איבערגעגעבען צום פאַראיין, ב. שאַפּירא, אַ מענש, וואָס די סאָסייטי איז אַ טייל פון זיין איך פּילט אויס די בעשליסע פון דעם פאַראיין ביז צום העכסטען גראַד, האָט געהאָלפען שאַפען אַ נייע אינסטיטוציע אין דעם מאָהילעווער פאַראיין, געוועזן עטליכע מאָל בעאַמטער פון פאַראיין.

הערר‎י סיגעל, אַ שטענדיגער בעזוכער פון די מיטינגען, נעמט איין אנטייל אין אַלע פראַגען, עטליכע מאָל געוועזן פרעזידענט, אַ מענש, וואָס די אַרבייט איז אים ליעב און טייער און איז פאַראינטערעסירט אין דעם פּראָגרעס פון דער סאָסייטי; זלמן ניומאַרק, געוועזן עטליכע מאָל טרעזשורער, און האָט געהאַלטען אַנדערע עמטער, האָט אַ סך מיטגעהאָלפען אַז די פינאַנציעלע לאַגע פון דער סאָסייטי זאָל זיין אַ געזיכערטע, וואָס דאָס האָט געבראַכט דערצו אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל קענען מער אויסשפּרייטען איר אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטען, געוויס מעג ער גראַטולירט ווערען איצט פאַר זיין אַרבייט וואָס ער האָט געטאָן.

יוסף ראָגאָווער, זלמן וועקסלער מיטגלידער וואָס פאַר זיי איז קיין אַרבייט ניט צו שווער, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דעם פערבעסערען און פערגרעסערען פון דער „מאָהילעווער סאָסייטי“, ניטאָ קיין קאָמיטע, וואו די צוויי נעמען זאָלען ניט דערמאָנט ווערען, זיי מעגען זיך ווירקליך פילען שטאָלץ ביי דעם יו“ט צו וועלכען זיי האָבען בייגעטראָגען זייער פיל.

הערר‎י קאָהען דער איצטיגער „טרעזשורער“, אַ איד וואָס פאַר די לעצטע פאָר יאָר האָט ער ווירקליך אַוועקגעגעבען זיין צייט מעהרער וויפיעל זיינע מעגליכקייטען האָבען אים דערלויבט, נאָר דערפאַר, ווייל ער זעהט אין דער „אַמעריקאַן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו“ די ערענסטקייט און די איבערגעגעבענהייט צו די אַלע פראַגען און פּראָבלעמען וואָס זיינען לעצטענס אויפגעשוואומען אויף דער אידישער גאַס אין וועלכע די סאָסייטי האָט זיך אַזוי אַקטיוו באַטייליגט. די נעמען שאַפּאַטקין, ראַטנער, רעזווין, סעקס,— זענען בלעטער אין דער געשיכטע פון דער סאָסייטי.

# מיין שטעדטעל

י. ה. ראראשיצקי

עס בלענדט מיר אַקעגען דאָס הייזעל, דער גאָרטען
דער איינזאַמער ווינקעל, וואו איך בין געבאָרען;

אין בלויע פאַרנאַכטען אין העלע פרימאָרגענס
לעבט אויף צוריק מיין שטעדטעל, ביי מיר אין זכרון.

אין שטעדטעל, דאָרט שטעהט נאָך מיין הילצער'ן וויגעל,
דאָרט לעבט נאָך די באָבע וואָס האָט מיך געוויקעלט,

געקושט מיינע גלידער און ה י י ס מיך געבאָדען
געוויגט מיך, געזונגען: „אַי ל י ו ל י ו"—געציקעלט.

עס שוועבט נאָך פאַר'חלום'ט אַרום דאָרט מיין יוגענד,
מיין קינדערשער גלויבען איז ריין דאָרט פאַרבליבען:

איך קען דיך, מיין אָרימע היים, נישט פאַרגעסען,
איך ווייס נישט וואָס ס'ציהט מיך — דאָך מוז איך דיך ליבען!

מיין קליין און אָרעם שטעדטעלע,
איך זעה דיך פאַר מיר קלאָר;

איך האָב שוין לאַנג פאַרלאָזען דיך,
שוין באַלד דריי צענדליג יאָר.

דאָך זעה איך דיינע געסלאַך נאָך
און יעדען שטיין פון אָרט;

די הייזלאַך שטעהען ווי מאַרמאָר ווייס,
דער ברונעם אויף זיין אָרט

דער מאַרק איז רונדיג, מיט אַ קרוין
פון בוימעלאַך, ווי אַ קייט:

פאַר יעדען הויז אַ קאַשטאַן־בוים,
אַ קראָם — די טירען אויף צושפּרייט.

און מיכאַל שטעהט דער גוטער פּויער,
דער אַלטער שבת־גוי—

ביים ברונעם שטעהט ער אָנגעשפּאַרט
און קייעט טעמפּ אַ שטרוי.

און יאַן מאַרשירט אַדורך דעם מאַרק,
אַרומגעהילט דעם זאַק,

און אויף זיין אַקסעל פינקעלט אָפּ
זיין שאַרפע, בלאַנקע האַק.

דער וואַכטמיש שלעפט זיך שכור, „לוט"
פון קראָם צו קראָם אין גאַס,

און בייזערט זיך אויף יונג און אַלט,
אויף יעדען מלא כעס.

דעם נגיד'ס קוואָקע, מיט'ן האָן,
מיט הינדעלעך אין קרייז—

אַנטלויפען פאַר דעם שכור'ן
און בלאָזען זיך ווי בייז.

דעם שטאָדט־באָק טרייבט מען מיט אַ דראנג
פון בעקער'ס שטוב אַרויס,

ער מעקעט זיך פאַנאַנדער הויך,
די הערנער גרייט צום שטויס,

עס יאָגט אים נאָך דעם קצב'ס הונט,
און רוקט זיך פון דער זייט,

און ביידע שטעלען זיך צום קאַמף—
אויף טויט און לעבען גרייט.

די קינדער לויפען זיך צונויף,
מען עפענט טויער און טיר!

ווי פריילעך און ווי לעבעדיג —
לייכט יענער טאָג פאַר מיר!

---

עס טוט אונז זעהר לייד, וואָס דער פּלאַץ דערלויבט ניט אָפּצושטעלען זיך מער באריכות וועגען מיטגלידער וואָס האָבען די סאָסייטי געבראַכט צו דעם שטאַנד, וואו זי שטעהט איצט, זיי וועלען אונז אלע מוזען ענטשולדיגען פארוואָס מיר דערמאָנען ניט זייערע נעמען. מיר האַלטען, אז די אַלע טוער, וועלכע ווערען דערמאָנט און וועלכע ניט, זיינען אונז ליעב און טייער. דער יו"ט איז אונזער אַלעמענס און מיר זענען אַלע גלייכע מחותנים, זאָל דער אָנפאַנג פון נייע 25 יאָר זיין אָנפאַנג פון נייע אינטענסיווע ארבייט, נייע אַקטיוויטעט און נייע שאַפונגען.

# מיין שטעדטעל

## הלל צייטלין

**קליינער נאָטיץ**

הלל צייטלין איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1872 אין קאָרמע, מאָהילעווער גוב. לויט׳ן טאַלענט איז צייטלין נישט קיין בעלעטריסט, אָבער פון זיינע שורות שלאָגט טייל מאָל אַרויס אזא כח און פארביגקייט, אַז מאַנכע זאַכען זיינע ווערען געליובט ווי דיכטונג. דער זאין איז בעוועגליך דאָס וואָרט פריש און בילדעריש און אינגאַנצען מאכען זיי דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען דורכ־געוועבט געווען מיט היסען בלוט און נערוזען. צייטלין איז ניט קיין בעלעטריסט, נאָר פון פובליציסט שפרינגט ער אוויליג איבער צום דיכטער, אויסמיידענדיג דעם מיטען—דעם בעלע־טריסט. און אין אָט דעם פערבאָרגענעם גנעיג פון פובליציסט צום דיכטער, און צו־ריק, פון דיכטער צום פובליציסט, ליעגט אַ שטיק רייץ פון צייט־לינ׳ען אַלס שרייבער.

איר האָט ביי מיר אלץ אָבגערויבט איר האָט ביי מיר צוגענומען מיין גאָט. מיין גלויבען, מיין האָפנונג, וואָס האָט איר אָבער צו מיין שטעדטעל געהאָט? — —

איר האָט ביי מיר אַלץ צוגענומען, איר קאָנט מיר צוריק גאָרנישט געבען. גיט זשע מיר כאָטש מיין שטעד־טעל צוריק.

גיט מיר די הויכע שוהל, וואָס איז שוין הונדערטער יאָרען אַלט. מען דאַווענט שוין דאָרט לאַנג נישט. חרוב איז זי געווען. חרוב׳ערהייט אָבער איז זי הייליג און גרויס געווען.

מען טאָר אהין ביינאַכט נישט געהן. נאכט און נאכט דאווענען דאָרט די מתים. עס קומען אראָב אַלע הייליגע צדיקים, שטעלען זיך אויף דער חרוב׳ער בימה, ברענגען מיט זיך א פייערדיגע ספר תורה. משה רבינו איז דער בעל קורא: יעמוד יצחק בן אברהם...

נאכט און נאכט איז די הויכע שול פול מיט צדיקים, מלאכים און שרפים, די צדיקים דאוונען, די מלאכים זאָגען שירה די שרפים זאָגען: קדוש, קדוש.

נאר אז מיר, קינדער, קומען אהין גאנץ פריה, געפינען מיר שוין די הימעלוואוינער נישט. די צדיקים זענען אין גן־עדן. די מלאכים הויך, הויך אונטער׳ן כסה הכבוד —

מיר זעהען אָבער פאר זיך דעם הויכען דאך. פויגעלעך פליהען דאָרט ארום פראנק און פריי. עס איז זייער אָרט. קיינער שטערט זיי נישט.

נאכט און נאכט, ווען די הייליגע חבריא קומט אראָב דאוונען די פויגעלעך אויך מיט זיי.

און ווען מען רופט אויס: יעמוד יצחק בן אברהם און משה רבינו לייענט אים, ווי אזוי מען האָט אים, יצחק׳ן, צו דער עקידה געפירט און די מלאכים טוען אים אָן קרוינען אויפ׳ן קאָפּ, פערשפרייטען די פויגע־לעך זייערע פליגעלעך איבער אים און מאכען אים א חופה.

און בשעת מען לייענט, ווי אזוי משה האָט די אידען פון מצרים ארויסגעפירט, קלינגט איבער גאָר די וועלט די שירה פון די אבות און פון די פייגע־לעך...

און ווען מען לייענט פון אלע נסים, פון אלע וואונדער, זענען זיי דאָ. מיט אלע הייליגע און ריינע דערצעלען זיי די שבחים פון גאָט —

און אז מיר קומען אינדערפריה, זעהען מיר די פייגעלעך ארומפליהענדיג פון וואַנט צו וואַנט, פון פענסטער צו פענסטער. עס ציטערן זייערע פליגעלעך, עס הערט זיך נאָך דער בת־קול פון דער נאכט־תפילה...

און דאָרטען, אויפ׳ן וואנט, זענען נאָך גאַניץ די עשרת הדברות. א משונה׳דיגער מזרח, א מנורה מיט זיעבען רערען, א לייב, אנ׳אָדלער —

און נאָך פיל, פיל ציורים. נאָר זיי זענען שוין אָבגעמעקט. הונדערטער יאָרען איז זי אַלט, אָט די שול.

און שטענדיג אין דער אלטער שול, ווערט דאָס הארץ פול מיט פרייד און צוזאמען דערמיט אויך מיט א גרויסער אימה. עס פילט זיך דאָס רוהען פון גאָט אין דעם אָרט —

און מיט א הארץ, פול פרייד און וועהטאָג צו־זאמען, לאָזען מיר די הויכע שוהל, געהען־אריין אין דעם אלטען חסידישען בית־המדרש, וואָס איז דער־ביי. דאָרטען דאווענט מען און מען לערנט —

און שטעהט ער, דער אלטער רבי יעקב ארום מיטעלבאנק, דער קאָפּ אריבערגעדעקט מיט׳ן טלית. ער דאווענט שטיל.

נאָר אָט געהט זיך דער עולם פונאנדער. עס בליי־בען נאָר יחידי סגולה. דעמאָלט הויבט ר׳ יעקב אָן זיין חב״ד. עפּיס ווי א שטיין פאלט אים אָב פונ׳ם הארצען. ער איז איצט אליין, ער קאָן דאוונען, ווי ער וויל.

און עס ווערען קולות וברקים. ד׳ אלהיכם אמת —הויבט ער אָן אויסשרייען—

און עס ציטערן די ווענט. אמת, אמת, שרייט ער.

גוואלד, אמת!

און עס פילט זיך, אז דאָס איז אזוי, אז עס מוז אזוי זיין, אז עס קאָן אנדערש נישט זיין. אז עס איז דאָך פאָרט אזוי.

אז ער איז דאָך פאָרט אמת און אמת איז ער.

און דאָרט, דאָרט, ערגיץ אין א ווינקעל פון חדר שני שטעהט רבי אברהמל דער דאַוונער. אנ׳אורח איז ער ביי אונז.

ער דאַווענט גראָד אָהן רעש. קלאָר, וואָרט ביי וואָרט, נאָר אין יעדער וואָרט לעגט ער די גאנצע נשמה אריין—

און ליב האָט ער בשעת מעשה אָבטייטשען זיך יעדעס וואָרט. ער קאָן זיך נישט איינהאלטען און זאָגט־אָרויס דעם טייטש.

און ער האָט א טרויעריג נגונ׳דעל און קלאפּט זיך צו מיט׳ן פּוס—

הללוהו שמש וירח, דו, זון, לויב־זשע גאָט, דו, לבנה לויב גאָט, הללוהו כל כוכבי אור, איר שטערען, לויבט־זשע ווייטער גאָט, לויבט אים איר, הימלען, איר, הויכע הימלען—

וואסער, פייער, ווינטען, בערג, בוימער, אַלטע, יונגע, אלע, אלע, אלע לויבט דעם בורא.

און אָט אין אנ׳אנדער ווינקעל שטעהט איינער א יונגערמאן. נישט קיין הויכער א שווארץ רונד בערדיל, א פּאָר ברענענדיגע שוואַרצע אויגען. אריינ־געטאָן אין אַ טיפער, טיפער התבוננות...

פּלוצלונג טוט ער זיך א כאפּ. עפּיס ווי א שלאנג וואָלט א ביס געטאָן. אי, אי, אי, און לויפט־ארום פון וואנט צו וואנט, פון איין עק שוהל צום צווייטען, ביז וואנען ער בערוהיגט זיך א ביסעל און ווערט ווייטער אריינגעטאָן אין זיין התבוננות...

און אָט שטעהט אַ איד, מאכט משונה׳דיגע העויות, שרייט־אוים ווילדע, משונה׳דיגע קולות—

און אָט שטעהט ער, דער מנגן אליין. אייגענט־ליך איז ער גאָר קיין חזן נישט. ער קאָן ביים עמוד נישט דאַוונען.

נאָר ווען ער דאַווענט א ל י י ן, ווען דער עולם געהט זיך פונאנדער, שטעהט ער שעות׳ווייז און... איר קענט פון אים קיין געשריי נישט הערען.

איר וועט נאָר הערען פון אים כל המיני נגונים שבעולם. ער וועט אייך אלץ אויסזינגען.

איר וועט הערען אין זיינע נגונים דעם טיפס־טען טרויער, די גרעסטע פרייד. טרויער און פרייד צוזאמענגעמישט, בענגשאפט אָהן ענדע, הארצרייי־סעניש און קלאָג, אינערליכע ליידען, שטרעבען אין העכער הויך און פאלען, דאָס בעטען זיך פון א קינד, די טרייסט פון א פאָטער, ישועות ונחמות פון אנ׳־עולמות עליונים

און אָט שטעהט ארום טיש א פּאָר יונגעלייט פון די שארפע משכילים אין חסידות. מען רעדט זעהר שטיל. האלבע דבורים, מער מיט׳ן וואונק, מיט׳ן קנייטש.

— איך קאָן פאָרט משיג זיין ווי אזוי איז עס דער שכל פון משכיל און משכיל*) בשעת זיי זענען בכח—איינס?

—ווייל זיי זענען דאָן אין אין און „אין", מוז אלץ קומען לידי אחדות הפשוטה.

—איז דאָך אָבער דאָן נישאָ קיין שכל, משכיל און משכיל?..

—און ארום א צווייטען טיש שטעהען ווייטער א פּאָר חסידישע יונגעלייט. מען רעדט מילי דבדיחותא.

—אַ מתנגד איז, ווי יענער גוי, להבדיל, וואָס זאָגט: ניע אוקראַל ניטשעהאָ, ניע אוביל ניעקאָהאָ וו׳סאמי ראי פּאָידו...*) ער האָט אלץ מקיים גע־ווען, ער האָט זיין הוב אָבגע׳פּטר׳ט. וואָס דאַרף ער נאָך?

—גאָט קאָן זיך אים קיינמאָל נישט אויסצאָלען. סטייטש: ער האָט קיין חזיר נישט געגעסען און האָט קיין בויגעל פון מארק נישט געכאפּט...

און אָט געהען שוין ארוים די לעצטע פון בית־המדרש. א ווײלע ווערט עס שטיל.

די זומערזון שיינט אין די הויכע פענסטער אריין. ארום בית־המדרש א גרינע לאָנקע. עס עפענען זיך די פענסטער. דאָס גרינס קוקט אין בית־המדרש אריין.

אַ ווײלע ווערט עס שטיל. באלד הערען זיך ווײ־טער קולות, עס הערט זיך דאָס געזאנג פון תורה.

מיר, קינדער, נעמען־ארוים גמרות, חזר׳ן די שעורים „לייענען" נייע — —

און דאָרט, ארום די טישען, זיצען עלטערע בחורים, זענען פערטיפט אין לערנען, זינגען ווער שטיל, ווער אויפ׳ן קול—

---

*) דער שכל אליין, משכיל—דער כח. וואָס איז משיג, וואָס דערגרייכט; מושכל—די זאַך, וואָס ווערט דערגרייכט, מושג.

---

*) איך האָב גאָרנישט גע׳גנבה׳עט, קיינעם נישט גע׳־הרג׳עט, איך וועל גלייך אין גן־עדן אריין.

איינער:

בשעת שעלה משה למרום, בשעת משה איז אויפ'ן הימעל ארויף, מצא להקב"ה, האָט ער געפונען גאָט ברוך הוא, שהוא יושב וקושר כתבים לאותיות— ער קרוינט קרוינען צו די אותיות—

און א צווייטער:

בשעת שעלה משה למרום, בשעת משה איז ארויף אויפ'ן הימעל, בקשו מלאכי השרת לדחפו, האָבען די מלאכים געוואָלט אים אראבשטויסען, אמרו: מה ליליד אשה בינינו? וואָס האָט א מענש צו טאָן ביי אונז?...

מיד פרש עליו עננו — האָט אויף אים גאָט זיין וואָלקען פערשפרייט, האָט אים אין וואָלקען אריינגענומען — — —

און א צווייטער:

אמר הקב"ה, עס האָט געזאָגט גאָט ברוך הוא, עלי לשלם את הברעה שהעברתי בציון, איך דאַרף בעצאָלען פאר דער שרפה, וואָס איז געווען אין ציון, מיט פייער איז זי חרוב געוואָרען און מיט פייער וועט זי געבויט ווערען — — — — — — — — — — — —

---

עס איז געקומען ערב שבועות. פריי פון חדר, פריי פון לערנען, לויפען מיר ארום אין די גרינע פעלדער ארום שטעדטעל. מיר דראפען זיך אויפ'ן הויכען בארנבוים, וואָס איז ארום שמעון דעם נייעם נגיד'ס הויז. עס ווערט קולות פון דער שמעונ'יכע. דאן קריכען מיר איינציגווייז אראָב, מיר געהן זיך כלומר'שט פונאנדער. דערווייל גרייטען מיר אָן, ווער א שטעקען, ווער א שטיין, ווער עפּיס אנ'אייזען, רוקען זיך צוביסלעכווייז, ביסלעכווייז צום בוים, הויבען־אָן וואַרפען אין דערהויך...

ווערט די שמעונ'יכע נאָכמער אין כעס, הויבט־אָן שילטען מיט ביטערע פינסטערע קללות. הערט מען זי מסתמא ווי דעם קאָטער.

ווערט א שטארקע מלחמה צווישען אונז מיט איר. זי כאפּט א אינגעל, רייסט אים אראָב דאָס היטעל די חברים פערוואַרפען זי מיט שטיקלעך האָלץ און שטיינדלעך—

און אין מיטען מלחמה כאפּען זיך ארויף אפּאָר מזיקים פון אונז אויפ'ן בוים, הויבען אָן טרייסלען די צווייגען און די שמעוניכע מאכט קולות עד לשמים.

און עס וואָלט זיך די מלחמה נישט געענדיגט, ווען עס וואָלט נישט פארבייגעהן אפּאָר שענע אידען, וואָס האָבען אָנגעשריען אויף די „שקצים" און האָבען אונז פונאַנדערגעטריבען.

דאן זענען מיר אַוועק צום טייכעל, וואָס איז אין עק שטעדטעל געוועזען אויפ'ן בריקעל, געקוקט אהין, געדראפּעט זיך צום וואַסערמיל, אראָבגעגאַנגען ווי דאָס וואַסער לויפט, געוואָרפען שטיקלעך האָלץ לאָזען שיפלעך שווימען אין טייכעל, געבאָדעט זיך, געשטופּט איינער דעם צווייטען אין וואַסער אריין, געקייקעלט זיך אינ'ם גראָז, געריסען, געשלעפּט, געוואָרפען אין וואַסער.

נאָר דאָס אַלץ האָט אויך דערעסען, און חברה האָט זיך א לאָז געטאָן אין אַנדער עק שטעדטעל, וואו עס איז געשטאַנען מישקעס ווינטמיל און א ציגעלניע.

שטיל און רוהיג ארום און ארום. א גרויס ברייט פעלד.

מען זעהט קיינעם נישט דורכגעהן. די ווינטמיל מאָלט נישט. נישטאָ מישקע מיט זיינע בנים. א לעבען.

עס ליגען אפילו מישקעס שומרים, צוויי גרויסע הינט. זיי זענען אָבער איצט אויך שטיל און טשעפּען קיינעם נישט. זיי ליגען פויל, רירען קוים דעם עק.

חברה פּרובט דראַפּען זיך אויפ'ן ווינטמיל, ווילען שטופּען די פליגלען, קריכען אראָב, דראַפּען זיך אויף דאָס הייזעל, וואָס איז דערביי.

א טייל געהען־אַוועק צום ציגעלניע, קריכען־אריין אין קאַסטען מיט ליים, שמירען זיך אויס דורך און דורך, געהען אראָב, וואו מען ברענט די ציגעל און קריכען קוים ארויס פון דאָרט.

און איינעם פערדריסט עס עפּיס פלוצלונג אויף די כלבים, וואָס ליגען זיך אזוי רוהיג. סטייטש! עס זענען דאָך גאָר קיין כלבים נישט!...

כאַפּט א שטיינדעל, וואַרפט אויף איין הונט. ווערט ער, דער הונט, א ביסעל בּאָרענדיג, ער פוילט זיך אָבער שטאַרקע קולות צו מאַכען.

וואַרפט מען אויף אים א גרעסערען שטיין, ווערט ער שוין שטאַרק ברוגז.

חברה געפעלט דער עסק. הויבט מען אים אָן צו וואַרפען פון אַלע זייטען, ווערט ער—אש להבה. זיין חבר נאָך אים—

און מיר מוזען זיך אָבטראָגען מיט די קאַפּאָטעס. שפּרינגט מען אין גראָבען, וואָס איז נישט ווייט פון דאָרט, א טייל לויפט צו דעם גוי'שען בית־עלמין, ביז וואַנען עס ווערט שטיל דער צאָרן פון מישקעס שומרים.

קלייבט זיך חברה ווייטער צונויף און מען איז אזוי פערהאַוועט ביז פאַרנאַכט.

מען דערמאָנט זיך אָבער, אז די עלטערן וואַרטען און מען דאַרף אין בית־המדרש געהן.

---

איינציגוויז, איינציגוויז צוגעהט זיך דער עולם.

נאָך אזוי פיל האָרעוואַניע וואָלט זיין דאַכט זיך, א יושר, זיך אָבצורוהען און שלאָפען געשמאַק, איז מען דאָך אָבער אידען און מען דאַרף שבועות אויף זיין.

ווער עס וויל, געהט אין בית־המדרש „תקון" זאָגען: ווער עס פוילט זיך, זאָגט זיך „תקון" אין דערהיים.

איך האָב אָבער אַנ'אַנדער עסק. איך דאַרף געהן זאָגען „תקון" מיט מיין אלטען זיידען, וועלכער איז געלעגען צום בעט און מען האָט בעדאַרפט זיצען נעבען אים.

זיצען מיט'ן זיידען האָט זיך מיר זעהר געוואָלט. ער איז געווען איינער פון די עלטסטע חסידים, האָט זעהר פיל מעשות געוואוסט און האָט זעהר שען דערצעלט.

אָנהויבען פלעגט זיך דאָס על־פי־רוב פון דעם וואָס אים, דעם זיידען האָט זיך גע'חלומ'ט א רמז אויף דעם פסוק: „ופלגשו ושמה ראומה", און אין פיל יאָרען אַרום האָט ער עס געפונען אין זוהר הקודש, נאכהער פלעגט עס אריבערגעהן צו די אפיקורסים, וואָס זאָגען, אז אין דער תורה איז מער נישטאָ ווי פשט, נאכהער—צום דעסעווער, וואָס „ערבי נחל" האָט אויף אים געזאָגט, אַז אין חצוניות איז ער יוד און זייד, זייד און יוד און אין פנימיות אפיקורס, אפיקורס און אפיקורס; נאָכהער—צו רבי מנשה איליער, וואָס דער עולם מורמעלט אויף אים, און אזוי פלעגט עס קומען צום „המגיד" און פונ'ם המגיד גלייך צו נאַפּאָלעאָנ'ען און צו דער גרויסער מחלוקת, וואָס איז געווען צווישען דעם אלטען רבי (דער רב) און צווישען אַנדערע, ווי דער קארלינער, ר' לוי־יצחק בערדיטשעווער, וואָס דער אלטער האָט געהאַלטען פאַר רוסלאַנד.—

דאַן פלעגט עס אריבער אינגאַנצען צום אלטען רבי, און מען פלעגט אָנהויבען פון דעם, ווי דער אַלטער רבי האָט נאָך אליין געלערענט און, נישט האָבענדיג קיין ליכט, פלעגט ער לערנען פאַר דער לבנה; נאַכהער—ווי ער איז געווען ביים מעזריטשער, ווי ער איז נתגדל געוואָרען, ווי אביגדור האָט אים גע'מסר'ט, די נסים ונפלאות, וואָס מיט אים האָט זיך געטאָן אין פּעטערבורג, זיין ביסלעכוויז, ביסלעכוויז צו קומען צו „דער גרויסער חתונה". „די גרויסע חתונה" — וועגען איר האָט דער זיידע ליב געהאַט צו דערצעלען. די גרויסקייט פון איר איז בעשטאַנען אין דעם וואָס דער אלטער רבי האָט א שידוך געטאָן מיט ר' לוי־יצחק בערדיטשיווער און ביידע

זענען געווען אויף דער חתונה.

רוח הקודש האָבען דאָרטען אלע געשעפּט עמערוויז, נסים האָבען זיך דאָרטען געוואַלגערט אויפ'ן באַנק און אונטער'ן באַנק—

ווער עס איז נאָר געווען אויף דער גרויסער חתונה, האָט געקראָגען א הארה אויפ'ן גאַנצען לעבען און אין זיין גאַנצען דאַוונען און לערנען האָט אריינגעשיינט יענער אור.

מען האָט געזעהן דעם בערדיטשעווער, דעם אַלטען, געכאַפּט א וואָרט, א רמז, א תנועה—געננג

זיי פלעגען צווישען זיך ריידען מילי דעלמא, און מיט יעדער וואָרט פלעגען זיי מעלה זיין אלע נשמות, מתקן זיין אלע פגמים.

אלע פערשטויסענע נשמות האָבען געוואַרט אויף דער גרויסער חתונה. דאָרט האָבען זיי תיקון געהאַט.

עס זענען בטל געוואָרען אלע דאגות, אלע פּחדים. פערגעסען געוואָרען אלץ. נישטאָ קיין עול הפרנסה, עול אשה ובנים, עול גלות; דער עול פון יצר־הרע איז אויך בטל געוואָרען.

פשוט'ע חסידים זענען דאָרט נתעלה געוואָרען צו דער מדרגה פון ליבו הלל בקרבו*).

און וואָס איז דער חדוש? עס האָט דאָרטען מאיר געווען אור עתיק דאצילות**).

מילא, זיי אליין זענען געווען למעלה מכל השגה און נאָר ווייל זיי האָבען מרחם געווען זיך אויפ'ן דור יתום, זענען זיי לעבען געבליבען. ווען נישט דאָס, וואָלטען זיי בטל געוואָרען אין סוף.

מיט גרויס דעת האָבען זיי געוואוסט, ווי צו זיין בבהינת רצוא ושובי.

נאָר נישט אלעמאָל האָט דאָס געהאָלפען. איינמאָל איז דער אלטער געקומען צו כלות הנפש.

געווען איז דאָס בשעת ער, זכר צדיק לברכה, איז געגאַנגען מיט דער כלה א טאַנץ. די כלה האָט געהאַלטען איין ברעג פאַטשיילקע, ער דעם צווייטען ברעג.

איז מען געגאַנגען א ריקוד. דער רבי בראש און נאָך אים די חסידים. עס איז אראָב די גאַנצע פמליא של מעלה, עס איז געוואָרען שמחה וחדוה אין אלע עולמות.

---

*) נאָכ'ן „תניא" נאָך קאָנען דערצו קומען נאָר צדיקים גומרים, און דאָס הייסט, אייגענטליך, אַז מען דאַרף שוין דעם יצר הרע נישט מנצח זיין, ווייל ער איז שוין אינגאַנצען נישטאָ.

**) דאָס אינערליכע און טיפסטע פון גאָט'ס רצון. איינע פון די העכסטע מדרגות אין קבלת כאָטש עס גיבען נאָך העכערע מדרגות.

האָט מען געדאַרפט א נגון זאָגען, האָבען די חסידים אָנגעהויבען זאָגען. זענען די נגונים אָבער נישט געווען פון אזא הויכער מדרגה, האָט ער אָנגעהויבען זיין נגון זינגען...

וואָס מער ער האָט אָנגעהויבען זינגען, אלץ שטאַרקער איז געוואָרען די דבקות. אזוי האָט שוין דער נגון א טבע. וואָס ווייטער און ווייטער קומט מען אלץ אין העכערע עולמות אריין; בקיצור, ער האָט אָנגעהויבען זינגען „נכספה גם כלתה נפשי“, „לבי ובשרי ירננו אל אל חי“, „נפשי תערוג אליך אלהים“ — אנ'עק די וועלט!

איז מען געקומען צום זוהר, „בחד קטירא אתקטרנא, ביה אחידא, ביה להיטא“.

און אוים מענש! ער האָט עלית נשמה געהאַט.

אין א פּאָר שעה ארום האָט זיך די נשמה צוריקגעקערט. וואָס די נשמה האָט דאָרט געזעהן און מיט געווען, וועט מען אין הונדערט יאָרען נישט אויסדערצעהלען —

דערביי האָט דער זיידע אָנגעהויבען זינגען שטילערהייד דעם רב'ס נגון.

א קליין לעמפּעל אויפ'ן טיש. דער זיידע ליגט אין זיין בעטעל. דער זוהר ביי אים אויפ'ן הארצען.

עס לייכט זיין פּנים. די אויגען קוקען ווייט, ווייט.—

ער זינגט שטיל, איינגעהאַלטען. און די גרויסע בלויע אויגען א דביקות-פּייערל.

טיפער און טיפער ווערט דאָס געזאַנג. שטאַרקער און שטאַרקען ווערט די דביקות—

בחד קטירא אתקטרנא, ביה אחידא, ביה להיטא!—

די טיפע נאַכט קוקט אין פענסטער אריין....

---

דער יונגער פרעהליכער טאָג וויל מנצח זיין די טיפע נאַכט. עס שיינט אריין דער מאָרגענשטערען. איך לויף פון שטוב ארויס.

איך גיה אריין אין גאָרטען, וואָס נעבען זיידענס שטוב. אָבער די גרעזעלעך גיבען נאָך איבער איינע די צווייטע די נאַכט-סודות—

נאָר אָט שיינען די ערשטע זונשטראַלען אויף זיי און די גרעזעלעך גרייטען זיך שוין מקבל-פּנים זיין דעם ליכטיגען העלען טאָג.

עס איז פול די לופט מיט זיסע ריחות פון ארומיגע וועלדער און פעלדער, עס הערט זיך דעם פּאַסטוכס פייפען, עס הערן זיך קולות פונ'ם חסידישען בית-המדרש.

א שטיל ווינטעל בלאָזט. די גרעזעלעך שושקען זיך קינדער זאָגען נאָך „תיקון“.

עס הערען זיך שוין די לעצטע קולות פון בית-המדרש. די פויגעלעך פון דער הויכער שוהל האָבען שוין די טאָג-שירה אָנגעהויבען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז געהען אידען, גרויסע און קליינע, פון בית-המדרש ארויס. קינדער לויפען פרעהליך. די זון הויבט אָן בעגיסען מיט אירע שטראַלען די שפּיצען דעכער. אידען געהען צום טייכעל-זיך טובל זיין.

פּאָרלעך, פּאָרלעך געהען און ריידען שטילע איידעלע שמועסען.

מען שמועסט וועגען מתן-תורה, וועגען השראת השכינה, וועגען אמאָליגע רביים, וועגען דער ריינער לופט און וועגען מאַי.

— ווייסט, וואָס דער „אוהב ישראל“ זאָגט וועגען מאַי?

— וואָס?

מאַי איז אותיות מי. מי טרעפט-אָן פופציג, ווייל אין דעם חודש זענען מאיר אלע נון שערי ביי-די אומות-העולם זענען אויך מודה, אז היינטיגער חודש איז מסוגל צו אלע גוטע זאכען.

— בינה איז דאָך שכינתא עלאה און אז זי איז מאיר אין שכינתא תתאה*), איז די וועלט פול מיט שדים.

— דער חודש איז זעהר מסוגל צו רפואות הגוף און נאָכמער צו רפואות הנפש —

— — — — — — — — — — — — — — —

---

אין בית-המדרש צום דאַוונען. אידען לומדים און חסידים שטעהען אין מזרח. די זון שיינט אויף די עטרות פון די טליתים.

די יחידי—סגולה טוען-אָן בעזונדערע יאַרמולקעס לכבוד שבועות. מען טוט זיך אָן וואָס מער אין ווייסען.

די ווייסע פאַרב ווייזט אויף אורות און אויף חסידות, און שבועות מוזען דורכאויס חסידים זיין.

א קליין דאַר אידעל געהט אַרויף אויף דער בימה, עפענט דעם סידור און הויבט אָן דעם טרויריג-האַרציגען נגון פון „אקדמות“.

דער עולם ציהט נאָך אים, מען איז איינגאַנצען אין די „אקדמות“. ווער עס פערשטעהט נישט, קוקט אין פירוש.

און דער גאַנצער עולם איז בעגייסטערט מיט דעם גרויסען כבוד, וואָס גאָט האָט אָבגעגעבען זיין ליבען פאָלק ישראל און פון דעם כבוד, וואָס זיי וועלען האָבען לעתיד-לבוא.

*)שכינתא תתאה—די מדה פון מלכות, די שכינה, וואָס רוהט צווישען אונז.

פּשעת זיי האָבען געזאָגט „נעשה ונשמע", האָ־בען דאָך מלאכים זיי קרוינען אָנגעטאָן—

ווי זיי האָבען גאָטס דיבור דערהערט, זענען זייערע נשמות ארויסגעפלויגען; גאָט האָט געשיקט דעם טויט, וואָס מען וועט מיט אים תחית־המתים־זיין און האָט זיי לעבעדיג געמאכט.—

מלאכים האָבען זיי אויף די פליגלען געטראָגען; גלייך צום בארג צוגעטראגען—

מלאכים וועלען זיי לעתיד־לבוא ווייטער בעדי־נען, גאָט וועט מאכען א גרויסע סעודה פאר די צדי־קים, אויף שטילען פון גינגאָלד וועלען זיי זיצען און דעם יין המשומר וועלען זיי טרינקען.

דער עולם האָט אָבגעדאוועוֶנט. גוט־יום־טוב! גוט־יום־טוב!

נאָך דער מילכיגעס־קליין און גרויס אויפ'ן פרייען פעלד.

שענע אידען ריידען וועגען ענינים פון חסידות, סתם אידען — מילי דעלמא. יונגלעך שטיפען. מיידלעך שפּאצירען פּאָרלעך, פּאָרלעך, ווארפען א בליק אויף דעם און יענעם בחור'ל און ווערען פערשעמט— —

---

... און ווען איך קום היינט אין מיין שטעטעל, דערקען איך עס נישט. די הויכע שוהל־לאַנג, לאַנג נישטאָ.

מען האָט זי עפּיס אין אנ'אנדער שטעטעל א־וועקגעשענקט.

דער אלטער חסידיישער בית־המדרש—לאנג, לאנג אָבגעברענט.



הערי לעווין, פּרעזידענט: סעי! אַזוי דענקט איר יועט מען קענען פירען אַ מיטינג! העי! זעצט זיך דאָרטען אַוועק! ברודער וועקסלער, הערַאויף ארומצולויפען איבערן האָל, אַ ניט וועסטו דעם וואָרט ניט קריגען ביי דעם מיטינג!"

אויסגעבויט געוואָרען א נייער—עס זענען שוין אָבער נישטאָ אין אים רב יעקב און אברהמ'ל דער דאוונער.

עס זענען דאָ קאַלטע אידען, מיט קאַלטע הער־צער.

עס זענען דאָ שוואכע אידען, וואָס גלויבען זיך אליין נישט.

די טאטעס האָבען פיינט די קינדער, די קינדער —די טאטעס; נאָר די טאטעס האָבען זיך אליין אויך פיינט, די קינדער האָבען זיך אליין אויך פיינט.

דוכט זיך, אז די זון שיינט שוין דאָרטען נישט אזוי העל, דוכט זיך, אז די פעלדער־זענען שוין דאָר־טען נישט אזוי גרין—

עס איז שוין דארטען קיין קדושה נישטאָ, עס איז דאָרטען קיין יוגענד נישטאָ.

עס איז דארטען קיין גלויבען נישטאָ, עס איז דאָרטען קיין האָפנונג נישטאָ.

שטומפּזיניג און נאריש זענען זייערע געדאנ־קען און מעשים, ליידען און שטרעבען, לעבען און טויט!..

---

... איר האָט ביי מיר אלץ גערויבט. איר האָט ביי מיר צוגענומען מיין גאָט, מיין גלויבען, מיין האָ־פענונג. וואָס האָט איר אבער צו מיין שטעטעל גע־האָט?

איר האָט ביי מיר אלץ צוגענומען. איר קאָנט מיר צוריק גאָרנישט געבען. גיט מיר כאָטש מיין שטעטעל צוריק.

אוו מעסטעטשקו לאדינו, מאָגילעווסקי גובערניו
דוכאָוונאָמו ראַבינו שנייערסאָנו. (2 מאָל)

אוו מעסטעטשקו ליאדינו, א פינטעלע
מאָגילעווסקו גובערנו, אַ פינטעלע
דוכאָוונאָמו ראַבינו שנייערסאָנו

---

על כן שרייב איך דיר היילגער רעבעניו
אז מיינע געשעפטען זיינען אַיי, אַיי, אַיי
און מיין טאָכטער איז אַיי אַיי אַיי
און ארום און ארום איז אַיי אַיי אַיי
טו העלף־זשע מיר.

אוו מעסטעטשקו לאדינו,
מאָגילעווסקו גובערנו
דוכאָוונאָמו ראַבינו שנייערסאָנו
2 מאָל.

# מיר ווילען וויסען

**פון א אידען וואס וויל שנעל אלט ווערען, ווייל דאס לעבען האט אים שוין דערעסען**

פארוואס ברודער טומארק'ן ווילט זיך אז די מאהילעווער סאסייטי זאל מאכען א שול, און שבת תשובה האלט ער אפען זיין „ריעל עסטייט אפיס“.

* * *

פארוואס לויפט קיין מאל ניט ברודער שאפאטקין אלס פרעזידענט פון דער סאסייטי, און ווערען אמאל בעליידיגט פון ברודער וועקסלער'ן ווי אנדערע פרעזידענטען האבען דאס געהאט.

* * *

פארוואס געהט ארום אזא איד ווי יאשקע ראגנער פראנק און פריי אויף דער וועלט און האט ניט חתונה, און האט ניט ווער עס זאל אים דערגעהן די יארען, ווען ער קומט שפעט אהיים פון א מיטינג ווי אנדערע אידען האבען דאס.

* * *

פארוואס היט דער פינאנץ סעקרעטער רובינשטיין אזוי שטארק אפ די קאנסטיטוציע פון דער אמעריקאן בראדערהוד און היט ניט אפ אזוי שטארק זיינע ביכער און שיקט אמאל 2 בילס אין דעם זעלבען קווארטאל צו א מיטגליד.

* * *

פארוואס איז הערבי קאהן אזא שטארקער אנהענגער פון סאוועט־רוסלאנד, וואס איז געגען פריוואט אייגענטום און אליין בויט ער הייזער און קאלעקטעט רענט.

* * *

פארוואס דארף חזן רייכלין נוצען דעם קאמערטאן, ווען ער מאכט דעם „מלא“ ביי א מעמאריאל מיטינג פון דער סאסייטי, ווען די פערשטארבענע מיטגלידער זועלען סיי ווי סיי ניט פראטעסטירען ייען ער וועט אנפאנגען דעם „מלא“ מיט א פאלשען טאן

* * *

פארוואס לייענט אזוי שטיל דער רעקארדינג סעקרעטער י. קאראפאוו דעם פראטאקאל פון לעצטען מיטינג, אפשר האט ער מורא אז אימיצער וועט דערהערען אז ער האט פערגעסען צו פערשרייבען א וויכטיגע פאסירונג פון לעצטען מיטינג?

* * *

פארוואס וויל ניט דער מאהילעווער ברענטש 176 פון ארבייטער רינג בעצאלען די 250 דאלאר, וואס זיי האבען צוגעזאגט ביי א מאסמיטינג פון דער מאהילעווער סאסייטי, ווען מען האט געקליבען געלט פאר די מלחמה קרבנות, צו האלטען די פירער פון ברענטש פון דעם כלל, אז צוזאגען און ליעב האבען קאסט קיין געלט ניט?

* * *

פארוואס דארף זלמן וועקסלער נעמען ביי א מיטינג דריי מאל א ווארט אין איין פראגע, ווען ער רעדט איינמאל אין א פראגע קען מען דאך אויך קראנק ווערען פון זיין רעדען.

* * *

פארוואס איז ס. זימערמאן אוועקגעפארען פון שיקאגא, האט ער ערגעץ וואו אנדערש געפונען א מאהילעווער סאסייטי, וואו ער קען זיין אזוי טעטיג ווי ער איז געווען ביי דער אמעריקאן בראדערהוד.

* * *




י. ניימארק: פארוואס טאקע עפעס ניט איינלאדען א רב, וועלכער זאל אונז זאגען א פאר גוטע ווערטער — וואס איז — מיר זענען דען קיין אידען ניט?

פאַרוואָס ווען דר. גאָלין קומט צו אַ מיטינג זעצט ער זיך אוועק ביי דער טיר, האָט ער מורא פאַר קלעפּ פון הערדי קאָהן טאָמער וועט ער ניט איינשטימען מיט זיינער אַ מיינונג.

* * *

פאַרוואָס איז מאָריס לעווין ערוויילט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון דער סאָסייטי לעצטען יאָר, ווען ער האָט אַפּילו ניט פערדינט צו זיין וויים...

* * *

פאַרוואָס האָט ברודער קראַלל געגעבען אַ פּרעזענט דער סאָסייטי מאַכענדיג אַ „קאַט" פון דאָס בילד פון דער יובילעאום קאָמיטע אָהן געלט, איז דאָס אפשר דערפאַר, ווייל די רעדאַקציע האָט געדרוקט זיינעם אַן אַרטיקעל אין סאָוועניר בוך?

* * *

פאַרוואָס קומט דר. דאָלניק קיינמאָל ניט צו אַ מיטינג פון דער מאָהילעווער סאָסייטי, און פון די
ני משה'ע, יע האַלט ער נאָך אַלץ אַז די מיטגלידער פון דער מאָהילעווער סאָסייטי דאַרפען געהן אין אַ נאַכט שולע צו לערנען זיך דרך ארץ, אויב יע, טאָמער וואָלט ער זיך אונטערגענומען צו זיין דער לערער.

* * *

פאַרוואָס האָט זיך ב. שאַפּירא פערנומען מיט אַ געשעפט פון פערקויפען קוילען צו לענדלאָרס, וואָס האָבען „סטים היט" הייזער, ניען זלמן וועקסלער האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט דעם רבונו של עולם, אַז אויסער אים טאָר דאָס קיינער ניט טאָן.

* * *

פאַרוואָס האָט זיך פאַרוואָלט ברודער בינער צו פראַווען זיין זילבערנע חתונה דוקא שמחת בית השיבה, ווען מען קען הוליען אָהן אים.

* * *

פאַרוואָס זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק ברודער גליק וועגען דער לאַגע פון יעדען ברודער פון דער סאָסייטי און וויל יעדען רייך מאַכען, פריהער האָט ער זיי צוגע־רעדט צו קויפען פאַליסעס פון די „ניו יארק לייף" און איצט רעדט ער זיי צו צו קויפען לאָטס.

* * *

פאַרוואָס זאָל די מאָהילעווער סאָסייטי, וואָס האָט מיטגלידער וואָס זיינען בילדונגס קאָנטראַקטאָרס ניט קויפען אַ פּלאַץ אין שיקאַגאָ, און אויפבויען אַ בילדונג, וואו עס זאָל זיין אַ שעהנער זאָל צום מיטען?

* * *

פאַרוואָס האָט ברודער סטאַלק ניט געקויפט קיין טיקעט אין שול לעצטע ׳-ים נוראים און האָט זיך ראש השנה און יום כפור אַרומגעדרעהט איבער די גאַסען פוסט און פּאַס, איז דאָס טאַקע אמת, וואָס די תורה הקדושה זאָגט — שמנת עבית כשית.

* * *

פאַרוואָס זעהט ניט סעם לעווין דער גענעראַל מענעדזשער פון די אמאַלגעמייטעד יוניאָן, אַז די מאָהילעווער שניידער וואָס אַרבייטען ביי הארט שעפנער און אין אַנדערע שעפּער, זאָלען אַריין אין דער מאָהילעווער סאָסייטי, ווארום איז די מאָהילעווער סאָסייטי ערגער פון ברענטש 176 אַרבייטער רינג, וואו זיינע „ביזנעס אגענטען" טוען דאָס אַזוי פלייסיג.

* * *

ווען וועט שוין די מאָהילעווער סאָסייטי ווערען מיט לייטען גלייך און האָבען ביי זיך לינקע און רעכטע ווי אַלע אַנשטענדיגע אָרגאַניזאַציעס האָבען דאָס?

* * *

פאַרוואָס איז לייזער גרינשפּאָן אַזוי איינגעשפּאַרט און וויל ניט בעצאָלען די 3 דאָלאַר פאַר דעם באַנקעט, מיינט ער באמת, אַז אָן זיינע 3 דאָלאַר וועט די מאָהי־לעווער סאָסייטי קיין באַנקעט ניט האָבען?

* * *

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי אונזער פּרעזידענט הערדי לעווין אַנגעשטייסען אויף ברודער וועקסלער און פילע מאָל וויל ער אים ניט געבען דאָס וואָרט ביי אַ מיטינג, איז דאָס דערפאַר, ווייל וועקסלער רופט דעם פּרעזי־דענט זעהר אָפט אין דער קצב'שער געסל...

* * *

פאַרוואָס האָט ברודער בענענסאָן ניט בעמיט זיך צו מאַכען אַ שלום צווישען דער מאָהילעווער סאָסייטי



יאָשקע ראַגאָווער: איך זאָג מיינס, איך בין איינשטימיג מיט ברודער שאַפּאַטקין, וואָס דאַרפען מיר זיך פאַרדרעהען אַ קאָפּ מיט סאָוועניר ביכער מיר וועלען בעסער האָבען אַ שעהנעם סאַפּער מיט גוטע מאכלים אַזוי ווי ביי די „היברו וואָירקערס", און דאָס וועט זיין גענוג.

# סילועטען פון דער פארגאנגענהייט

אברהמל

דאָרט, וואו דער דניעפּער זיך שלענגעלט
אין וויעג זיינעם שמאָהלען,
דאָרט, וואו דער אידישער דלות
צעשטרעקט איז אין טהאָלען,
דאָרט, וואו פון חסידישע „זינד“ איז
דער „תשליך“ געשוואָלען, —
דאָרט איז געשטאַנען אַ „מוטער“
אין „שטאָדט — פון — ישראל'ן“...

דאָרט, וואו דער טייך וואַשט די ברעגען
מיט כוואַליעס, מיט שטילע,
דאָרט, וואו פון צוקערמאַנ'ס-שוהל הילכט
אַ שיעור מיט אַ תפלה,
דאָרט, וואו דער מלבים געפיהרט האָט
אַ קאַמף מיט דער קהלה,
דאָרט האָב איך תורה „געטרונקען“
פון קוואַלען פון קיהלע....

---

און ברענטש 176 אַרבייטער רינג, דער מאָהילעווער פאַראיין איז דאָך ניט קיין לינקע אָרגאַניזאַציע.

* * *

גוואַלד! וואָס וועט זיין פון ברודער ב. ראַטנער, וואָס ער האַלט אין איין רייכערען אַזעלכע גראָבע סיגאַרס ביי אַ מיטינג, ווען מען זיצט אַרום אים קען מען דאָך דערשטיקט ווערען.

* * *

פאַרייאָס לייענט ניט ברודער ה. סיגל דעם „פאָרווערטס“ פּ ר י נ צ י פּ ע ל, און איז נאָר איין אָנהענגער פון „קוריער“, ווייס ער דען ניט אַז איצט איז שוין דער „פאָרווערטס“ אַ פאַרטיידיגער פון „בשר כשר“ און „טהרת המשפחה“ פונקט ווי אַלע אַנדערע כל ישראל צייטונגען ווייל דאָס בעצאָלט זיך בעסער...

* * *

וואו האָט דאָס ברודער אברמיל טערמאַן געקראָגען די ערפינדונג, אָפּצושרעקען אַ קאָסטימער, וואָס געהט מיט אים קויפען אַ הויז, אַז הינטען פון בילדינג איז אַ גרויסער הונט, כדי דער קאָסטימער זאָל אהין ניט קריכען און פיליכט דערזעהן אַ חסרון אין בילדינג.

* * *

וויפיעל גוי'שע בעלי מלאכות האָט דאָס ברודער איב ענטין, וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגען דער יובילעאום קאָמיטע אָנצושטעלען זיי אַלעם אויפפּאַסער אויפ'ן „פלאָר“ ביי דעם באַנקעט פון דער סאָסייטי זיי זאָלען האַלטען אָרדנונג, ווייל — זאָגט ער — פאַר אַ גוי האָט אַ איד מער דרך ארץ.

* * *

פאַרוואָס ווייזט זיך ניט דר. גרינשפּאָן פאַר דער מאָהילעווער סאָסייטי, מיינט ער דען באמת אַז מען קען זיך שוין פערלאָזען אויף זיינע לאַנדסלייט אַז זיי קענען זייער וועלטעל אַליין ביישטעהן.

* * *

וויפיעל איז דער שיעור פאַר ברודער סעקס צו זיין אין דער סאָסייטי כעני בפתח (אינסייד גארד בלע"ז) פאַרוואָס זאָל ער ניט דערהויבען ווערען צו דער גדולה פון צו ווערען פרעזידענט.

פאַרוואָס האָט מען נאָך ברודער בלאָק'ן דעם וויס פרעזידענט פון די „דיוויזשאָן סטייט בייננק“ זינט ער איז אַ מיטגליד פון דער סאָסייטי קיינמאָל ניט געזעהן צו אַ מיטינג, נו אַז מען קען ניט ריידען אידיש טאָר מען דען זיך ניט אויסלערנען?

* * *

וואָס האָט זיך ברודער בערל דער שווארצער אַזוי אָנגעזעצט אויף מאָרים לעווין, וואָס ער וויל אפילו צום באַנקעט ניט קומען אום ניט צו בעגעגענען זיך מיט אים, ווייס ער דען ניט אַז אין דער תורה שטעהט „לא תקם ולא תיטר.“

* * *

פאַרוואָס קומט ברודער הורווין נאָר צו אַזאַ מיטינג ווען פאַר ניט קומען דאַרף מען בעצאָלען אַ דאָלאַר שטראָף, זאָל ער בעסער קומען צו אַנדערע מיטינגען און צו אַזאַ ניט.

* * *

וויפיעל גרייזען וועט דאָס דער בחור הזעצער מאַכען אין דעם סאָוועניר בוך און פערשווארצען דעם פנים פון דעם אָרימען רעדאַקטאָר?

* * *

דאָרט, אין דעם טהאָל פון הרוגים
און קדושים — קרבנות — ,
דאָרט, וואו ר׳ רוטענבורג-זיסקינד
באַקרוינט האָט רבנות,
דאָרט, וואו „מאַראַנען“ פאַקלאָנסקי׳ס
געריכט, האָבען תענית, —
דאָרט האָט מיין אומשולד געטראָגען
פון תורה די פאָהנעס...

דאָרט איבער שטאָדט שוועבט אַ לאַנגע
געשיכטע פון גזרות,
פון פוילען, פון צאַר אַלעקסעי׳ען,
כמעלניצקי׳שע-מורא׳ס,
פון אידישע גירושים אין צייט פון
הדלקת-הנרות;
און שאָטענס דערצעהלען פון פריה-
אָפגעשטאַנענע פירות....

היינט אין דעם צענטער פון אַלטען
„קול-יעקב“ געשמאַקען,
דער דלות פייפט שטאַרקער
אין טהאָל פון די קראַנקען-באַראַקען,
אין ווענט פון פאַרמאַכטע ישיבות
ביליאַרד-קוילען קנאַקען,
און צוקערמאַנ׳ס - שוהל איז אַ „קלוב“ פאַר
גע׳מל׳טע קאַזאַקען...

די גייסטיקע אריסטאָקראַטען
פון יחום און וויסען,
די אַלטע משפחות: רש״ל,
און גורעוויטש, און גיסין, —
זיי בלאָנדזשען, ווי בעטלער אַרום היינט
אין טהאָל אָפגעריסען....
זיי וואַרטען אויף הילף פון מרחקים,
זייט „אָדר“ און „ניסן“....

אין מאַרק ספעקולירען און לויפען
פאַרשוינען און „נעפ׳ען“,
זיי רייסען אַ פאָס פון קבצנים
און צייהן פון זיי שלעפען;
נור יאַנקעל דער בלעכער, פון „קאָמנאַלאָג“
וויל זיי ניט טשעפען,
פון זייערע „שכירות“ איהם לוינט זיך
חיונה צו שעפען....

און פון די חדרים און קלויזען
אויפ׳ס-ניי הערט מען קלאַנגען,
ניט תפלות, נור קינדער׳שען פאַטהאָס
פון חאַריק׳ס - געזאַנגען....
הפקרות אין שקאָלעס אין „רויטע“
האַלט אינגלאַך געפאַנגען
מיט פויגעלשען שכל, און מיט
„קאָמסאָמאָלסקע“ פאַרלאַנגען...

ס׳יאָמערט די געטין פון פרייהייט
אויף קליינע מופקרים,
וואָס טרייבען די טאַטעס אין „דרום“
צו אַקערען קברים...
ערגעץ פון אונטערגרונד פייפט אויס
דער שופר אַ שברים,
און שאָטענס דערצעהלען געשיכטעס,
ווי רייכקייט ווערט אָרים...

---

ווען וועלען שוין די אידישע קאָמוניסטען אויפהערען צו שרייען גוואלד אז זיי ווילען א סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אַמעריקא און אליין אַרומפאָרען אין טייערע אויטאָמאָבילם.

* * *

וויפיעל שבחים ווערען ארויסגעזאָגט דאָ אין דיזען סאָוועניר בוך פון ארבייטער, וועלכע האָבען אפילו ניט איינגעטינקען די הענט אין קאַלטע וואסער?

* * *

ווען וועט שוין ברודער פסח משה דאָלניק אָנפאַנגען זאָגען א פרק משניות בין מנחה ומעריב פאַר די מיטגלידער פון דער מאָהילעווער סאָסייטי, וואָס ווילט זיך האָבען איין אייגענע שול.

* * *

ווען וועט שוין אויפהערען צו עקזיסטירען אָרימקייט, נויט און דחקות אויף דער וועלט, און מענשען וועלען לעבען ווי ברידער, און ניט ווי חיות אין וואלד?

* * *

ווי קומט דאָס אז ברודער וועקסלער האָט ניט געוואָלט אריין אין דער יובילעאום קאָמיטע, איז דאָס אפשר דערפאַר, כדי ער זאָל נאָכדעם קענען זאָגען, אז ווען ער וואָלט געווען אין דער קאָמיטע וואָלט געווען אַ שעהנערער יובילעאום.

* * *

ווען וועט שוין ברודער בעלינקי אָפּגעהן פון כעס אויף דער סאָסייטי פאַר איין עולה וואָס מען איז אמאָל בעגאַנגען געגען אים, איז דאָס טאַקע ריכטיג, אז אַ איד שטאַמט פון איין „עם קשי עורף?“

* * *

ווי גרויס דאַרף דאָס זיין די בילד פון אַ בעאַמטען פון דער סאָסייטי, אין דעם סאָוועניר בוך?

* * *

וויפיעל מיטגלידער פון דער מאָהילעווער סאָסייטי שיקען זייערע קינדער אין אַ אידישער מאָדערנער שולע וואו זיי קענען דערצויגען ווערען אויף דער אידישער טראַדיציע און אידישען גייסט, פערטראַכטען זיי זיך אמאָל, אז ווען זיי וועלען ניט דערציהען קיין אידישען דור, ווער וועט איבערנעמען זייער ארבייט און פאָרטזעצען זייער גייסטיגע אקטיוויטעט נאָך דעם ווי זיי וועלען דאַרפען פערלאָזען די זינדיגע וועלט?



העררי קאָהן: מיר פייפען אויף ארץ ישראל, פאַר אונז איז סאָוועט־רוסלאַנד א סך טייערער, מיר האָבען מיט די אידישע בורזשוקעס גאָר ניט וואָס צו טאָן, מיר דאַרפען העלפען די אַרבייטער פון סאָוויעט ־ רוסלאַנד, אָבער ניט ערגעץ אַנדערשוואו!

## וואו איז אַהינגעקומען דער ערשטער פרעזידענט פון דער סאָסייטי?

וויפיעל מיטגלידער וועלען דאָס ניט וועלען בעצאָלען דעם דאָלאַר פאַר דעם בעגריסונג, אין סאָוועניר בוך, איז דאָס די מאָהילעווער סאָסייטי ביי זיי ניט ווערטה בעגריסט צו ווערען אפילו אז עס דאַרף קאָסטען א דאָלאַר?

* * *

ווען וועט שוין סיימאָן גורעוויטש אָנטאָן אַ תכית קטן און לאָזען וואַקסען אַ בערדעל און פאות און פאָרעזאָין ארץ ישראל דאָרטען פערקויפען רפאות צו קראַנקע מענשען, וויפיעל איז דער שיעור זיך וואַלגערען אין גלות?

* * *

ווען וועט שוין ברודער שאַפּאטקין אפשאַפען דעם געזעץ אַז איין ארבייטער קומט מיט 10 מינוט שפּעטער אין שאָפּ פערלירט ער אַ גאַנצע שטונדע.

* * *

ווען וועט שוין די מאָהילעווער סאָסייטי איינפירען רעגעלמעסיגע לעקציעס ביי די מיטינגען, וואָרום עס ווערט אמאָל ניט גוט הערענדיק טריקענע בעריכטען פון קאָמיטעס.

* * *

ווען וועט שוין משיח קומען און אויסלייזען דאָס אָרימע פאָלק פון ביטערען גלות?
גוואַלד!.. ווען... ווען... ווען?..

---

דער מאַן וואָס איז געבראָכן צו רעגירן זאָל אויסמיידן פרויען.

* * *

אַלצדינג קאָנט איר איבערצייגן אַ פרוי, חוץ, אַז אירגענד וועלכע זאַך איז אַנדערש ווי זי דענקט.

* * *

אַ פרוי קען פילעס פארנעמען אָבער ווייניק פערגעבן.

* * *

צו שטאַרבן פאַר אַ פרוי איז אָפט מאָל אַ קלענערע העלדיקייט ווי צו לעבן מיט איר.

* * *

מאַנכע פרויען זענען געגליכן צו יונגע פאָטויטאָס,

* * *

די פרוי, דאָס איז דער קאַמפּאָט פון לעבן. לאָז זי פשוט'ע מענטשן ליבן זיי אַם בעסטן אין די העמדלאַך. דארום איבער אַף דער סאַמע ענדע!

ק. מרמר

# מאָהילעוו אין דער געשיכטע פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערבאַוועגונג

מאָהילעוו איז איינע פון די שטעט און גובערניעס, וועלכע האָבן געשפּילט אַ באַדייטענדיקע ראָל אין דעם לעבן פון די אידן אין רוסלאַנד.

מאָהילעוו און אירע שטעט און שטעטלעך; ביכאָוו, האָמעל, ליאַדי, ליבאַוויטש, שקלאָוו, א. ד. ג., זיינען נעמען, וואָס רופן אַרויס אנגענעמע אידייען פאַרבינדונגען. זיי דערמאָנען אָן ליכטיקע פּערזענליכקייטן באַדייטנדיקע בעלעטריסטישע און וויסנשאַפטליכע ווערק, שיינע און הייליקע אידייען פון דריי יאָרהונדערטן (18, 19 און 20) נאָכאַנאַנט.

מאָהילעווער גובערניע דערמאָנט אָן דער חב"ד באַוועגונג און אָן די פּיאָנערן פון סאָציאַליזם בא אידן. זי דערמאָנט אָן די אייגנטימלעכע אידישע רעליגיאָנס פילאָזאָפן און אָן די גרויס השגה'דיקע לומדים און משכילים, וועלכע האָבן געפּלאַנט אַריינצוברייגען די „שיינקייט פון יפת" און די „געצעלטן פון שם". אין מאָהילעוו האָבן געווירקט דער אומפאַרגלייכלעכע, קעמפער קעגן חסידיזם און פאַנאַטיזם און דער הערציקסטער אידישער ראָמאַנען־שרייבער. אין איר טעריטאָריע זיינען געבאָרן געוואָרן, אָדער האָבן זיך אַנטוויקלט, אַ גאַנצע ריי מאָדערנע דיכטער, דערציילער, עסייאיסטן און היסטאָריקער אין אידיש און העברעאיש; מוטיקע רעוואָלוציאָנערן און קלאַסנקעמפער.

קיין וואונדער, וואָס מאָהילעוו און אירע באַרימטע אומגעגנטן פאַרנעמען אַזאַ חשובן פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור, אין העברעאיש און אידיש. באַזונדער האָבן איר פּאָפּולער געמאַכט פּרץ סמאָלענסקין און יעקב דינעזאָן. דער ערשטער האָט געשילדערט די „פלעדערמייז" און פינסטערלינגס פון מאָפּליה (מאָהילעוו) און כשלון (שקלאָוו), און די יונגע מוטיקע אידעאַליסטן וואָס האָבן געזוכט דאָרט אַריינצוברייגען ליכט און אויפלעבונג. דער צווייטער האָט געמאַכט צענדליקע טויזנטער מענטשן פאַרגיסן טרערן איבער די ליידן פון ליבנדיקע הערצער אין מאָהילעוו.

יעקב דינעזאָן איז געקומען קיין מאָהילאָוו אַ אינגל פון צוועלף יאָר און פאַרבראַכט דאָרט ביז נאָנט פון דרייסיק. ער איז געגאַנגען אין אַ מאָהילעווער חדר, באַזוכט אַ מאָהילעווער ישיבה און געלערנט „פאַר זיך" אין איר שמערל צוקערמאַנ'ס בית המדרש. ער איז נאָכדעם געוואָרן אַ לערער אין איר תלמוד תורה און איינער פון אירע פּראָמינענטע משכילים. אין מאָהילעוו האָט אויך יעקב דינעזאָן אָנגעהויבן שרייבן זיינע ראָמאַנען פון אידישן לעבן אין מאָהילעוו.

„דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", דער „אבן נגף" און דער ווייניק באַקאַנטער „צוויי בריוו פון אַ מחבר", שילדערן די לאַגע פון די אידישע מאַסן אין מאָהילעוו פון די זיבציקער יאָרן. דינעזאָן האָט אויך געהאַט איין ראָמאַן (זיין ערשטלינג) מיט'ן נאָמען "בעון אבות" (צוליב די עלטערנס זינד), וואָס האָט איבערגעגעבן דירעקט אַ מאָליווער טראַגישע פּאַסירונג. נאָר די צענזור האָט עס פאַרבאָטן צו דרוקן.

די מעשה איז אַזוי געווען. אַ מאָהילעווער גביר, אַ פינסטערער פאַנאַטיק האָט אויסגעקליבן פאַר זיין טאָכטער אַ פּאַנאַטש גראָב יונג, וואָס האָט געשטאַמט פון גרויס יחוס. די טאָכטער, אַ געבילדעט מיידל האָט געליבט אירן אַ שוועסטערקינד, אַ גימנאַזיסט. נאָר זי איז ניט געווען בכח איבערצורעדן איר טאַטן ער זאָל ענדערן זיין באַשלוס.. זי האָט אויך ניט געהאַט קיין מוט צו אַנטלויפן ווי ג ע ב י ל ד ע ט ע מענטשן האָבן איר געראַטן. האָט זי געמוזט חתונה האָבען מיט דעם וואָס איר טאַטע האָט פאַר איר אויסגעקליבן. זי האָט פּראָבירט אים מאַכן פאַר אַ מענטשן. דאָס האָט איר ניט געלונגען. ווען זי האָט איינגעזעהן אַז איר לעבן איז פאַרשפּילט האָט זי זיך אויפגעהאַנגען.

דינעזאָן האָט אָט די טראַגעדיע פון מאָליווער לעבן באַשריבן זייער רעאַליסטיש. ער האָט איבערגעגעבן די טראַגעדיע מיט אַלע פּרטים. נאָר צו דינעזאָנ'ס שלימזל איז דער ווילנער צענזאָר געווען פון זיין ווייב'ס צד אַ קרוב פון דעם מאָליווער גביר. האָט דער צענזאָר געוואָלט פאַרהיטן דעם כבוד פון זיין קרוב און פאַרבאָטן צו דרוקן דינעזאָנ'ס ערשטן ראָמאַן. אַ יאָר שפּעטער האָט אַן אַנדער מאָליווער שרייבער דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער אליעזר אַקערמאַן, געשילדערט די אַלע פאַקטן אין דער פאָרם פון אַ טאָגבוך, אונטערן נאָמען „עולם הפוך" (אַ פאַרקערטע וועלט). דאָך, דעם מאָטיוו, פון פאַנאַטישן

טאַטן וואָס שטערט דאָס גליק פון זיין קינד, האָט דינעזאָן באַנוצט אויך אין אַנדערע דערציילונגען. נאָר אין יענע איז ער פול רחמנות און פאַרגעבונג אויך צו די פאַנאַטישע עלטערן. ער געפינט אַף זיי אַ זכות, אַז זיי ווייסן ניט בעסער. ער ווייזט אונז אויך דעם עלנט פון דעם אָרימען שדכן, וואָס ברענגט אומגליקן אַף צאַרטפילנדיקע יונגע נשמות ניט אויס שלעכטקייט, נאָר צוליב זיין אָרעמקייט.

מאָהילעוו און אומגעגנט פאַרנעמט אויך אַ חשובן פּלאַץ אין די שאַפונגען פון אַנדערע העברעאישע און אידישע דיכטער, וואָס זיינען אויסגעוואָקסן, אָדער זיך אַנטוויקלט אין איר סביבה. נאָר נאָך אַ וויכטיקערן פּלאַץ ווי אין רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. מאָהילעוו איז אַ געוויסע צייט אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן — געווען דער וויכטיקסטער אידישער סאָציאַליסטישער צענטר אין רוסלאַנד.

דער מאָהילעווער סאָציאַליסטישער צענטר האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זיינע אַגיטאַטאָרן זיינען געווען מערסטנס רייכע שילער און שילערינס פון מאָהילעווער גימנאַזיע. אַרבעטער אינ'ם מאָדערנעם זינען זיינען דאָרט געווען ווייניק. כאָטש אָרימע אידישע האַראָפּאַשניקעס האָבן דאָרט ניט געפעלט. נאָר דער אָרימער אידישער עולם איז געווען זייער אומוויסענדיק און פאַנאַטיש. האָבן די רייכע סאָציאַליסטישע גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס צו אים קיין צוטריט ניט געהאַט. איז זייער גאַנצע אַרבעט באַשטאַנען אין אויפקלערן ישיבה בחורים: זיי פאַרוואַנדלען פון קלויזניקעס אין עקסטערניקעס. מ'פלעגט זיי לערנען אומזיסט רוסיש און אַנדערע געגנשטאַנדן און דערביי אריינשמוגלען סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע אידייען. נאָכדעם פלעגט מען זיי באַקענען מיט דער ניט לעגאַלער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. די מערסטע פון אָט די מאָהילעווער גימנאַזיסטן און עקסטערניקעס זיינען געווען סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אָדער נאַראָדאָוואָלצעס, וועמענס אידעאַל איז געווען גיין אין רוסישן פאָלק אריין. געווען אויך אַזוינע גביר'שע טעכטער פון מאָהילעוו, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דער היים מיט קריסטליכע געליבטע און זיך ניט מער אינטערעסירט מיט די אידישע מאַסן. נאָר ס'זיינען אויך געווען אַזוינע, וואָס האָבן זיך געווענדט צום אייגענעם פאָלק. זיי האָבן אָרגאַניזירט אין אַ סך שטעט און שטעטלעך אידישע סאָציאַליסטישע־קאָמוניסטישע קרייזלעך. נאָר די אַלע קרייזלעך האָבן אַזוי ווי די מאָהילעווער פּראָפּאַגאַנדיסטן אַליין זיך אָנגעגעבן הויפּטזעכלאַך מיט לייענען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן ישיבה בחורים און משכילים.

צווישן די סאָציאַליסטישע גימנאַזיסטן פון מאָהילעוו פון יענער צייט האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן לעווענטאַל און דער שפּעטערער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעאָרעטיקער פּאַול אַקסעלראָד. פון די מאָהילעווער ישיבה בחורים וואָס זיינען געוואָרן סאָציאַליסטן איז באַזונדער געווען טעטיק דער פריער דערמאָנטער סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער אליעזר צוקערמאַן.

שוין זיין אויבנדערמאָנטער דערציילונג פון מאָהילעווער לעבן, „אַ פאַרקערטע וועלט", געדרוקט אין פּרץ סמאָלענסקין'ס העברעאישן חודש־זשורנאַל „השחר", איז דורכגעדרונגען פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן גייסט. ס'פילט זיך דאָרט אַ שטאַרקע שנאה צו די זאַטע און אָפּגעפרעסענע גבירים און פון ליבע און מיטלייד פאַר די אָרימע מאַסן און די פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ, וואָס גרופּירט זיך אַרום זיי.

צוליב די פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג, זיינען די מערסטע מאָהילעווער אידישע רעוואָלוציאָנערן אַנטלאָפן קיין בערלין. דאָרט איז אין די זיבציקער יאָרן געווען אַ היבשע "מאָהילעווער קאָלאָניע" פון אידישע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, מערסטנס סטודענטן און סטודענטקעס.

די סאָציאַליסטישע קאָמוניסטישע „מאָהילעווער קאָלאָניע" האָט געשפּילט אַזאַ ראָל אין אויסלאַנד ווי דער מאָהילעווער קרייז אין רוסלאַנד. די מאָהילעווער אידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן דעמאָלט געהאַט מער איינפלוס ווי די קיעווער און אפילו די ווילנער. איז דערפאַר מאָהילעוו געווען דער וויכטיקסטער פּונקט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד און די „מאָהילעווער קאָלאָניע" אין בערלין — דער וויכטיקסטער אידישער סאָציאַליסטישער צענטר אין אויסלאַנד.

אָט די מאָהילעווער אידישע סאָציאַליסטן קאָמוניסטן, אין בערלין האָבן אַלע געוואוינט אין איין הויז, און געלעבט צוזאַמען קאָמוניסטיש. אייניקע פון אָט דער מאָהילעווער "קאָמונע" האָבן שטודירט מעדיצין. אַנדערע האָבן געאַרבעט אין בערלינער פאַבריקן ווי פּשוט'ע טאָגאַרעטער. זיי האָבן דאָס געטאָן מיט אַ באַשטימטע כונה. ערשטנס, זיך צו באַקאַנען מיט דעםווירקלאַכן צושטאַנד פון די אַרבעטער. צווייטנס, זיך צוגעוואוינען צו שווערע אַרבעט, כדי זיי זאָלן קאָנען, ווען זיי וועלן צוריקקערן נאָך רוסלאַנד, טרעטן אין פאַבריקן און זאַוואָדן און דאָרט אַגיטירן צווישן די פּשוט'ע רוסישע אַרבעטער.

בייטאג פלעגן די מאהילעווער פריווויליקע הארפאשניקעס ארומגיין אנגעטאן אין גראבע לייווענטענע בלוזעס און צוריסענע שיך. זיי האבן אויסגעזען ווי ארימע אפגעלאזענע פאבריק ארבעטער. נאר אין אוונט, ווען זיי פלעגן זיך צוריקערן אין זייער „קאמונע“ האבן זיי זיך ווידער גענומען צו אינטעליגענטע ארבעט. זיי פלעגן לייענען סאציאליסטישע קאמוניסטישע ביכער און זשורנאלן, שרייבן ארטיקלען און בריוו און אנפירן די סאציאליסטישע פראפאגאנדע צווישן אידן אין רוסלאנד. זיי זיינען אויך געשטאנען אין פארבינדונג מיט די סאציאליסטישע פירער פון אלע לענדער, און באזונדערס מיט אהרן ליבערמאנען, דעם טאטן פון דער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג. אהרן ליבערמאן האט געהאט אן אינטערנאציאנאלע רעפוטאציע און אלע וואס האבן געוואלט פארשפרייטן דעם סאציאליסטיש־קאמוניסטישן געדאנק צווישן אידן אנערקענט זיין אויטאריטעט. ער פלעגט שיקן די „מאהילעווער קאלאניע“ שריפטליכע אינסטרוקציעס פון לאנדאן אדער וויען, וואו ער איז דעמאלט געווען טעטיק.

די „מאהילעווער קאלאניע“ אין בערלין האט אויך גענומען א גרויסן אנטייל און ארויסגעבן דעם ערשטן סאציאליסטישן ארגאן פאר אידן, ליבערמאנ׳ס חודש־זשורנאל „האמת“ אין וויען. די מערסטע מאהילעווער אידישע סאציאליסטן פון יענער צייט זיינען געווען דערצויגן אף דער העברעאישער ליטעראטור. א סך פון זיי זיינען פריער געווען ישיבה־לייט, און האבן געהאלטן, אזוי ווי אהרן ליבערמאן, אז כדי צו פארשפרייטן דעם סאציאליזם צווישן אידן דארף מען צו ערשט מאכן די ישיבה־לייט און משכילים פאר סאציאליסטישע אגיטאטארן.

א מאהילעווער ראדיקאלער קרייזל האט זיך אויך געפונען אין וויען. צו אים האבן געהערט דער סאציאליסט־רעוואלוציאנער אליעזר צוקערמאן, דער דעמאלט סאציאליסטישער סימפאטיזירער משה קאמאנסקי, פריילין הורעוויטש, די טאכטער פון באדאנע הורוויטש

---

# א בוקעט קראפּיווע

פון יואל קוקו.

נעמט צו, מיינע טייערע ברידער און לאנדסלייט, דעם בוקעט קראפּיווע, וועלכען איך שיק אייך צו אייער גרויסען יום טוב, צו דעם פינעף־און־צוואנציג יאריגען יובילעאום פון דער „אמעריקאן בראדערהוד אף מאהילעוו.“

פארוואס עפּעס א בוקעט קראפּיווע? וועט איר דאך פרעגען, סטייטש, וועט איר זאגען פארוואס עפּעס אזא שטעכעדיגע ווילדע גראז, ווי קראפּיווע; מיר געדיינקען דאך נאך ווי מיר פלעגען זיך צושטעכען, ווען מיר פלעגען, געהענדיג אין וואלד, אונגערען אריינקריכען אין קראפּיווע, מיר פלעגען זיך דאך האבען צו קראצען וואכען לאנג. מיר געדיינקען דאך ווי, אינגעלוויין, אז מיר האבען זיך מיט עפּעס פארזינדיגט פלעגט מען אונז סטראשען, אז מ׳וועט אונז שמייסען מיט קראפּעווע, טא פארוואס עפּעס קראפּיווע?

וועל איך אייך ענטפערען:— קראפּיווע איז דער פאסענדסטער עמבלעם פאר אונזער סאסייטי, פאר דער „אמעריקאן בראדערהוד אף מאהילעוו.“

פארשטעהט איר מיר, די וויסענשאפט האט אויסגעפונען אז קראפּיווע קען נאר וואקסען אויף די בעסטע און פעטסטע ערד, אויף ערד, וועלכע האט איבערגענוג אלע נויטיגע שטאפען און מינעראלען ארויסצוברענגען די בעסטע פלאנצונג און די שעהנסטע בלומען, די בעסטע בוימער מיט די זאפטיגסטע פרוכט. טא זאל אייך מיין בוקעט דינען אלס א צייכען, א סימבאל, א רמז אז אויף אונזער, מיט קראפּיווע באוואקסענער מוטער־ערד קען וואקסען, וואקסט און וועט וואקסען, שעהנע פלאנצונגען מיט גרויסע שמעקענדיגע בלומען, גרויסע שטארקע בוימער מיט געשמאקע זאפטיגע פרוכט.

——— : ———

עפּעס א קלייניגקייט! פינעף־און־צוואנציג יאר! עס רעדט זיך בלויז ארויס אזוי גרינג, אבער אז מען דערמאנט זיך, אז אין א יאר זיינען דא צוועלעף מאנאטען און אין פינעף־און־צוואנציג יאר זיינען דא ארום דריי הונדערט מאנאטען, און אין יעדען מאנאט צוויי מיטינגען, דאס מאכט אויס א קיימא־לן פון זעקס הונדערט מיטינגען. שוין ניט אריינגערעכענט בעלער, פּיק־ניקס, טעאטער בענעפיטס און אנדערע גרעסערע און קלענערע שמחות.

היינט בארעכענט, אז צו יעדען מיטינג זיינען דא אויף דעם טאג־ארדנונג אמווייניגסטען צו צען פראגען און אין יעדער פראגע מוז יעדער איינער נעמען כאטש צו צוויי מאל דאס ווארט און מאכען צו פינעף פאינטס צו ארדער, חוץ איבערשלאגונגען און אריינפאלען יענעם אין די רייד צו עטליכע מאל.

פינעף־און־צוואנציג יאר צו צוויי מאל יעדען מאנאט דעבאטירען, ריסקוטירען, ארגומענטירען פלאפלען קריגען זיך איבער אלץ און איבער גארניט, איבער פראגען פון גרויס וויכטיגקייט, פון קליין וויכטיגקייט און פון גאר קיין וויכטיגקייט, וועגען הילף פאר די לעפעלאווער אדער שעלצער נשרפים, וועגען

און שוועסטער פון דעם סאָציאַליסט גרשון באַדאַנעס (גרינגאַרי גורעוויטש), און אַנדערע. אליעזר צוקערמאַן איז געקומען קיין ווין מיטן געדאַנק צו שטודירן אַף אינזשינער, נאָר די „מאָהילעווער קאָלאָניע" אין בערלין האָט באַשטימט ער זאָל וואַרפן זיין שטודיום, ווערן אַ זעצער און העלפן ליבערמאַנען אין „האמת". האָט ער אַזוי געטאָן.

פאַר אַט דעם ווינער מאָהילעווער קרייזל, פלעגט אליעזר צוקערמאַן, וואָס האָט געוויינליך געשריבן אין העברעאיש, פאַרלייענען זיינע רעוואָלוציאָנערע אידישע לידער. זיי זיינען געווען מוסטערס פון אידישן אַרבעטער לעבן. קענטיק אַז ער האָט געהאַט פאַר זיינע אויגן מאָהילעווער טיפּן. איין ליד זיינע „מאָטל דער שוסטער" האָט זיך אָנגעהייבן אַזוי:

„ניט קיין מיוחס איז מיין העלד, ניט קיין ביל־
הבית קיין אסטער,
נאָר אַ געמיינער איד: מאָטל דער שוסטער.
געהאָרעוועט כל ימיו ווי אַן אָקס אין דער סאָכע.
דאָס שטיקל ברויט צו פאַרדינען פאַר זיין משפחה.
אַכט קינדערלעך מיט אַ ווייב אַ חלושה,
אַ טשאַכאָטעצניצע — פון דער מאַמען בירושה.
געוואוינט האָט ער אין שכנות באַ יודל דעם שמש,
און אַ דירה'לע אַ קליינס פון ד' אמות,
אַפ'ן בוידים־שטיבל אין דער הויך;
תמיד פול מיט טשאַד און רויך
וואו ווינטער האָט געגאָסן פון די ווענט
און זומער האָט געסמאַליעט און געברעענט.
בקיצור: אַ באַלאַין, אַ פראַכט.
דאָרט פון גאַנץ פרי ביז אַ שטיק אין דער נאַכט
איז מאָטל צוגעשמידט צום שוסטער־שטול
געזעסען איינגעבויגען אין דרייען איבערן קאַפּיל."

ווען אהרן ליבערמאַן איז געוואָרן אַרעסטירט, האָט אויך שטאַרק געליטן די „מאָהילעווער קאָלאָניע" אין בערלין. אַ פאָר פון אירע מיטגלידער, גורעוויטש און אַראָנסאָן זיינען געוואָרן אַרעסטירט. אַנדערע גבירישע קינדער זיינען זיך צולאָפן פון בערלין. נאָר בכלל זיינען די מאָהילעווער סאָציאַליסטישע פּיאָנערן ניט נעגאַנגען פאַרלאָרן פאַר דער רעוואָלוציאָנער אַרבעטער באַוועגונג. געווען אפילו אַזוינע ווי משה אַראָנסאָן, וואָס זיינען ביסלעכווייז אַוועק פון זייערע יונגנט אידעאַלן. נאָר ס'זיינען אויך געווען אַזוינע, ווי

---

הילף פאַר די מלחמה קרבנות, וועגן דעם, צו זאָל מען צום באַנקעט צו ערשט דערלאַנגען די סופּ און דערנאָך די פלייש, אָדער פאַרקערט, יע אַ שול— ניט קיין שול, יע אַ סעמעטערי ניט קיין סעמעטערי, זאָל מען העלפן און מיט וויפיעל, אויפבויען די אָפּגע־ברענטע באָד אין וויעטקע א. אז. וו.

פינעף־און־צוואַנציג יאָר זאָגן ניין, ווען אַ צוויי־טער זאָגט יע און יע ווען אַ צווייטער זאָגט ניין. היינט, וואו איז עפּעס לויפען; עפּעס אַ קליינינקייט, לויפען פאַר פּרעזידענט, פאַר וויים פּרעזידענט, פאַר סעקרעטער, פאַר טראַסטיס, פאַר אינסייד גאַרד, לויפען, דערלויפען און ניט דערלויפען.

עס הויבט דאָך אָן צו שווינדלען אין קאָפּ, ווען מען באַטראַכט וויפיעל ענערגי, וויפיעל אַרבייט מענשען האָבען אַוועקגעלעגט פאַר די פינעף־און־צוואַנציג יאָר, וויפיעל זאָרג, וויפיעל דאגות מענשען זיינען אויסגעשטאַנען פאַר דער צייט.

פרעגט זיך דאָך די פראַגע, צוליעב וואָס? . . .

וואָס האָבען די אידען פון זייער לויפען צו די מיטינגען און פון זייער קאָכען זיך און היצען זיך פון זייערע דעבאַטעס און פּילפּולים. קענען זיי דערפון געבען זייערע ווייבער אויף שבת, קענען זיי דערפון געבען נדן זייערע טעכטער, קענען זיי דערפון קויפען פאַר זיך אַ אויטאָמאָביל, הייזער אָדער אָנטאָן זיך אַנדערע פאַרגעניגענס?

אדרבה, אָט רופט אַרויס יעדען איינעם פון זיי, באַזונדער און פרעגט ביי זיי, זאָלען זיי אייך זאָגען צוליעב וואָס אַרבייטען זיי אַזוי, צוליעב וואָס גיבען זיי אַוועק אַזוי פיעל צייט אויף דער סאָסייטי, וואָס האָבען זיי דערפון.

אָט נעמט הערריי לעווין, אַ איד וועמען דער אויבערשטער האָט געהאָלפען מיט אַ ווייב, מיט קינדער און מיט דאגות פּרנסה, מיט זאָרג אויסצוהאָדעווען און מגדל זיין די קינדער לתורה לחופה ומעשים טובים, דאַכט זיך אַ נישקאָשעדיגער „דזשאַב" פאַר אַזא קליי־נעם מאַגערען אידעלע ווי ער איז, „פּלענטי" אַרבייט, טאָ צו וואָס זיך נאָך זוכען אַרבייט, קומט אהיים אַן אָנגעהאָרעוועטער פון אַ טאָג אַרבייט און האָט קיין צייט ניט, עסט אָפּ סאַפּער בחיפּזון און לויפט . . . וואוהין ? צפּעסטו? אָט ניטאָ קיין צייט, אַ רעגולער מיטינג . . . ספּעשעל מיטינג . . . קאָמיטע מיטינג . . . אַזוי אַ מיטינג . . . און ווען איר דערזעהט אים, איז נאָר ער היצט זיך . . סאָסייטי, מיטינג, רעליף . . . רעליף, מיטינג סאָסייטי . . . דאָס איז אַלעס וואָס איר הערט פון אים. פרעגט אים אדרבה, וואָס האָט ער דערפון, צו וואָס דאַרף ער דאָס, וואָס פאַר אַ נוצען ברענגט דאָס אים? . . .

אָדער נעמט הערריי קאָהן, באַטראַכט נאָר, ווי ער צוהיצט זיך, ווי ער צוקאָכט זיך, ווען איינער זאָגט עפּעס אָדער מאַכט אַ פאָרשלאַג, וואָס איז אים ניט געפעלען, זעהט נאָר וואָס פאַר אַ קולות וואָס פאַרא גוואַלדען ער מאַכט, פרעגט אים וואָס שרייט ער, וואָס האַרט אים צו יענער זאָגט אַזוי צו אַנדער, צו דער פאָרשלאַג וועט דורכגעהן אָדער ניט, וואָס פאַר־לירט ער דאָ זיין עלטער־באָבעס ירושה? . . .

אָדער נעמט ברודער ניומאַרק, אַ קיילעכדיגער

פּאָול אַקסלראָד, וואָס זיינען געוואָרן פּראָמינענט אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָדער אין די רוסישע קאָלאָניעס, אין מערב אייראָפּע. אַנדערע ווידער, ווי אליעזר צוקערמאַן, האָבן זיך צוריקגעקערט אומלעגאַל נאָך רוסלאַנד און געוואָרן טעטיק אין דער דאָרטיקער אונטערערדישער באַוועגונג. (אליעזר צוקערמאַן איז געווען אַ זעצער אין געהיימען דרוק פון דער "נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און געוואָרן דערפאַר פאַרמשפּט צו פיר יאָר קאַטאָרגע אין וויטן סיביר. ער איז דאָרט אַרונטער פון זינען און זיך גענומען דאָס לעבן).

די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם צווישן די אידן אין רוסלאַנד אין די זיבעציקער יאָרן איז געוואָרן אונטערגעבראָכן. די שפּעטערע אידישע אַרבעטער באַוועגונג האָט אפילו אַ צייט לאַנג ניט מער געוואוסט די נעמען פון די ערשטע אידישע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין די קרייזלעך פון ווילנע, קיעוו און מאָהילעוו. דאָך איז זייער אַרבעט ניט געווען אומזיסט. ס'גייט קיינמאָל גאַנץ ניט פאַרלאָרן דער איינפלוס פון די גייסטיקע כחות, וועלכע מ'קאָן ניט וועגן און מעסטן. און ווען די נייע אידישע אַרבעטער באַוועגונג האָט אַריינגעדרונגען אין מאָהילעוו, האָמעל און אַנדערע געגנטן פון מאָהילעווער גובערניע, האָט זי זיכער געפונען אַ פרייַנטלעכע סביבה אין יענע פלעצער, וואו ס'איז נאָך ניט געווען גאַנץ אויסגעלאָשן דאָס ליכט, וואָס ס'האָבן אָנגעצונדן אין די זעכציקער און די זיבעציקער יאָרן, די ערשטע אידישע סאָציאַליסטן אין מאָהילעוו.

---

איד מיט אַ גלאַטען צופרידענעם פּנים, אויף וואָס דאַרף ער די סאָסייטי? ... ער קימערט זיך דען פאַר די עטליכע דאָלאַר קראַנקען - בענעפיט? ... ער נויטיגט זיך דען אין דער שטיקעל קרקע אויף דער סעמעטערי?.. דאַכט זיך, אַז איר וועט אַקוקגעבען אין פענסטער פון זיין געשעפט, וועט איר זעהן, אַז ער האָט גענוג קרקע צו פאַרקויפען פאַר דער גאַנצער וועלט מענשען. טאָ צו וואָס דרעהט ער זיך אַ מוח מיט מיטינגען... מיט קאָמיטעס? ...

אָדער גיט אַ פרעג, איך בעט אייך, דר. גאַלין, צו וואָס האָט ער זיך געדאַרפט פאַרדרעהען אַ קאָפּ מיט אַ סאָוועניר בוך, מיט „פּיקטשעס", מיט שרייבען, מיט מעקען, מיינט ער טאַקע אין דער אמת'ן אַז ווי נאָר דער עולם וועט איבערלעזען דעם סאָוועניר בוך, וועט ער זיך אויפהערען צו אינטערעסירען מיט דער אכילה, מיט דעם גוף, און וועט אָנהויבען פליהען אין די הויכע וואָלקענס פון קונסט און עסטעטיק? ניין, ברודער גאַלין איז ניט אַזאַ יאָלד. ער ווייס, אַז די וועלט קען מען ניט איבערמאַכען. ער ווייס, אַז אַזעלכע אידען ווי שאַפּאַטקין אָדער יאַשקע ראַגאָווער, וועלען ניט מקריב זיין קיין פּיצעלע קישקע, קיין שטיקעל קאָרנ־ביף פאַר די שעהנסטע ביכער אין דער וועלט.

ער ווייס, אַז דער עולם וועט ברענגען דעם סאָוועניר בוך אַהיים און וועט זיך פאַרגעסען אָן אים. ער ווייס, אַז דער עולם וועט אויך אויף ווייטער זוכען גייסטיג פאַרגעניגען אין אַ גיימקעלע פּינאַקל אָדער פּויקער, און דער סאָוועניר בוך וועט האָבען דעם זעלבען גורל, וואָס אַלע אַלטע צייטונגען און פאַריאָריגע טעלעפאָן ביכער האָבען. טאָ צו וואָס באַדערט ער זיך און אַנדערע?

אָדער באַטראַכט ברודער לייקינען, זעהט ווי ער זיצט זיך שטילערהייט אַביסעל איינגעבויגען כעני בפתח און רייכערט אַ סיגאַרעטל, אָבער ווי מען דאַרף נאָר עפּעס קלייבען געלט פאַר דער „דאָגלאַס פּאַרק נוירסערי" אָדער קלייבען „אַדוועטייזמענטס" פאַר'ן סאָוועניר בוך, איז ער דאָ און זעהט צו קלייבען וואָס מער געלט, אַריינברענגען וואָס מער אַדוועטייזמענטס, מיינט איר, אַז ער טוט דאָס פון פּרנסה וועגען, מיינט איר, אַז ער האָט עפּעס דערפון מאַטעריעלע נוצען? אויב איר מיינט אַזוי האָט איר אַ גרויסען טעות, אַזעלכע געדאַנקען קומען אים אפילו ניט אַריין אין קאָפּ, נאָר וואָס דען, ער האָט ליעב אַביסעל כבוד. ער האָט פאַרגעניגען, אַז מען לויבט אים. פרעגט אים. איך בעט אייך, צו וואָס דאַרף ער כבוד, וואָס האָט ער דערפון?

אָט איז דר. דאַלניק, אַ טייערער איד ח'לעבען, פלעגט אַמאָל ערפילען זעהר אַ וויכטיגע פונקציע. אַזייגער עלעף ביינאַכט, ווען אַ העלפט מיטגלידער פלעגען שוין געשמאַק שלאָפען און די אַנדערע העלפט פלעגט שוין זיין אויסגעמאַטערט פון פּלאַפּלען און אַמפּערען זיך פלעגט ער דאַמאָלסט אַריינקומען און מיט זיינע מעשה'לעך, און וויצען אויפוועקען און אָפּפרישען די ברידער, און דער מיטינג פלעגט זיך פון ראָס ניי אָנהויבען. אמת, די לעצטע צייט זעהט מען אים ניט, ער איז אַוועק פון אונז און האָט אָנגעהויבען „אוהאַשזשעווען" אַרום „וועגוס און שולאַמית", נאָר דאָס איז ביי אים בלויז אַ צייטווייליגע פאַרבייגייענדע שוואַכקייט, אַ שוואַכקייט, וועלכע עס רופט זיך די „צווייטע יוגענד". ער וועט קומען צוריק, ער וועט איינזעהן, אַז ביי אונז וועט ער האָבען מער ערפאָלג ווי ביי „וועגוס און שולאַמית".

אָט נעמט זלמן וועקסלער, אַ איד וואָס, ווען ער וואָלט געווען ראָקפעלער, וואָלט ער געווען רייכער

פאַר ראַקפעלער'ן פאַרשטעהט איר מיך, ער וואָלט נאָך אביסעל אונטערגעהאַנדעלט מיט קוילען. א איד וואָס ווייס אַלץ, ער איז אַזוי זיכער אַז ער ווייס, אַז ער האַלט זיך אין איין וועטען מיט יעדען איינעם צו צען דאָלאַר, צו פינעף דאָלאַר, רעד גליק איז, וואָס קיינער וועט זיך ניט מיט אים, ווען יע, ווייס איך גאָר ניט, וואו וואָלט דער איד גענומען אַזוי פיעל געלט צו פאַרלירען. גיט אים א פרעג, איך בעט אייך, צו וואָס היצט ער זיך אַזוי, צו וואָס אַמפּערט ער זיך מיט יעדען איינעם?

אָדער נעמט ברודער שאַפּירא, העכער ווי צוויי צענדליג יאָר געווען פינאַנס סעקרעטער, גערעכענט, געשריבען, געמעקט, אַרומגעלאָפען און לויפט נאָך היינט אַרום, איבערגעהאַלטען און אכטונג געגעבען אויף פרעמדע געלט. איך וועל אייך דערציילען א סוד... צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען... וואָס שאַפּירא'ן פעלט צו א מיליאָן דאָלאַר זאָלען מיר דאָס אַלע פאַרמאָגען... היינט צו וואָס פאַדעט ער אַרום, צו וואָס לויפט ער, צו וואָס זאָרגט ער זיך, צו וואָס אַרבייט ער אַזוי?

אָט אַזוי נעמט כסדר יעדען איינעם באַזונדער, נעמט מאָרים לעווין, ראַטנער, סטאַלק, סיגעל, ריאַמאַנד, דראַפּקין, ענטין, רעוויזין, און אַלע, אַלע הונדערטער מיטגלידער און פרעגט זיי, צו וואָס היצען זיי זיך אַזוי, צו וואָס דער אַמפּערען זיך, צו וואָס די לויפעניש צו די מיטינגס, וואָס האָבען זיי דערפון?

נאָר עס איז אַן עבירה אייער טרחה... עס איז אומזיסט אייער פרעגען... איר וועט קיין ענטפער אויף דער פראַגע ניט קריגען, זיי ווייסען אַליין ניט, זיי ווייסען ניט און קענען ניט ענטפערען פונקט ווי עס ווייסען ניט און קענען ניט ענטפערען די פלאַנצען, וואָס זיי האָבען פון דעם וואָס זיי ברענגען אַרויס בלומען, כדי אַנדערע זאָלען הנאה האָבען. זיי ווייסען ניט, זיי קענען ניט ענטפערען פונקט ווי עס ווייסען ניט און קענען ניט ענטפערען די בוימער וואָס זיי האָבען פון דעם וואָס זיי ברענגען אַרויס פרוכט, כדי אַנדערע זאָלען געניסען.

אַרויסברענגען בלומען און פרוכט פאַר אַנדערע צו הנאה האָבען און געניסען, איז זייער לעבען זייער חיות; נעמט צו די מעגליכקייט ביי די פלאַנצען און בוימער אַרויסצוברענגען זייערע בלומען, זייער פרוכט און זיי הויבען אָן צו וויאַנען, זיי דאַרען איין, טרוקענען אויס און שטאַרבען. וואָס שעהנער, וואָס שמעקענדיגער די בלום איז אַלץ געזונטער די פלאַנץ, וואָס גרעסער וואָס זאַפטיגער די פרוכט איז אַלץ גרעסער און אַלץ שעהנער איז די בוים.

נעמט צו, מיינע ברידער און לאַנדסלייט, מיין בוקעט קראַפּיווע און זאָל ער אייך דינען אַלס א צייכען, א רמז, א סימבאָל, אַז אויף אונזער, מיט קראַפּיווע באַוואַקסענער, מוטער־ערד, קען וואַקסען, וואַקסט און וועט נאָך וואַקסען שעהנע פלאַנצען מיט גרויסע שמעקענדיגע בלומען, גרויסע שטאַרקע בוימער מיט געשמאַקע זאַפטיגע פרוכט.

האָט זיך א גוטען, א פריילינכען יום־טוב. עסט זיך אָן, טרינקט זיך אָן, הוליעט זיך אָן, כדי איר זאָלט טאַקע באַלד נאָכען יום־טוב מיט מער פרישקייט, מיט מער אימפּעט, מיט מער התלהבות, ווייטער לויפען צו די מיטינגען, ווייטער היצען זיך, ווייטער אַרגומענטירען, דיסקוסירען פּלאַפּלען און קריגען זיך וועגען אַלץ און וועגען גאָרניט, וועגען פראַגען פון גרויס וויכטיגקייט, פון קליין וויכטיגקייט און פון גאָר קיין וויכטיגקייט. ווייטער לויפען, דערלויפען און ניט דערלויפען ביז... ביז דעם פופציג־יאָריגען יובילעאום אמן, ואמן.



מאָרים לעווין, עקס. פרעזידענט



ב. שאַפּירא, עקס וויים־פרעזידענט, א טעטיגער טוער פון דער סאָסייטי.

# א. ליטווין

# מאגהילעווער אנטיקען

## נתן נאטע

נתן נאטע דער „שתדלן“ האָט געלעבט אין איין צייט מיט דעם בערימטען מאָהילעווער גביר און כלל טוער, יהושע צייטלין, וואָס האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין אידישען לעבען פאַר יעקאַטערינען און פּאַטיאָמקענען. ער אַליין נאטע דער „שתדלן“ האָט ניט באַלאַנגט צו די גבירים. אין די יונגע יאָרען איז ער געוועזן, אפילו, אַ בעל מלאכה — אַ זייגער מאַכער, נאָר דער זייגער מאַכער האָט אין די אַמאָליגע צייטען זיך ניט גערעכענט פאַר אַ געוועהנליכען בעל מלאָכה, דאָס רוב האָט זיך גענומען דערצו אַ בעל־באַטיש קינד, אָפּט אַ למדן וואָס האָט געהאַט אַ קינסטלערישע נשמה, און אין די פיער וועגט פון בית המדרש איז איהם געוועזן צו טרוקען. דער זייגער מאַכער איז געוועזן ביים עולם חשוב, כמעט ווי אַ דאָקטאָר, צוליעב זיין „אומנות“, ד. ה. צוליעב זיין קינסטלערישע אַרבייט. זיין פאַרשטאַנד אין דעם געהיימען בוי פון די זייגער גערדערים. בפרט אַז נאָטע דער „שתדלן“ איז געוועזן אַ רייכער באַלעבאָס, האָט געהאַט אַ חוץ זיין וואַרשטאַט, אויך אַ זייגער געשעפט, האָט זיך געהאַלטען שטאַרק מיוחס׳דיג, ער איז געוועזן זעהר אַ וועלטליכער און וויסענדער מענש, ער האָט פאַרשטאַנען רוסיש און פּויליש, און איז שפּעטער געוואָרען נאָטאָריוס. דאָס איז געוועזן דער ערשטער אידישער נאָטאָריוס אין רוסלאַנד. פּריצים האָבען צו אים געהאַט גרויס צוטרוי, האָבען ביי אים געלד געהאַלטען און אָן אים גאָרניט געטאָן.

דעם זעלבען רעספּעקט האָבען פאַר אים געהאַט רוסישע שררות. ער איז געוועזן דערצו אַ גרויסער קאָפּ־מענש און אַ חכם. זיינע קינדער האָט ער נאָך אין יענער צייט געבילדעט אויפן אייראָפּייאישען שטייגער, גלערענט זיי רוסיש־פּויליש פראַנצייזיש. ער האָט געהאַט אַ גרויסע גזינד, אַלע זין, טעכטער שניר איידימס, קינדער און אייניקלאך, האָבען געלעבט אַרום אים. אין הרחבה, וואָרום נאָטע דער „שתדלן“ האָט פאַרדינט גוט אַרום די פּריצים און — זיך ברייט געפירט.

ס׳איז איבעריג צו זאָגען אַז נאָטע דער „שתדלן“ איז געוועזן זעהר אַן אָנגענומענע פּערזאָן בא אידען, ניט בלויז אין מאָהילעוו און מאָהילעווער גובערניע איז ער געוועזן בעריהמט, נאָר אין אַלע אידישע שטעט האָט מען אויסגערעדט זיין נאָמען מיט אַ מורא׳דיגען דרך ארץ. ער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ מין „נשיא“. אין אַלע שווערע פּאָליטישע מאָמענטען האָט מען אים געשיקט אין פּעטערבורג און ער איז געוועזן אַזוי צו זאָגען דער אידישער פאָרשטעהער ביי דער רעגירונג וועלכער האָט אים אַלעם עהרענצייכען און פּיליכט צוליב זיין קענען פראַנצויזיש, צוגעגעבען צו דער פאַמיליע אַ „דע“ און זיינע אוראייניקלאך אין מאָהילעוו טראָגען ביז היינטיגען טאָג די דאָזיגע פאַמיליע — „דע נאטקין“.

## דריי משה׳ס

דאַכט זיך אַז קיין אידישער בית עולם אין תחום איז ניט אַזוי אָריגינאַל, ווי דער מאָהילעווער. ער איז אַרומגערינגעלט מיט אַ גאַנצען פּאַק מעשיות, אמת׳ע מעשיות, ניט לעגענדעס. באַרימט איז ער ניט אַזוי מיט זיינע מתים אַ שטייגער ווי אַנדערע „בית־היים׳ס“ ווי מיט די לעבעדיגע פּערזאָנען וואָס האָבען זיך עוסק געוועזן אַרום די טויטע.

פריער פון אַלעמען געהען די דריי משה׳ס. איינער איז געוועזן משה ליניער, אַ גבאי אין „ועד“. אין קאָמיטעט הייסט דאָס, צו טיילען ברויט אָרימע לייט, דאָס איז געווען — זאָגען מאָהילעווער אידען -- אַ האַרטער איד, ווי שטיין. זיין פאַרגעניגען איז געוועזן צו פּייניגען די אָרימע־לייט, מאַטערען זיי אויסצוצאַפּען פון זיי די לעצטע קאַפּ בלוט, ביז זיי פלעגען דערלעבען זעהן דעם עלענדען לעבעל־ברויט, און דאַן פלעגט ער ניט געבען דעם ברויט, נאָר אַ וואָרפטאָן אים אויפ׳ן וואָג האַסטיג, כדי ער זאָל שטאַרק אַ דריק טאָן די וואָגשאָל און זאָל וויינעןמער. ווי זיין ריכטיגע וואָג איז.

פון משה ליניער פלעגען אַוועק די אָרימע לייט קראַנקע. דאַן פלעגען זיי דאַרפען אָנקומען צום צווייטען משה — משה עבערלין — וואָס איז געוועזן גבאי פון ביקור חולים. יענער פלעגט זיי אָנטאָן געבראָטענע יסורים מיט רפואות און אַרויסנעמען ביי זיי דעם לעצטען ביסעל חיות. דאָ איז שוין דער אָרימאַן אָנגעקומען צו משה קברן וואָס פלעגט זיך

אויך אזוי וועניג צערעמאניען מיט די קבצנים טויטערהייט ווי יענע צוויי משה'ס, בשעת קבצנים זיינען נאך געווען קאנדידאטען אויף בר־מינן'ס.

## אמאליגע כאבאר.

אין „הלכות כאבאר", איז געווען—זאגט מען—א גרויסער ספעציאליסט, דער מאהילעווער פאדראטשיק איידעלמאן, ער פלעגט דעם כאבאר קיינמאל ניט געבען אין האנט אריין. ער פלעגט נאר אפרײדען דאס זייניגע פאר דעם „שררה", און אוועקגעהן אבער ווי דער איד איז נאר געווען אויף יענער זייט טיר, פלעגט דער שררה צוגעהן צום עק טיש וואו דער פאדראטשיק איז געשטאנען און אויפהויבען דארט א ברעג טישטוך, אונטערן טישטוך איז תמיד געלעגען א פעקל — וואס האט דעם שררה'ס הארץ שטארק געפרייט, אז די „מתנה" איז אנגעקומען לויט דעם אדרעס, האט מען שוין מארגען געוואוסט אין די קראמען, ווארום די „שררה'טע" פלעגט זיך שוין לאזען אהין און אנקויפען גאנצע פעק. אט אזוי פלעגט דער אידישער כאבאר דאס רוב, אנקומען צוריק אין אידישע הענט.

דער כאבאר פלעגט געגעבען ווערען ניט בלויז אויף אזא שטייגער. איידעלמאן האט גוט געוואוסט וואס עס טויג פאר דעם שררה נאך דעם סיזאן נאך. איז א שטייגער, געוועזן ווינטער אין דעם שררהה'ס פוטער איז ניט געווען אי־אי, פלעגט אנשטאט מזומן אינטערן טישטוך, ארייגעשיקט ווערען דעם טשינאווניק, א טכוירענע פוטער מיט א באברענעם קאלנער, וואס קאסט שעהנע עטלאכע הונדערטער. דאס איז אויך געווען אין די פאלען, ווען א „מזומן" איז געווען ניט באקוועם, אדער אומעגליך. א שטייגער ווען דער איד איז אריינגעלאזען געווארען ניט ווייטער פון קיך, אדער פון דעם פאדער־הויז, און צוקומען צום טישטוך איז געווען אונמעגליך. א פוטער איז געווען דער העכסטער סארט כאבאר, וואס קיין שררה האט געגען דעם ניט געקענטביישטעהן, דאס איז אבער געווען מיט א גרויסען „שררה". א קלענערען פלעגט מען אריינשיקען א צען קלאפטער האלץ, אדער א היטעל צוקער וואס איז געווען די אנגענומענע מתנה ביי דער פריצ'טע.

אט דער מין כאבאר איז געווען אין גאנג אין אנהויב און אין מיטען פון פאריגען יאהר הונדערט, און איז ניט ארויס אין גאנצען פון מאדע, אפילו ביז איצט. נאר דער אמאליגער כאבאר איז געווען פשוט'ער און נאאיווער, און, דער עיקר — האט געקאסט אסאך ביליגער.

אזוי א שטייגער, איז פארשריבען אין מאהילעווער פנקס, ריכטיגער — אויף דעם איינציגען בלעטעל, וואס איז געבליבען פון דעם מאהילעווער פנקס, וואס האט א דאטע פון מעהר ווי הונדערט יאהר צוריק, אזא קורצער באשלוס פון קהל:

„לתן להדווארעצקי של הגובערנאטאר שלשים קאפ, על תפוחים". דאס הייסט געגעבען דעם דווארעצקי (הויפטפערוואלטער) פון דעם גובערנאטאר, דרייסיג קאפיקעס אויף עפעל.....

אונטערגעשריעבען אלע גבאים.

## אין „דאמאוויק'ס" מלוכה.

מאהילעווער יונגע לייט האבען מיך געפירט ווייזען א חורבה. דאס איז א גאנצער מויער וואס שטעהט שוין דורות לאנג וויסט, ווייל קיינער, סיי אידען, סיי קריסטען, ווילען זיך אהין ניט אריינציהען דא איז דעם „דאמאוויק'ס" מלוכה זאגען די מאהילעווער אלטע ווייבער און אלטע גוי'עס, נאר עס גלויבען אין דעם אויך יונגערע און אפילו גאר היינטיגע.

דער „דאמאוויק" — דאס איז א שטוביגער „שד" — אזוי גלויבען אסך גויאים און אפילו אידען פון אלטען דור.

דער דאזיגער „שד", איז אייגענטליך, א פרידליכע בריאה. ער קלייבט זיך אויס אין שטוב ערגעץ א ווינקעל, צווישען אויווען, אדער הינטער אן אלמער און לעבט זיך דארטען שטיל, ניט טשעפענדיג קיינעם. פארקערט: אין פאלק גלויבט מען, אז דער שטוב וואו דער „דאמאוויק" לעבט זיך איין און מענשען שטערען ניט זיין רוה, איז ער מזל'דיג, אין אט דעם הויז זאגען מאהילעווער אלטע ווייבער (און עס גלויבען אויך יונגע דאמען). איז זיך געשטאנען אן אלמער דורות לאנג אויף איין ארט; איז איבערגעגאנגען בירושה פון עלטער זיידעס צו אור אייניקלאך, און ווי ער איז געשטאנען אזוי האבען אים גענוצט גאנצע דורות ניט ריהרענדיג איהם פון ארט.

הונטער אט דעם אלמער, האט זיך פארקליבען דער „דאמאוויק", און געלעבט זיך אויף זיין שטילען אונזיכטבארען שטייגער, געלעבט מיט די זיידעס, געלעבט מיט אייניקלאך, אויפ'ן פיינסטען ארט, איז אבער אימיצען פון די איינוואוינער, מיט א יאר 60—90 צוריק איינגעפאלען אבצורוקען דעם אלמער פון ארט, ער האט זיך פארטשעפעט מיט'ן „דאמאוויק" וואס האט ליב צו לעבען זיך שטיל און בעהאלטען פון אויג, פונקט ווי עס האבען געלעבט אונזערע עלטער־זיידעס און עלטער־באבעס, און אזוי ווי זיי האט ער פיינט צו בייטען דירות און זוכען זיך נייע ווינקלאך.

מען האט פארטשעפעט דעם „דאמאוויק“ און ער איז זעהר שטארק ברוגז געווארען, האט ער אנגעהויבען צוווארפען ציגעל, שטיינער און וואס ער האט נאר געפינען ארום זיך.

דער סוף איז געווען אז די „בייזע“ מענשען וואס האבען דעם פרידליכען „דאמאוויק“ ניט פארגינען זיין ווינקעלע, האבען געמוזט אנטלויפען פון שרעק און ניט בלויז זיי אליין, נאר אלע שכנים פון מויער, און אנשטאט דעם איין ווינקעל מיט וועלכען דער „דאמאוויק“ האט זיך פריער בענוגענט, קעניגט ער איצט, איבער דעם גאנצען מויער, קעניגט שוין דורות לאנג, און וואגט נאר אימיצער אריינצושטעקען אין זיין „מלוכה“ דעם נאז, פליהען גלייך ציגעל דעם „עזות פנים“ אין קאפ אריין.....

מען זאגט אז די פאליציי האט שוין ניט איין מאל געמאכט א רעוויזיע אין דעם „דאמאוויק'ס“ מלוכה און האט פארזיכערט דעם עולם אז דארטען איז קיינער ניטא, נאר עס העלפט גארניט ביז היינטיגען טאג שטעהט דער מויער וויסט פארשלאגען די פענסטער, און קיינער וואגט ניט דארט צו נעמען זיך א דירה.

אזא באבע מעשה ווערט אפט געשאפען ארום א שטוב וואס האט ניט קיין באלעבאס, וואס די יורשים משפט'ען זיך און קענען צווישען זיך ניט איינינגען, און צוליעב דעם מוז די שטוב א לאנגע צייט שטעהן פוסט. עס טרעפט אויך אז עס ליגט גראד אין איינים'ס אינטערעסען וואס האט אין אויג אויף דער שטוב צו שאפען אזא מין שדים לעגענדע ארום איר, כדי ער זאל זי קענען באקומען. אמאל טרעפט אויך אז דא שפילט א ראליע — נקמה. ס'איז מעגליך, אז איינע פון די דאזיגע סבות האט בעשאפען די לעגענדע ארום דער דאזיגער חורבה. מ'זאגט, אז דער מאהילעווער פאליציי־מייסטער, א פאליציי־מייסטער א אידעאליסט און א מוניציפאלער רעפארמער וואס גלויבט וויינינגער ווי מאהילעווער אידישע בעלי־בתים אין זאבאבאנעס האט באשלאסען צו מאכען א סוף, אט צו דער נארישער מעשה און געהייסען רעמאנטירען דעם מויער און מאכען פון אים א נייע וואוינונג.

צו וועט אויספירען אט דער מערקווירדיגער גוי מיט'ן „דאמאוויק“, אזוי ווי ער פירט אוים מיט אידען, איז א פראגע. מאהילעווער אידען זיינען דערין שטארק מסופק ווארום — זאגען זיי — דער „דאמאוויק“ איז ניט א נאש בראט, ער איז א שווערער „בעל דבר“, און וועט אזוי גיך ניט לאזען איינפירען קיין נייע פאראדקעס...

## דבורה די קהל'שע רופערקע

אין אנדערע ערטער רופט מען זי געוועהנליך: די „מעבר יבוק'ניצע“, אדער די אידענע מיט'ן „מענה לשון“, דאס איז איינע פון די לעבעדיגע וואס לעבען פון טויטע. אין מאהילעוו רופט מען זי די „קהל'שע רופערקע“, די סאמע אריגינעלע, פיליכט אין גאנצען תחום איז געווען דבורה די קהל'שע רופערקע, די מאהילעווער אידען געדיינקען זי נאך גוט. דאס איז געווען א אידענע — א דעמפ. שטענדיג אין א קיטאנקע, אנגעטאן אויף איין ארבעל, מיט'ן „מענה־לשון“, אדער „מעבר יבוק“ אין איין האנט און אין דער אנדערער א רויטע שמוציגע נאז־פאטשיילקע, טימ א פושקע שמעק טאבאק. איז זי געווען אויפן בית עולם א גאנצע בעלעבאסטע. מיט די מתים איז זי געווען „פאני־בראט“, האט געוואוסט יעדענס ביאגראפיע אויף אויסוועניג, און דורך זיי זיינען איר שוין אויך געווען קלאר די ביאגראפיעס פון זייערע לעבעדיגע קרובים. ביז א צענטען גליד. די מתים־מאנסביל פלעגט זי „אירצען“, פאר זיי איבערהויפט פאר די לומדים, און פרומע אידען האט זי געהאט דרך ארץ. די מתים ווייבער אבער, פלעגט זי דוצען און בכלל זיי בעהאנדעלט אן צערעמאניעס, געקומען א שטייגער א וויבעל, א ביטער הארץ צו דער מאמען אויף דעם קבר: א קינד איז ביי איר קראנק, דבורה'ן דארף מען ניט דערציילען וואס און ווען: זי האט שוין געוואוסט וואס איז חולאת און ווי אזוי מען דארף ווירקען אויף די טויטע, זיי זאלען מתפלל זיין. זי פלעגט נעמען אזויצוזאגען די ווייבער - אי לעבעדיגע אי די טויטע. מיט תקופות.

פריער פון אלץ פלעגט זי דריי מאל אנקלאפען אין דער מצבה, מיט דעם לשון: אסנע שטעה אויף! הערסט ניט? דבורה איז דא. איך זאג דיר אן אז דיין טאכטער האשע איז געקומען! איר פויגעלע איז קראנק. האט אין העלזעלע... זאלסט גלייך געהן צום רבונו של עולם.... ממליץ זיין! דערביי פלעגט זי אויסדערצעהלען אלע מעלות פון איר איניקעל, פייגעלען, און די צרות פון איר טאכטער חאשע, און איר הייסען געהן למען השם תיכף, ניט ווארטען א מינוט.

זי איז געווען א גרויסע רעדנערין אין „מענה לשון שפראך“. איבעריגענס איז די לענג און די ווארעמקייט פון אירע טענות געווען אבהענגיג פון דעם „האנאראר“ וואס זי פלעגט באקומען פאר איר פארמיטלער. מיט די רייכע קונדען איז זי געווען אסאך העפליכער, פלעגט געהן מיט גוטען, אויסרעכענען די מעלות פון די לעבעדיגע און די טויטע,

מיט אָרימע פלעגט זי מאַכען קורץ, פלעגט מעהר באַפעלען ווי בעטען.

„דבורה די רופערין" האָט ליעב געהאַט אַ ביסעל בראָנפען, נאָר איר ליבע צום... ביטערען טראָפען... האָט זי אויסגעדריקט אויף אַ גאַנץ באַשיידענעם אופן.

זי פלעגט יעדען מאָל געהענדיג פון איר מתים אַדוואָקאַטור, אַריינגעהן אין שענק, טאַקע דאָ גופא אויפ'ן ראָג פון בית עולם און נעמען פאַר צוויי קאָפּיקעס אַ גלעזעלע בראָנפען און פאַר אַ קאָפּיקע אַ שטיקעל לעקאַך. טרינקען פלעגט זי ניט: פאַר אַ אידענע פאַסט ניט נעמען גלאַט און זופען בראָנפען, נאָר זי האָט געטונקען די לעקאַך אין דער גלעזעל, ביז די גלעזעל איז געוואָרען טרוקען.

אַמאָל אָבער, האָבען מאַהילעווער יונגע חברה איר אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל: מ'האָט געהייסען געבען איר פאַר אירע צוויי קאָפּיקעס. אַ גרעסערע גלעזעל וואָס קאָסט פיער קאָפּיקעס. זי האָט אַזוי לאַנג געטונקען ביז דער פינגער איז געבליבען מיט דעם לעקאַך אין גלעזעל, און די פיס האָבען זיך ניט געקענט הויבען פון אָרט, מ'האָט איר געמוזט אָבפירען אַהיים.

---

דער באַקאַנטער אידישער שרייבער א. ליטווין (שמואל ליב הורוויץ) איז געבאָרען געוואָרען אין מינסק. אין ענדע פון די זיבעציגער יאָהרען. זיינע עלטערען זיינען געוועזען פּשוט'ע אָרימע באַלעבאַטישע אידישע מענשען. אין דער יוגענט האָט ער געלערענט ביי זיין פאָטער און שפּעטער פאַר זיך. לערנענדיג אַליין האָט ער ערוואָרבען גרויס קענטעניש אין דער העברעאישער און דייטשער שפּראַך. צו פופצען־זעכצען יאָהר הויבט ער שוין אָן צו וואַנדערען און באַזוכט פּעטערבורג, ריגא, מאָסקווע און אַנדערע שטעדט. דאָרטען גרייט ער זיך אַריינצוטרעטען אין דער רעאַל שולע, און אום צו מאַכען אַ לעבען, ווערט ער אַ לערער אין די פּריצישע הויפען, וואו ער פאַרברייגנט אַכט יאָהר צייט. דאָרט באַקענט ער זיך מיט דער ברייט פאַרצווייגטער ליטעראַטור פון אַנדערע פעלקער און זאַפּט אין זיך איין אַ ליבע צו דער נאַטור.

א. ליטווין האָט אָנגעהויבען צו שרייבען זעהר יונג. זיין ערשטע זאַך וואָס ער האָט געדרוקט, איז געוועזען אין רוסיש, אין „וואָסכאָד". שפּעטער אין „ראַדינאַ" — לידער ווען עס הויבט זיך אָן די מאַסען באַוועגונג, פאַרלאָזט ער די הויפען און געהט אַוועק אין שטאָדט וואו ער פאַרנעמט זיך מיט קולטורעלער אַרבייט. ער הויבט אָן שרייבען שירים אין העברעאיש, אָריגינעלע און איבערזעצטע ווי אויך פּראָזע אין רוסיש, אַ טייל פון זיינע שירים זיינען געדרוקט געוועזען אין „אחיאסף" אונטער דער רעדאַקציע פון א. ל. שאלקאָוויטש. די רוסישע פּראָזע האָט ער געדרוקט אין פאַרשידענע פּראָווינץ צייטונגען. זיינע ערשטע אידישע לידער זיינען געוועזען פון אַרבייטער לעבען און זיינען געוועזען געדרוקט אין „יוד" אונטער דער רעדאַקציע פון ראַווניצקי און אין אַנדערע זשורנאַלען. אין „יוד" האָט ער דאַן אויך געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען אונטערען נאָמען, „ארץ ישראל און איהרע העלדען".

אין יאָהר 1901 איז ליטווין אָנגעקומען קיין אַמעריקא און האָט אָנגעהויבען דרוקען אין „פאָרווערטס" זיינע אַרבייטער לידער. ער האָט אויך אין דער צייט גענומען אַן אַנטייל אין דער קולטורעלער אידישער אַרבייט און איז געוועזען איינער פון די ערשטע וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין די פּועלי־ציוניסטישע קרייזען. בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבען אין רוסלאַנד די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז ער אָפּגעפאָהרען צוריק נאָך אייראָפּע און וועגען זיין רייזע איבער פּוילען, גאַליציען און אַנדערע ערטער האָט ער געשריבען אַ סעריע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס".

מיט עטלאַכע יאָהר צוריק, ווען אין שיקאַגאָ האָט זיך געגרינדעט די אַרבייטער רינג שולען, איז ליטווין געוועזען דער פאַרוואַלטער און פאָרשטעהער פון פּעדאַגאָגען ראַט באַ אַ יאָהר און אַ האַלב.

א. ליטווין האָט ביז איצט אַרויסגעגעבען פאָלגענדע ביכער: „אידישע נשמות", 6 בענדער, וואו עס זיינען אַריין זיינע רייזע בילדער, און אַ ריההע פאָלקס מעשות און כאַראַקטעריסטישעס פון אידישע פאָלקס טיפּען. אין „חדר'שען פנקס" „זכרונות פון חדר לעבען", אַ זאַמלונג לידער „אין אַרבייט און נויט".

צווישען די יאָהרען 1908 און 1912 האָט ער רעדאַקטירט אין ווילנא אַ מאָנאַט זשורנאַל, „לעבען און וויסענשאַפט". די ערנסטע אַרטיקלען געשריבען פון איהם און פון אַנדערע.

אין אַלגעמיין געהערט ליטווין צו די געצעהלטע אידישע שרייבער וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער פאָלקסטימליכען אַרט שרייבען מיט זייער ערנסטקייט און מיט זייער פּשטות.

די לעצטע יאָהרען געפינט זיך ליטווין אין אַ שטעדטעל אין ניו דזשאָירזי, לעבען ניו־יארק.

# גרוסען פון דער אלטער היים

בשם ד׳ יום ג׳ לסדר ורב חסד בטו״ב סיון
,,יחיו באושר בחדוה וטוב סלה״ לפק
להעדה הנכבדה ויקרה אשר בשם אגודת אחים יכונה הנוסדה בעיר טשיקאגא מאנשי פלך מאהילאוו, ומטרתה להיות

לעזר ולסעד לאחיהם הדחוקים, ד׳ יכוננה עד עולם
ליום המלאות לה עבודתה בקדש חמשה ועשרים שנה!

הננו אנחנו רבני עיר מאהילאוו מגישים לכבודם בזת מנחת ברכה ותודה מרובת על כל מפעלכם הטוב, והחסד הגדול אשר עשיתם עם אחיכם הדחוקים ולחוצים, במשך החמשה ועשרים שנה, הגדלתם מעשים הרביתם פעלים להחיות נפשות רבות מאחיכם הנמצאים במצור ובמצור, ובפרט בעת האחרונה אשר יד ד׳ נגעה באחינו אשר בפה הנשטתם יד לעזרה ברוח נדובה לתמוך ולסעוד כפי היכולת והאפשרות, תקותינו חזקה כי הדרך הזה הטוב והחסד אשר בחרתם בו ותלכו בו גם לימים הבאים להטיב צעד ביתר שאת ויתר עז, חיזקו והתחזקו ויאמץ לבבכם בנדבת לב ואהבת חסד ודרישת הטוב לאחיכם המצוקים, וסמל החסד יהי לכם לכבוד ולתפארת כמא״הכ ,,צדקה תרומם גוי״ (אים ישראל) ועוד נזכה להגיש לכם ברכה ותודה בהמלאות לעבודתכם בקדש ,,חמשים שנה״ בעז״השי.

נלאות כבוד ותשאות חן הננו שולחים לכבודכם את תמונתינו הפאטיגרפית למזכרת אהבה. ולפאר את יום שמחתכם וחדותכם שהיא שמחה והדוה של מצוה, כי חדות ד׳ הוא מעוזכם.

בזכות הצדקה והחסד ירומם ד׳ קרנכם בכבוד הון ועושר בביתכם, ושלו שלוה, השקט ובטח באהליכם ויקוים עליכם הכתוב ,,ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״, כברכת מוקיריכם החותמים.

ברגשת כבוד ויקר,
נאם, חיים יעקב שולמאן
נאם, שלמה גאלאריענדל
נאם, חנן דארדיק

## אידישע איבערזעצונג

בשם ד׳ יום ג״ לסדר ורב חסד בטוב ־ סיון

לעבט גליקלאך אייביק!

צו דער טייערער און געשעצטער געזעלשאפט, וועלכע טראגט דעם נאמען פון א ברידערלאכן פאראיין פון מאהילעוו געגרינדעט אין דער שטאט שיקאגאא, און איר אויפגאבע איז צו העלפן און אונטערשטיצן אירע געדריקטע לאנדסלייט אין מאהילעוו. גאט זאל אייך אונטערשטיצן אייביק!

אין דעם טאג ווען זי פייערט די 25 יאריקע טעטיקייט פון איר הייליקער ארבעט!

מיר, די אונטערצייכענטע רבנים פון דער שטאט מאהילעוו, גיבן אונזער ברכה און גרויסן דאנק פאר אלע אייערע גוטע ארבעט און גרויסע שטיצע וואס איר האט געגעבן אייערע פערשטויסענע און אונטערדריקטע ברידער אף יענער זייט ים, פאר די לעצטע 25 יאר. איר האט בעוויזן וואונדער מיט אייער ארבעט, מיט אייער שטיצע האט איר דערהאלטן באם לעבן פילע נפשות פון אייערע ברידער, וועלכע האבן זיך געפונען אין א ביטערער נויט, און איבערהויפט אין דער לעצטער צייט, ווען גאט׳ס שטראף איז געפאלן אף אייערע ברידער, וואס געפינען זיך דא. איר האט אויסגעשטרעקט אייערע הענט און האט געגעבן הולף מיט דער פולער ברייטהערציקייט, לויט אייערע כוחות און מעגליכקייטן וואס איר האט געהאט, אונזער פעסטער איבערצייגונג איז, אז איר וועט אויך אין דער צוקונפט פארטזעצן אייער נאבעלע ארבעט און גיין אף דעם זעלבן וועג, ווי ביז אהער. איר וועט פארט־זעצן אייער ארבעט מיט מער שטארקייט און מער אקטיוויטעט, זייט שטארק און שטארקט אנדערע און זאלן אייערע גוטע הערצער אלעמאל זיין איבערפולט מיט ליבע און גוטסקייט פאר אייערע אונטערדריקטע ברידער, און דער ביישפיל פון אייער גוטסקייט זאל זיין פאר אייך אין עהרע און א כבוד, ווי דער פסוק זאגט — ,,צדקה תרומים גוי״ (צדקה דערהויבט א פאלק), דאס מיינט דער פסוק די אידן, און זאלן מיר דערלעבן, מיט גאט׳ס הילף, צו געבן אייך אונזער ברכה און אונזער דאנק פאר דער הייליקער ארבעט וואס איר האט געטאן, ווען איר וועט פייערן אייער 50 יאריקן יובילייאום.

מיט ליבע און איבערגעגעבנהייט פאר א גוטן אנדיינקונג שיקן מיר אייך אונזערע בילדער צו באשיינען אייער יום טוב אין טאג פון אייער פרייד, ווייל מיר האלטן אז דאס איז א הייליקער יום־טוב און א יום־טוב פון פרייד ווארום אייער פרייד איז א פרייד פון גאט.

אין דעם זכות פון אייער שטיצע און די גוטעס וואס איר האט געטאן מיט אונז, זאל אייך גאט בענטשן מיט גוטסקייט און רייכקייט אין אייערע הייזער, און עס זאל הערשן רוהע, שטילקייט און זיכערקייט אין אייערע פאמיליעס, און עס זאל מקיום ווערן דער פסוק — ,,ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״.

מיט פיל גליקוואונטשן און דאנקבארקייט

——נעמען—— זיגעל.



הרב חיים יעקב שולמאן   הרב חנן דארדיק   הרב שלמה גאלאווענציק

**רבני עיר מאהילאוו על נהר דניעפער**



ס. רעוויזין, טראסטי.



לואי דאלגיק, טראסטי



ה. סיגעל איינער פון די ערשטע ארגאניזירער

# צודי מאָהילעווער לאַנדסמאַנשאַפטן

שיקענדיק אייך די בייליגענדע פאָטאָגראַפישע בילדער פון די לאַנדווירטשאַפטליכע אידישע קאָלעקטיוון, געפינען מיר פאַר נויטיק צום 25־יאָריקן יוביליי פון אייער וואויל טעטיקייט לטובת הכלל (לעטויוואס האַקלאַל) אַנטפּלעקן פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט די פאַקטן, וועלכע זיינען אונז באַוואוסט וועגן אייער אַרבעט פאַר די נויטבאַדערפטיקטע אין מאָהילעוו און געוועזענער מאָהילעווער גובערניע (איצט, קרייז) פאַר די לעצטע 10 יאָר, די מאַטעריעלע הילף, וואָס איר האָט באַוויזן פאַר דער צייט פון מלחמה (מילכאָמאָ) נאָך דער רעוואָלוציע.

אין 1916־טן יאָר, ווען די אונגעהויער גרויסע מאַסן אידישע היימלאָזע האָבן פאַרפּלייצט אונזער גאַנצן געגנט, אומ׳ברחמנות׳דיג (אומבעראַכמאָנעסדיק) אונטערדריקטע, דורך דער געוועזענער צאַרישער מאַכט, דערפירטע ביז דער לעצטער שטופע נויט און הונגער מיט די אַלע גזירות (געזיירעס) און פאַרפאָלגונגען, האָט דער מאָהילעווער קאָמיטעט פון „יעקאפּא" (גובערניאַלער קאָמיטעט אַף שטיצן די היימלאָזע) באַקומען פון אייך לטובת (לעטויוואַס) די היימלאָזע 6000 דאלאר, וועלכע האָבן געראַטעוועט דאַן פון אויסשטאַרבן פילע אומגליקליכע, אויסגעמאַטערטע מענשן, ביז דעם אויסערגעוויינליכען הונגער 1921-1922טע יאָר אין ראַטנרוסלאַנד, האָט איר באַוויזן גרויסע הילף די הונגעריקע און נאַקעטע בירגער, און איבערהויפּט די קולטוראַנשטאַלטן דורכן „אידגעזקאָם" (קינדערהיימען, קינדערגערטנער, שולן) אַף גאַנץ היפּשע סומען; אַדאַנק דעם, האָבן פילע הונגעריקע און נאַקיטע פאַרלאָזטע קינדער געקראָגן די מעגלאַכקייט פאַרהיטן זייער עקזיסטענץ און פאַרזעצן די בילדונג און צו פאַרנעמען מיט דער צייט אַ געהעריקן אָרט אין אופלעבונגס־ און בויאַרבעט, פון אונזער גרויסן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

איצט הויבט זיך אָן פאַר אונז אידן דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, אַ נייע תקופה (טקופע) פון אופלעבונג און געזונטמאַכן דעם קערפּער און גייסט, פון דעם אויסגעמאַטערטן פאָלקסאָרגאַניזם דורך אַריבערפירן די מאַסן אַף פּראָדוקטיווע אַרבעט אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, אין די געגנטן פון גרויס־אינדוסטריע און — איבערהויפּט דורך אַריבערפירן אידן אַף ערדאַרבעט. אייך איז שוין מסתמא (מיסטאַמע) באַוואוסט, אַז חוץ די גרויסע שטרעקעס ערדן אין צפון־קרים און צפון־קאַווקאַז, ווערן אויך אויסגעטיילט שטרעקעס ערד וואו נאָר מע קען באַזעצן אידן אינם געוועזענעם אידישן תחום (טעכום), און אויך באַ אונז, אין מאָהילעוו, זיינען אויסגעטיילט קאָלעקטיווע ישוב׳ים (יישואווים) „אמת" (עמעס) „רויטער קוסטאַר" און „סאָלטאַנעווקע", אויסער דעם אַלטן „ישוב" (יישעוו) סעלעץ — 10 וויאָרסט פון מאָהילעוו. אויסער די אָנגעמערקטע ישוב׳ים (ישואווים) זיינען אין מאָהילעווער קרייז איינגעאָרדנט געוואָרן נאָך 8 קאָלעקטיווע ישובים (יישוויווים) פון פאַרשידענעם שטח (שעטאַך), און אינווענטאַר. אינגאַנצן האָט די רעגירונג אויסגעטיילט פאַר אידן און באַזעצט אין מאָהילעווער קרייז איבער 1.500 העקטאַרן ערד, פאַרן עבר׳דיגען (אווערדיקן) 1925-1926 יאָר, און די אַרבעט אין זיי, איז אַנידערגעשטעלט פאַרהעלטנסמעסיק, נישטקאָשעדיק. איבערהויפּט האָבן גוטע אויסזיכטן די קאָלעקטיוון, וואָס זיינען אויסגעטיילט ניט ווייט פון שטאָט, אין וועלכע די דערגרייכונגען זיינען פאַרן ערשטן יאָר גאַנץ היפּשע, ווי ס׳איז קענטיק פון די אונטן געבראַכטע ציפערן:

פאַר דעם 1־טן יאָר פון זייער עקזיסטענץ, באַ זייער שווערע ניט גינסטיקע באַדינגונגען, האָט דער קאָלעקטיוו אמת („עמעס"):

פערד 9, דרעש־מאַשינעס 1, קיה 18, שנייד־מאַשינעס 1, אַקער־מאַשינעס (הראַבלעס) 1, 1־פערדיגע פלוגן 6, 2־פערדיגע פלוגן 4, באָראָנעס פּרוזשינע 3, באָראָנעס פּאָשעטע 12, שטאַלן 1, וואוינונגס־געביידעס 1, אַקער־ערד דעסיאַטין 180, לאַנקעס דעסיאַטין 25.

„סאָלטאַנאָווקע" האָט אַן אייגענעם טראַקטאָר, וועלכער באַדינט אויך די שכנות׳דיגע (שכיינעסדיקע) פּויערים, מיט וועלכע באַ די אידישע קאָלאָניסטן זיינען, ווי אין אַלגעמיין, איינגעשטעלט גאַנץ פריינטלעכע באַציאונגען.

דער קאָלעקטיוו „רויטער קוסטאַר" האָט: פערד 5, לאָשאַקלעך 2, קי 18, קעלבער 5, בוהאַיעס1, שניידמאַשינעס1, דרעשמאַשינעס 1, זופּמאַשינעס 1, בראַנעס פּרוזשינע 4, פלוגען 4, קעזקאָכעריי 1, געביידעס 5, אַקער־ערד 32 דעסיאַטין, לאַנקע 12 דעסיאַטין.

די קאָלעקטיוון אמת („עמעס") און „רויטער קוסטאַר" ליגן ביים שאָסיי, ניט ווייט פון שטאָט און האָבנדיק דערביי דעם בעסטן אָפּזאַמאַרק פאַר זייערע פּראָדוקטן. נאָר יעצט לעבן זיי איבער, אַ שאַרפן מאָמ: איבער מאַנגל אין מיטלען, קרעדיטן אַף לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר, און איבערהויפּט — אַף געביידעס. דער קאָלעקטיוו „עמעס" האָט באַקומען „ליאַדעס" (געוועזענע וואַלדבאָדן) און אַ היפּשן טייל שוין אויסגערייניקט פון די גרויסע און שווערע בוים־שטאַמען און וואָרצלען, נאָר עס שטייט נאָך פאַר אַ היפּשע סאַך אַרבעט, וואָס פאָדערט פיל געלט און הילף. די קרעדיטן, וועלכע מע האָט באַקומען פון דער מלוכה (מעלוכע) זיינען, אויסגעשעפּט, און באַ דעם מאַנגל אין געלט, וואָלט ממש (מאַמעש) געווען אַ ראַטונעק, אויב איהר וואָלט זיי געשטיצט מיט אַ געהעריקע סומע, די הילף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אייך פאַר זיי — 100 דאלאר, איז אַ קנאַפּע טייל פון דעם וואָס מען דאַרף, נאָר פאַרן „עמעס" אַליין, אָבער אויך גאַנץ גרויס איז די נויט אין „רויטן קוסטאַר" „סאָלטאַנאַווקע" און איבעריקע אידישע ישוב׳ים (יישווים) אין מאָהילעווער קרייז.

ווי אייך איז באַוואוסט מסתמא (מעסטאַמע), האָבן זיך אַף דער גאַנצער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד געבילדעט געזעלשאַפטן אַף שטיצן צואייגאָרדענען אידן אַף ערדאַרבעט — אַזוי גערופענע „געזערד", דורך וועלכע

: :

יעדער מענש דאַרף האָבן אַ גרויסען בית עלמין וואו ער זאָל קענען באַגראָבען די חסרונות פון זיינע פריינט.

— הענרי וואַרד ביטשער.

---

ס׳איז אַ שטאַרקערער שמערץ צו באַגראָבען אַ פריינדשאַפט, ווי צו באַגראָבען אַ פריינד.

— ה. בלעק.

ווערט דורכגעפירט אַף די ערשטער די גאַנצע אַרבעט פּראַק־
טיש צוהעלפן די נייע קאָלאָניסטן. מיר די אונטערגע־
שריבענע, זיינען פאָרשטייער פון מאָהילעווער „געזערד"
(געזעלשאַפט אַף איינאָרדענען אידן אַף ערד), וואָס זיינען
צוגעפעסטיקט צו די קאָלאָניעס — אַף מיטצואווירקן
זייער וואוילשטאַנד און איינצואָרדענען די געהעריקע
אופפאַסונג פון זייער ווירטשאַפט. מיר ווענדן זיך צו
איך, ווי צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שטענדיק גע־
נומען נאָהענט צום האַרצן די אינטערעסן פון די אידישע
מאַסן בכלל (ביקלאַל) און מאָהילעווער בפרט (ביפראַט),
מיט אַן אופרוף איר זאָלט אַליין קומען אונז צו הילף
און פּאָפּולאַריזירן די אידייע, גרינדן אַזוינע אָרגאַני־
זאַציעס אין אַנדערע שטעט פון פאַראייניקטע צפון־אַמע־
ריקאַנישע שטאַאַטן. מיר דאַרפן ווייניק וואָס ריידן פון
די גראַנדיעזע אופגאַבן, וואָס אונזער רעגירונג און „גע־
זערד" שטעלן זיך מיט איינאָרדענען אידן אַף ערד, וואָס
זערד":

דאָס גלייבען ווייסט ניט די גאַנצע אידישע געשיכטע.
מיר צווייפלען ניט אין אייער גרויטקייט קומען אונז
צו הילף—מע דאַרף זיך נאָר איילן מיט דעם, אַז די הילף
זאָל ניט פאַרשפּעטיקן. דאָס וועט זיין דער בעסטער
דיינקמאָל פאַרן 25־יאָריקן יובליי פון אייער ניצליכס־
טע און פרוכטבאַרע טעטיקייט. מיר דאַנקען איין פאַר
דער באַוויזענדע הילף אין פאָראויס—און פאַר דער הילף
וואָס איר וועט בלי ספק (סאָפעק) אונז באַווייזן.

מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג פון מאָהילעווער „גע־

מ. כאווקין

פּעשע אביטקין

ז. קריטשווער

פּ. ס. אונזער אַדרעס אויף געלד צו שיקען —

**Члену Правления М. Н. Хавкину,**
**Могилев, Белоруссия, Наробраз для Озет**



**Красный Колектив** רויטער קאָלעקטיוו

אַ גרופּע מענער און פרויען וואָס אַרבייטען אויף דער ערד וואָס די סאָוויעטען רעגירונג האָט זי געגעבען




קאלעקטיוו אמת

Колектив "Эмес"

א גרופּע מענער און פרויען וואָס אַרבייטען אויף די ערד וואָס די סאָוויעטען רעגירונג האָט זיי געגעבען.

צו דער מאָהילעווער סאָסייעטע!

די אידישע ערד ווירטשאַפטליכע קאָלאָניע, ד"ה די „פּראָוולעניע" האָט מקבל געווען די 100 דאָלאר, דאָס הייסט רוסישע 190 רובעל. האָבן מיר פּאָלוטשעט פון דער מאדאם אַבדיקין, און מיר דאַנקען אייך זייער פיל פאַר דעם אַנדיינקונג נאָך אונז, און מיר בעטן אייך אויף ווייטער אַז איר זאָלט אַף אונז ניט פארגעסן. און ווען איר וועט זיך אָן אונז דערמאָנען, אַף אונזערע אָרי־מע און נויטבאדערפטיקע קאָלאָניסטן, זאָלט איר נאָר שיקן די געלט אַף דער אַדרעס פון מאַדאַם אבעדקען. מיר דאַנקען אייך זייער, נאָכאַמאָל, וואָס איר האָט זיך אַף אונז אויך דערמאָנט, און מיר ווען פאַר אייך בעטן דעם הש"ית ער זאָל אייך העלפן צו פאַרהעלפן אונז אַלעמען נויטיקע סעמעיסטוועס.

פראַוולעניע פון דער אידישער קאָלאָניע „אמת"

(עמעס)

יוסף מיכליץ, סעקרעטאַר

יוסף מירליץ, סעקרעטאַר

מרדכי שאַפּירא

מרדכי ארואיג

צו דער מאָהילעווער געזעלשאַפט אין שיקאַגאָ:

איך ווענדע זיך צו אייך מיט דער פאָלגענדער ביטע: אַזוי ווי איך פאַרוואַלטע מיט אַן אידישן קינדערהיים אין מאָהילעווער קרייז, אין וועלכן סע געפינען זיך 40 קינדער, קיילעכדיקע יתומים (יסיימים), צווישן די 40 קינדער איז דאָ 30 אינגלאַך, און 10 מיידלאַך, אין עלטער פון 10 ביז 15 יאָהר. אַלע נויטיקן זיי זיך שטארק אין קליידער, אין שוכוואַרג. און אַזוי ווי איך האָב זיך דערוואוסט, אַז איר שיקט צו פאַר דער אָרימער מאָהילעווער באַפעלקערונג געלט, דאַריבער האָב איך זיך ענטוואגט ווענדען זיך צו אייך מיט מיין ביטע: צו שיקען, אויב ס'איז מעגליך, פאַר אונזערע קינדער געלט, אָדער קליידער. אַף מיין מוטערס אַדרעס:

**Р. С. С. Р. Могилев Луполово, Песе Обезкиной**

און אין דעם, אַז די געלט אָדער קליידער וועט ווערן אָבגעגעבן די קינדער, וועל איך קענען צושיקען צייגענישן, מיט אונטערשריפטן פון אונזערע שטאָטישע פאָרשטייער.

דער פעדאַגאָגישער קאָלעקטיוו און די קינדער וועלן אייך זיין שטאַרק דאַנקבאַר פאַר אייער הילף.

מיר וואַרטן מיט גרויס אומגעדולד אויף אייער ענטפער.

מיר באַגריסן אייך, מיט'ן 25־יאָריקן יובילײ פון אייער געזעלשאַפטלאַכע טעטיקייט, מיר ווינשן אייך ערפאָלג אין אייער ווייטערדיקער ארבעט.

מעבע טאמארקינא (געוועזענע אַבעזקינא).

קאָלעקטיוו. זלאַטא גוטינאַ

נ. ב. מיר וועלן אייך איבגיבן צושיקן אונזער קאַרטע פון קינדערהויז.

* * *

כבוד ידידינו הנכבד צבי הירש, ה' לעווין ע"ש

כל ב"ב חיו טוב

מיר אַלע מיטגלידער פון דעם לאַנדסווירטשאַפטליכן געזעלשאַפט אמת („עמעס"), באַדאַנקען אייך זייער פאַר אייער אנדיינקונק נאָך אונז, וואָס איר האָט געבעטן, מיר וואָלן אייך שיקן אונזער קאָלעקטיוו בילד. אַזוי האָט אונז געזאָגט די מאַדאם יערמאַן און די מאדאם אַבעזקין. מיר האָבן זיך פאָטאָגראַפירט, און די טעג וועלן מיר זי אייך אַרויסשיקן, און מיר אַלע ווינטשן אייך און אַלע אייערע מיטגלידער פון דער סאָסייטע צו דעם 25־יאָריקן יובילײ אַז אַלע זאָלן געזונט זיין, מיט לאַנגע יאָר און ג"ט זאָל אַייך העלפען אין אַלעס, אַז איר זאָלט ניט פאַרגעסן ברידער באַדערפעניישן קומט אָן צו באַקומען מיט שוויים און אייערע ברידער וואָס זיינען דאָ אין סאָוועט רוסלאַנד, וועלכעס עס לעבט זיך זעהר שווער, און זייערע קליינע באדערפניש קומט אָן צו באקומען מיט שוויים און צער.

מיר שרייבן צו אייך, ווייל אייך קענען מיר, און איניגע פון אונז קענט איר אויך. אייער מוטער און אייער ברודער ר' מענדעל, קענען מיר גוט. מיך רופט מען יוסף מיכלין. נח העלער איז געווען מיין שוואָגער זעלבסט קענט איר מיך גוט. מאָטע אוורונין פון לופעלעוו. צו אונז איז פאַראַן נאָך 14 אידן וואָס, אָט ערשט, מיט 2 יאָר צוריק האָט מען געהאַט אייגענע געשעפטן, און מען איז געווען גאַנץ אַנשטענדיק, און איצט קען געבן בא יעדער איינציקן די אָבסטאָיאַטעלסטאָווואָ בעסער... אַלע זיינען סעמיינע, און אַלע זיינען ערד אַרבייטער.

נאָר דאָס האָט אונז דעם ערשטן יאָר גאָרנישט געגעבן צום לעבן, און מע האָט געלעבט דעם יאָר צייט פון דעם וואָס מע האָט פאַרקויפט, זאַכן פון שטוב. די ערד וואָס מען האָט אונז געגעבן איז מיט 4 יאָר צייט צוריק געווען דורכאויס אַ וואַלד און איצט מוזן מיר אויסרייסן די וואָרצלען און נאָכדעם אַקערן. די אַרבעט איז זייער אַ שווערע און מיר האָבן נאָך זייער ווייניק פוסים (9).

קי איז דאָ בי אונז 18. די מאַכט האָט אונז פאַר אַ יאָרן געגעבן 5000 רובעל און אָט פאַר די געלט האָט מען געמוזט פירן אונזער קליינע ווירטשאַפט, און איצט דאַרף מען שוין צאָלן די אינטערעסט און עס איז ניטאָ פון וואו צו נעהמען. קיין הייזער איז דאָרט גאָר נישטאָ. אַלע זיצן אין די דירה'ס אין שטאָט און אַהין דאַרף מען גיין אַרבעטן. מ'מוז דאָרטן האָבן אַ ברונען ווייל קיין וואַסער האָבן מיר אויך ניט. מיר מוזן האָבן הילף, הילף און הילף, און מיר בעטן אייך, ניט אָן אונז צו פאַרגעסן און גאָט זאָל אייך געבן אַלעס גוטע.

נאום, יוסף מיכלין
מרדכי אַרואין
מרדכי שאַפּירא
סאָלאָוויצקי
לייזער מארואווער
דוב בער כיהן
אייזיק צאָלקארט
זלמן עלקין
הירש ליב הוראדעצקי
לורי לייאווקע מילגאָטין ־ לייב לוריע
לייזער מאכואווער
שמחה שאַפּיראָ
גדליה ברוסאוואניק

——— : : ———

יעדער איינער איז דער מייסטער פון זיין גליק, און אַזוי ווי יעדער מלאכה זיינען אויך דאָ פאַראַן מויסטערס, געזעלען און לערען אינגלאַך.

---

עס טרעפט זיך מייסטענטיילס, אַז קינדער פון שכל זיינען די שטיפקינדער פון מזל.

---

ווער עס וויל מענשען גוטעס טאָן, דאַרף האָבען אַ גוט האַרץ און אַ שלעכטען זכרון.

---

גליק מאַכט אַ מענשען איבערפלעכליך —— אומגליק מאַכט איהם טיף.

• ווערמער קאָמיטעט:

אַזוי ווי איר גייט פייערן דעם גרויסן יום טוב פון אייער 25 יאָריקן יובעלעאום, ווינשן מיר אייך צו דערלעבן צו פייערן דעם 50 יאָריקן יובעלעאום, ווארום אייך קומט עס פון גאָט, פאַר אייער גוטעס וואָס איר האָט געטאָן פאַר מאָהילעוו אַליין. ווי אונז איז איזוועסנאָ וואָס קען אי ך אייך שרייבן: עס איז געווען מענטשן וואָס זיי וואָלטן שוין לאַנג געשטאָרבן פון זייער קראַנקהייט און אייער געלט האָט זיי געראַטעוועט דאָס לעבן. זייער פיל הייזער זיינען געווען אין קעלט און אין הונגער. קינדער האָבן געבעטן כאָטש אַ שטיקעלע ברויט, און די עלטערן ענטפּערן מיט פיל טרערן: ניטאָ קיין ברויט! האָבן דאָרטן אייערע דאָלארן געבראַכט פרייליאַכקייט, אין די ווענט פון די הייזער, און מען האָט זיי געמאַכט זאַט מיט אַלעס.

אויך געפאַלענע „סימייסטוועס" און אַלע וואָס האָבן ניט געהאַט מיט וואָס פאַנאַנדער נעהמען די הענט צו טאָן וואָס געשעפט, האָבן אייערע דאָלארן זיי געעפענט זיערע בלינדע אויגן און זיי שפּייזן זיך ביז היינטיקן טאָג. וואָס פאַר אַ גוטעס איר האָט געטאָן, איז זייער פיל צו שרייבן. היינט דעם קאָלעקציע. זיי האָבן מיר געוויזן וואָס זי האָבן מיט די 100 דאָלאר געמאַכט און די הונדערט דאָלאר אַף דער הויז פאַר די אַלטע מענטשן. איך בין די וואָך געגאַנגען אין גאַס, גייט אונטער „אַזענשצינע" פרוי און נעמט מיין האַנט און קושט. דאָס, נעהם איך צו די האַנט, און פרעג, ווער זי איז, און פאַר וואָס איז דאָס. ענטפערט זי: איר קענט מיר ניט. מיר ווען אַמעריקע ביז אונזער לעבען מיט מיין סימייסטווע ניט פאַרגעסן. איר געדיינקט אַז איר האָט מיר דאָאַר געבראכט, און מיר האָבן געמאַכט אַ קליינעם געשעפט, און מיר שפּייזן זיך ביז היינטיקן טאָג. און אויב ניט אייערע דאָלאַרען וואָלט מען אונז געפונען געשטאָרבענע.

זאָל דאָס אייך אָנקומען און מיר וואָס זי האָט געוואונשען. פאַר אייער גוטעס זאָל אייך דער אייביקער געבען, אז איר זאָלט דערלעבן דעם 50 יאָריקן יובעלעאום און גאָט זאָ אייך העלפן ווייטער.

מיר קענען אייך ניט „אסטאַוועןֿ" אונזערע ביטערע הערצער און העלפען מיט וואָס איר קענט. די וואָס שרייבן אייך דעם בריף, זיינען דער קאָמיטעט. דער שרייבער זייער א בעפּאָלמעכטיגער. מען איז אַל אין איין סאָגלאַסיע, און עס טוט זיך אַליך אָפּ גוט און ערענטליך און מיט דעם גאַנצן אמת. און וואָס אייער פאַרלאַנג וועט זיין וועט אַעס אויסגעפאָלגט ווערן, און אַלע ווען אייך גלייך ענטפערן מיט די פעטשאַטען אַלעס ריכטיק. ווי אַ האַר פליטעסן איז מיר שווער צו זעהן. ער זיצט ווייט פון מיר, און עס איז שווער צו זעהן ווייל ער הויז ניטאָ, קען איך מיט אים ניט זיין צוזאַמען.

מיט די איבעריקע מענטשן זעען מיר זיך אַלע טאָג. קיין גרעסערע מצוה איז אין דער וועלט ניטאָ, ווי זיי העלפן. איר דאַרפט פאַרשטייען אַז אידן זיינען דערצו ניט ספּאסאבנע געווען. נאָר איצט אַז מען דאַרף ברויט, און עס איז ניטאָ וואו צו נעמען, איז מען געוואָרן „ספּאסאבנע". אַפילו די ווייבער און די קינדער זיינען אויך אין פעלד. עס וואָלט געווען זייער גוט. אָבער עס פיילט מיט וואָס צו אַרבעטן און „סקאָט" איז ווייניק איז זייער שווער זייער לעבן, העלפט מיט וואָס איר קענט, אין זייער גרויסער נויט, אַז זיי זאָלן דורך אייך געהאָלפן ווערן ווי פילע זיינען געהאָלפען געוואָרן אַנ־בעטן פון אייך געלט.

עס געפינט זיך נאָך אַ דריטע קאָלאָניע, איז מען געווען בעטן אַז מיר זאָלן זיי פאָטאָגראַפירן. זיי געפינען זיך פאַר סנאָוויארסט. קען זיין אַז די וואָך וועל איך פאָרן זיי פאָטאָגראַפירן מיט'ן קאָמיטעט צוזאַמען.

מיר די מיטגלידער זיינען אויך מיט זיי אויף די קאַרטעס. אויף וואָס מען העלפט איז זייער אַ גרויסע זאַך נאָר צו העלפען זיי איז קיין גלייכן ניט.

אַז געשעפט וועט ביי אונז אויסגיין, וועט מען זיך מוזן נעהמען פאַר דער ערד און „פּראוויטעלסטווע" גיט אַלעמען ערד. און נאָר דאָס איז ווייניג.

דער שטאָט שער קאָמיטעט איז ברוגז אויף מיר, וואָס איך האָב זיי די גאַנצע 300 דאלאר ניט אָפּגעגעבן. איך האָב ליב אַז מיינע אייגענע זאָלן זעהען וואוהין עס גייט אַוועק און באַ מיר. יעדער דאָלאַר וויסן די מענטשן צו וואָס זיי זיינען פאַר א אינטערעסע, וואו דאָס איז. אַפילו „קאַזנאַ" האָט מיך אויך פּראָווערעט, און איך בין זייער רוהיג געווען ווען איך האָב אַלעס איבערגעגעבן.

———— : : ————

אַפילו די אונדאַנקבאַרע זיינען נוצליך: זיי העלפען אונז צו טאָן גוטס אָן צו באַקומען וועלכע עס איז באַלוינונג.
— קלאַרק.

---

דעם טאָג וועלכען מען האָט אַמערסטען פאַרלאָרען, איז דער אין וועלכען מען האָט ניט געלעבט.
שאמפאר.

---

מענשען זיינען ענליך צו אינזעקטען וועלכע פרעסען אויף איינס דאָס אַנדערע אויף אַ קליינעם הייפעל ערד.
— וואָלטער.

מענער היראַטען ווייל זיי זיינען מיד; פרויען — ווייל זיי זיינען נייגעריג, ביידע אָבער ווערען ענטוישט.
— אָסקאַר ווייַלד.

---

מען איז קיינמאָל ניט אַזוי גליקליך אָדער אזוי אומגליקליך ווי מען שטעלט זיך פאָר.
— לא ראפיקאַל.

---

עס איז טרויעריג צו זיין אַן אויסנאָם, אָבער נאָך טרויעריגער קיין אויסנאַם ניט צו זיין.

ווען מען ברענגט זיך ניט אום, לעבט מען ווייטער, אָבער לעבט מען טאַקע ווייטער?
— פּעטער אַלטענבערג



פרוי אבעדקין אַן אַקטיווע טוערין אין פאַנאַנדערטיילען
די געלד וואָס קומט פון אַמעריקא צו די נויטבאַדערפטיגע
אין מאָהילעוו.



הער אבעדקין, אַ פאָרשטעהער פון הילפס קאָמיטעט
אין מאָהילעוו.



אַ קאָ־אָפּעראַטיווע גרופּע מיט זייערע פאַמיליעס פון שטעדטלעך ארום מאָהילעוו.

# מאן און ווייב

ז. ליבין.

ז. ליבין (פּסעוודאָנים פונ'ם אַמעריקאַניש אידישן בעלעטריסט און דראמאטיקער ישראל הורוויץ) איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1872 אין האָרקי, מאָהילעווער גוב. אין זיינע הונדערטער קורצע סקיצן און דערצעהלונגען ווערט געשילדערט וואַרהאַפטיג און פּשוט דאָס טרויעריגע לעבען פון אידישע ארבייטער, וואָס לאָזען־איבער זייער געזונד און כחות אין די טונקעלע סוועטשעפּער פונ'ם אייגענעם ניו־יאָרקער געטאָ. „דאָס לעבען פון דעם אידישען ארבייטער—שרייבט ליבין אין זיין אויטאָביאָגראַפיע—איז דאָס לעבען, וועלכעס איך ווייס אַמבעסטען. דאָס לעבען, וועלכעס איז פעסט צונויפגעגאָסען מיט מיין אייגענעם לעבען."

און טאַניע, מירקינס פרוי, האָט זיך גענומען פערפּוצען און גרייטען זיך צום באַל.

געצויגען צום באַל האָט טאַניע'ן נישט אזוי ווייט ־'ער חשק צו געניסען א פּאָר שעה פערטעניגען, ווי דער ווילען אָבטאָן א צו־להכעיס איר מאַן.

די מירקינס זענען, נישט גאָר קיינעם געדאַכט, בעשאָטען מיט קליינע קינדערלעך, פון וועלכע דאָס עלטערע איז א מיידעלע פון א יאָר זיבען און דאָס יונגסטע איז א ברוסטקינד.

זינט די מירקינס האָבען חתונה געהאַט, געפינט זיך שטענדיג די אָרימע טאַניע אין אזא צושטאַנד, וואָס עס מאַכט איר אונמעגליך אָנצוזעהן די ליכטיגע וועלט אין די אויגען. איידער די פרוי האָט צייט צו אַנטוועהנען איין קינד פון דער ברוסט, דערפיהלט זי שוין אונטער איר הארצען אַנ'אַנדער קינד און די יונגע מוטער איז די גאַנצע טעג און יאָרען צוגעבונדען צום הויז, אזוי ווי אַנ'ארעסטירטע.

מירקין דער פאָטער פון די קינדער, איז שוין נישט אזוי פערשקלאַפט; מען קאָן נישט זאָגען, אז דער מענש איז אינגאַנצען אויסגעשפּאַנט פון יאָך פון זיין פאַמיליע, דאָך איז ער פרייער פון זיין פרוי, און ער בענוצט זיך מיט זיין פרייהייט פון דער פולער האַנט.

לאַדט מען איין די מירקינס אויף א שמחה, האָט הנאה פון דער שמחה נאָר מירקין—זיין ווייב בלייבט מיט די קינדערלעך.

ווען עס קומט־אויס צו געהן אין א טעאַטער אָדער אויף א באַל, איז טאַקי ווידער דיזעלבע געשיכטע: מירקין איז דער בעל־שמחה און טאַניע זיצט אין דערהיים אין געהאַקטע צרות.

און אויף אלע בעלער און אויף אלע שמחות איז מירקין דער מחתן. טאַניע'ן זעהט מען אין ערגעץ נישט, טאַניע איז פאַר דער ליכטיגער וועלט ווי אָבגעשטאָרבען. נישטאָ טאַניע! מען זעהט זי אין ערגיץ נישט, טאַניע זיצט אין דערהיים און האָדעוועט פאַר דער וועלט קינדערלעך.

און ווען ביי טאַניע'ן פּלאַצט די גאַל, און ווען איר הארץ ווערט פערקלעמט פון טיפען, טיפען וועהטאָג, און זי הויבט־אָן פּראָטעסטירען ענטפערט־אָב מירקין קורץ און שאַרף:

—וואָס־זשע ווילסטו? דאָס קינד קאָן איך דאָך נישט זויגען...

און א קינד איז דאָ ביי די מירקינ'ס שטענדיג, צו יעדער צייט.

פערבלייבט טאַניע ביי איר פּראָטעסטירען, נעמט זויגען דאָס קינד, און מירקין פערפּוצט זיך און געהט טאַקי אוועק אהין, וואוהין עס ציהט נישט אים אליין, נאָר אויך זיין אָרימער, לעבעדיג־בעגראָבענער פרוי!

האָט בעדארפט זיין א באַל, און נישט קיין איינפאַכער באַל, נאָר א געהויבענער, איינער פון יענע בעלער, אויף וועלכע עס האָבען אזא מין חזקה נאָר געוויסע פעראיינען, און וועלכע עס ווערען געגעבען נאָר איינמאָל אין יאָר, און מירקין האָט זיך בעצייטענס גענומען גרייטען צו דער גרויסער שמחה.

דעם יום־טוב'דיגען סורדוט האָט ער אָבגעגעבען צו פּרעסען, אין וועשעריי האָט ער אָבגעגעבען וואַשען די בעסטע און די שענסטע פון זיינע אויבערשטע העמדער, און אז עס איז געקומען דער טאָג פון באַל, איז מירקין געווען שטאַרק צוטראָגען: אוועקגעלאָפען צום שערער און געלאָזט זיך פיין אָרומשערען די האָר, נאָכדעם האָט ער גענומען א וואַנע, דערנאָך האָט ער גענומען צוגרייטען די קליידער—און פּלוצלינג טוט טאַניע א פרעג:

—וואוהין גרייטסטו זיך דאָס אזוי?

—וואָס הייסט, וואוהין? צום באַל.—האָט מירקין געענטפערט גאַנץ געלאַסען.

—צו היינטיגען באַל געה איך!—טוט טאַניע א זאָג.

מירקין האט אויסגעשטעלט אויף זיין ווייב א פאר פערוואונדערטע אויגען.

—דו נאר?

—איך, איך, הער מירקין!

און ווען מירקין האט א ביסעל בעסער צוגעקוקט זיך צו זיין ווייבס פנים, האט ער דערזעהן, אז טאניע מיינט קיין שפאס נישט.

מירקין האט זיך פערלארען.

אויף א ווײלע איז ער פערבליבען ווי פון א שווערען דונער דערשלאגען, נאר אז ער איז געקומען צו זיך, האט ער אוועקגעשטעלט די אייביגע, אייביגע פראגע זיין ווייב:

—און די קינדער?

—מיט די קינדער וועט פערבלייבען דער הער מירקין—האט טאניע געענטפערט נעצעלטע ווערטער, און אירע אויגען האבען אויפגעפלאמט.

מירקין איז ווידער אבהענגיג געווארען, נאר באלד האט ער זיך געמאכט הארץ און אויסגעשאסען זיין שטארקסטען, זיכערסטען ארגומענט:

—און דאס זויגקינד? !

—דאס זויגקינד האב איך אין דר'ערד!—האט טאניע געענטפערט מיט א קול פול האס און רשעות.

מירקין איז געבליבען שטעהן איינגאנצען א צומישטער.

און א חוזק־קול, ווי פון א ניט־גוטען, האט מירקין'ען א לאך געטאן אויף'ן סאמע אויער:

—ביזט אויף צרות, מירקין, אך־און־וועה צו דיין שמחה!

ביי מירקינ'ען האט דאס הארץ פערקלעמט, נאר באלד איז ער ווייטער געקומען צו זיך און ער האט א זאג־געטאן צו זיין פרוי:

—מען דארף דאך אבער געבען זויגען דעם קינד.

—וועסטו געבען!—ענטפערט טאניע.

—וואס? !—האט מירקין פערצווייפעלט אויסגעשריען.

—ווען איך זויג עס אן פאר'ן שלאף,—האט טאניע דייטליך ארויסגערעדט—זויג איך עס נאר אן ביינאכט, שלאפט עס אב פיר, פינף שעה... און אויב דאס קינד וועט זיך אויפכאפען וועסטו אים געבען א ביסעל וואסער...

מירקינ'ען וואלט נישט געווען שווער איבערצוציינגען זיין פרוי אז א ביסעל וואסער וועט די פראגע נישט בעשליסען, אז דאס עופעלע וועט מאכען אזעלכע געוואלדען, אז אלע איבריגע קינדער וועלען זיך אויפכאפען א. אז. וו. א. אז. וו.

ער האט אבער געזעהן, אז זיין פרוי איז טרויעריג־ערנסט; ער האט אויך נאך אלעמען גוט געוואוסט, אז זי איז געוואלטיג געערגערט. שטילערהייט האט ער זיינע וועהטאגען ארגבגעשלונגען און טיף אין הערצען זיך אבגעזעצט מיט'ן פערגעניגען, וואס ער האט היינטיגע נאכט בעדארפט געניסען.

טאניע האט צולעגט די קינדער שלאפען, אנגעטאן זיך און אוועק צום באל.

באלד נאכדעם האט מירקינ'ען ארומגעכאפט א ביטערער אומעט, עפיס אזוי ווי די גאנצע וועלט וואלט געהאלטען ביי אונטערגעהן. א גאנצע נאכט —אליין מיט די קינדער!

אז טאניע איז ארויס פון שטוב, האט זיך איר געדאכט, אז דאס קינד וויינט... זי איז געבליבען שטעהן, צוגעהערט זיך, געוואלט זיך שוין אומקערן צוריק. אז זי האט זיך אבער איבערצייגט, אז איר האט זיך עס נאר געדאכט, איז זי ווייטער אוועק, נאר דאס הארץ האט וועה געטאן.

צום באל האט טאניע בעדארפט פאהרען מיט'ן טראמוואי. אבגעהענדיג עטליכע טריט, האט זי זיך אבגעשטעלט און גענומען טראכטען, צו זי האט צוגעשטעלט א שטול צום בעט, דאס קינד זאל נישט ארויספאלען, צו זי האט נישט צוגעשטעלט. זי האט זיך שוין געוואלט אומקערן וועגען דעם, אבער זי האט מורא געהאט, טאמער האט זיך אויפגעכאפט א קינד, און ווען עס וועט זי דערזעהן, וועט איר שוין זיין שווער ארויסצורייסען זיך פון הויז. דער דאזיגער געדאנק האט זי אבגעהאלטען און זי איז ווייטער געגאנגען, נאר דאס הארץ האט איר אלץ שטארקער גענומען וועה טאן.

אז זי האט געמאכט נאך עטליכע טריט, האט זי זיך דערמאנט, אז זי האט גאר פערגעסען צו זאגען איר מאן, וואס פאר א וואסער זאל ער געבען דעם קינד—געזאדען אדער נישט געזאדען וואסער, און זי האט מורא געהאט, אז דאס עופעלע וועט טרינקען נישט־געזאדען וואסער. טאניע האט פיל מאל געהערט פון אנדערע מאמעס, אז פון טרינקען נישט־געזאדען וואסער קאן א זויגקינד קריגען די ערגסטע קראנקהייטען, נישט פאר קיין קינדער געדאכט!

און אט צושפילט זיך די פאנטאזיע ביי דער צושראקענער מוטער און אט זעהט זי שוין אין אירע צורודערטע רעיונות, ווי איר קינד טרינקט נישט־געזאדען וואסער און עס ווערט קראנק... עס ווערט קראנק... עס ברענט אין א שרעקליכען פיבער... אט זעט זי, ווי איר קינד שטארבט... ביי איר אויף די הענט...

דער כעס, דער שמערצליכער פערדרוס, די אנגעקליבענע גאל, וואס האבען טאניע'ן אזוי האסטיג געטריבען צום באל, וועבען זיך ביסלעכווייז אויס:

זייער אָרט פערנעמט די מוטערליבע און דער מוטערס הארץ ווערט אַלץ מער פערקלעמט פון וועהטאָג, פון שרעק פאַר אירע קליינע קינדערלעך...

און אָט נעמט גאָר אין טאַניע'ן ריידען איר מוטערליך געוויסען: —וואָס טוסטו? לאָזט איבער פיר קינדערלעך, קליינע, שוואַכע פויגעלעך און לויפט אויף אַ באַל... זיי וועלען זיך אויפכאַפּען, זיי וועלען זוכען די מאַמע... זייערע הערצלעך וועלען אויסגעהן פון שרעק און בענקען, וואָס זייער מאַמע איז נישטאָ... זיי וועלען וויינען און אין דער צייט, וואָס פון זייערע אויגעלעך וועלען זיך־קייקלען טרערען, וועסטו טאַנצען אויף אַ באַל...

און טאַניעס טריט ווערען לאַנגזאַמער... זי געהט נאָך אַלץ צום טראַמוויי... נאָר עפּיס אַזוי ווי אַנ'אויטאָמאַט. איר הארץ, איר נשמה איז אין דער־היים, נעבען די קינדער.

אָט איז שוין דער טראַמוויי!

דין! דין! אַ פייערלעשער איז דורכגעפלויגען, ווי אַ רוח און האָט זיך אַוועקגעטראָגען אין יענער ריכטונג, וואו איר הויז געפינט זיך, וואו אירע קינדער זענען פערבליבען.

ביי טאַניע'ן בלייבט שטעהן דאָס הארץ פאַר שרעק... עס פליהט נאָך אַ פייערלעשער... די לופט ווערט דורכעשניטען פון אַ דורכדרינגענדיגען פייפען און טאַניע נעמט לויפען, ווי אַ צומישטע, אין דער ריכטונג, וואוהין עס פליהען די פייערלעשער... זי לויפט אָב אַזוי אַ שטרעקע, ביז זי איבערצייגט זיך, אַז איר שרעק איז אומזיסט. די פייערלעשער זענען אַוועקגעפלויגען ווייט, ווייט אַריבער איר וואוינונג. נאָר איצט האָט איר גענומען פלאָגען אַ נייער געדאַנק: דאָס הארץ האָט איר גענומען פאָראויסזאָגען, אַז אין דער צייט, ווען זי וועט זיין אויפ'ן באַל, וועט אין דער היים אויסברעכען אַ פייער און אירע אַלע קינדערלעך וועלען פערברענט ווערען...

און טאַניע האָט זיך אומגעקערט אהיים צו אירע שלאָפענדיגע קינדער און צום באַל איז געגאַנגען טאַקי ער...—

מירקין!

# קורצע שאלות און תשובות

1) פאַר וואָס האָט אדם הראשון אַזוי לאַנג געלעבט?

— ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

2) פאַר וואָס דאַרף דער מאַן די ווייב שפּייזן און ניט פערקערט?

— ווייל איינמאָל האָט חוה, די ערשטע פרוי, געפּריוועט דעם מאַן געבן עסן, ליידט מען נאָך דערפון עד היום.

3) ווער האָט מיט איין קלאַפּ אומגעבראַכט אַ פערטל מענטשן פון דער גאַנצער וועלט?

— קין.

4) ווען האָבן אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט געהערט דאָס קריִען פון איין האָן?

— אין דער צייט פונ'ם מבול אין נח'ס תיבה.

5) וואָס איז געווען די טויב, וואָס נח האָט געשיקט פון דער תיבה, אַ זכר צי אַ נקבה?

— געווים אַ זכר, ווייל עס שטייט בפירוש אין דער תורה, אַז נח'ס טויב האָט זיך אומגעקערט צוריק און מיט זיך פון ווייטן מיטגעבראַכט אַ אָפּגעפּליקט בלעטל אין מויל, — היינט ווען עס וואָלט אַ נקבה געווען, ווי קען עס גאָר געמאָלט זיין זי זאָל האַלטן אַזאַ לאַנגע צייט צוגעמאַכט דאָס מויל?

6) פאַר וואָס האָט לוט'ס ווייב געקאַרגט פאַר די אורחים זאַלץ מער ווי עפּעס אַנדערש?

— ווייל זאַלץ גיט־צו צום עסן אַפּעטיט.

7) פאַר וואָס האָט עס לוט'ן אַזוי געצויגן צום טרונק?

— ווייל זיין ווייב איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ.

8) פאַר וואָס זאָגט מען „שכור ווי לוט" און ניט ווי נח, וועלכער איז געווען אַ טרינקער נאָך פריער פאַר לוט'ן?

— ווייל נח, אַ פאָטער פון דריי זיהן, האָט איגענטלאך געמעגט טרינקען, אָבער ניט לוט, אַ טאַטע פון צוויי איבערגעוואַקסענע מוידן.

9) פון וואַנען איז געדרונגען פון דער תורה, אַז אברהם אבינו האָט געטראָגן אַ יאַרמעלקע?

— עס שטייט בפירוש אין המוש: „וילך אברהם" — אברהם איז געגאַנגען, היינט שוין־זשע וועט אברהם גיין אָן אַ יאַרמאָלקע?

10) פון וואַנען האָט יעקב געוואוסט צו זאָגן אויף געווים „אין זה, כי אם בית אלהים"?

— ווייל מע האָט זיך דאָרט געקריגט (די שטיינער צווישן זיך), האָט יעקב דעריבער גערעכנט, אַז ניט אַנדערש דאָס איז אַ אידישע שול.

# אונזער נייע אינסטיטוציע

ב. שאַפּירא.

ס'וועט פּילייכט זיין ניט אַזוי אַנגענעם איצט ביי דעם יו"ט פון אונזער 25 יאָריגען יובילעאום צו דערמאַנען די ערשט ניי געשאַפענע אינסטיטוציע פון דער „אמעריקאַן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו", ניט אַנגענעם צו דערמאַנען, איז דאָס דערפאַר, ווייל די אינסטיטוציע דערמאַנט אונז וועגען טרויעריגע מחשבות, עס דערמאָנט אונז וועגען אונזער ניט זיין, עס דערמאָנט, אַז אונז וועט זיך אַמאָל אויסקומען פּערלאָזען די וועלט, וועלכע אונז ווייסט זיך אויס אַזוי שעהן און אַזוי גוט, עס ווילט זיך אונז זוכה זיין בייצווואוינען נאָך יובילעאומס, פּראַווען נאָך שמחה'ס. וואָס דאָס איז דער איינציגער בליאַסק פון לעבען, אָבער „בעל כרך אתה חי ובעל כרך אתה מת", ווען עס פּלעגט זיך טרעפען איין אומגליק פּאַל חלילה, ווען א מיטגלידער פון דער מאָהילעווער סאָסייטי, אָדער זיין פּרוי פלעגט שטאַרבען פלעגט זיין גרויסע שוועריגקייטען, צו קריגען קרקע, די פראַגע איז אַפּאָר מאָל אויפגעהויבען געוואָרען ביי פערשידענע געלעגנהייטען אָבער מען האָט זי ניט געקענט פאַרענטפערען אויף א געהעריגען אופן, ביי א מיטינג יוני דעם 26־טען, 1922 איז געמאַכט געוואָרען א פאָרשלאַג, אַז די סאָסייטי זאָל ערוועהלען א קאָמיטע, וועלכע זאָל פּרובירען צוטרעטען צו דער ארבייט און זעהן אויב עס איז דאָ וועלכע עס איז מעגליכקייטען צו קויפען קרקע פאַר א סעמעטערי.

דער שרייבער פון די שורות איז נאָך פיל ארבייט געלונגען צו קריגען ביי דער „וואודלאנד סעמעטערי אסאָסיאיישאָן" 170 לאָטס פאַר דער פרייז פון $9583.34 נאָך דעם ווי דאָס איז בעריכטעט געוואָרען צו דער סאָסייטי און די קאָמיטע בעשטייעדיג פון ב. שאַפּירא, ה. לעווין, ס. ניומאַרק, ה. אַפּעלמאַן, ס. זימערמאַן, ס. רעוויזין און ס. וועקסלער האָבען אָפּגעגעבען א גונסטיגען בעריכט אַז דער פּרייז און די קאָנדיציעס זיינען צונעגליך פאַר דער סאָסייטי, איז דער געשעפט געשלאָסען געוואָרען. עס איז איינגעצאָלט געוואָרען 2400.00 דאָלאַר און די איבעריגע אויף 9 יאָר אויסצוצאָלען, די סאָסייטי האָט בעשלאָסען צו שטעלען א טויער און עטליכע ברידער פון דער סאָסייטי האָבען געטאָן די ארבייט כמעט ווי אומזיסט די ברידער ענטין, הערדי קאָהען, עפּעלמאַן, עדלאַנד האָבען א סך געהאָלפען אין דער ארבייט.

דעם 14־טען אָקטאָבער, 1922 איז געלעגט געוואָרען דער ווינקעלשטיין פאַר דעם טויער, עס איז געווען א צוזאַמענקונפט פון די מיטגלידער אויף דער סעמעטערי, וואו פאַסיגע רעדעס זיינען דערביי געהאַלטען געוואָרען, א טייל מיטגלידער האָבען געקויפט לאָטס, א טייל האָבען אַזוי בייגעשטייערט פאַר דעם צוועק, און נאָך 3 יאָר ארבייט איז שוין די סעמעטערי אינסטיטוציע כמעט ווי א געזיכערטע.

דער פינאַניעלער צושטאַנד ביי היינטיגען טאָג, איז פאָלגענדער:—

| | |
|---|---|
| קאָסטען פון סעמעטערי ........ | $9,583.34 |
| איינגעצאָלט ביז אָקט. 10, 1926... | "8,404.17 |
| בלייבט צו צאָלן ............ | " 1,179.17 |
| פערקויפט 27 לאָטס ............ | $ 2120 |
| " 5 גרייווס ............ | " 125 |
| " 3 " .............. | " 60 |
| " 1 " .............. | " 10 |
| ס"ה ...... | $ 2,315.00 |

עס געפינען זיך אויף סעמעטערי 26 פערשטאָרבענע

| | |
|---|---|
| מענער ................ | 10 |
| פרויען ................ | 12 |
| קינדער ................ | 3 |
| מצבות זיינען דאָ פאַראַן . , | 12 |

די פרוי איז אַ לייטער דורך וועלכן דעם מאַנ'ס נשמה קען ענטוועדער אַרויפקלעטערן צום הימל, אָדער ארונטערקלעטערן אין דער העלע...

מען דענקט אַז בעת די וועלט וועט האַלטן אין אונטערגיין, וועט זי מוזן אויסוואַרטן אַ ווײַלע ביז די פרויען וועלן זיך אָנטאָן די קאָרסעטן.

# א מאנאלאג פון א חסיד וואס איז געוועהן ביים רבי'נס טאכטערס חתונה

אונטערגעהערט און אויפגעכאפט און איבערגעגעבען צום דרוק פון פלוני אלמוני.

(אשרו עין כל זאת.)

עס איז ידוע לכל — די גאנצע וועלט וויים, אז דער אדמ"ור פון נעמיראוו האט געדינט דעם רבונו של עולם מתוך שמחה.

וואויל איז דעם אויג וואס האט זוכה געוועזען צו זעהן די פרייד, דאס פייער, דאס ברען, טאקע די שמחה אליין,וואס האט פון איהם זכרונו לברכה ארויסגעשטראלט, ווי פון א זון, און האט באשיינט און באגאסען דעם גאנצען עולם ווי מיט גאלדען פייערדיגע ליכט! וואס פאר א תענוג דאס איז גע־ווען!

א איד האט פארגעסען דעם גלות, די צרות, די יסורים די גרעסטע; מען האט זיך אליין פאר־געסען. אלע נשמות האבען זיך צוזאמענגאסען אין איין פלאם מיט זיין זכרונו לברכה'ס נשמה! איי ווי מען האט זיך געפרייט. ווי לעבעדיג, ווי ברע־נענדיג געפרייט: עס האט ווי פון א קוואל געשלא־גען!

פאראן צדיקים, וואס זיינען זוכה די שמחת שבת ויום־טוב. דער וואנוואליצער, זכרונה לברכה, האט זיך געריהמט אז אין זיין נשמה שטעקט א פונק פון דער שמחה פון מוצאי יום־כפור. אנדערע זיי־נען זוכה די שמחה נאר ביי א סעודת מצוה, א סיום, א ברית, וכדומה......

אבער, אונזער אד"מור זכרונו לברכה, האט גע־האט א שמחה פון „ברוך ה' יום יום", און ביז דער לעצטער מינוט ביז זיין פטירה זכותו יגן עלינו!

און היינט, זיין זינגען, זיין טאנצען? זיינע זמירות און זיינע רקודים זיינען אויסגעזאפט מיט'ן רוח הקודש.

— איך בין מגלה—האט ער איינמאל אויס־גערופען און די אויגען, האט מען געזעהען, האבען אויפגעשטראלט, טאקע ממש מזיו השכינה — איך בין מגלה, אז די גאנצע וועלט איז נישט מעהר, נאר א זמר און א טאנץ פאר הקדוש ברוך הוא! אלע זיינען משוררים, און זינגען זיין לויב! יע־דער איד איז א משורר און יעדעס אות פון דער תורה הקדושה איז א קול נגינה, און יעדע נשמה אין יעדען גוף איז אויך א קול נגינה, ווארום יעדע נשמה איז איין אות פון דער תורה הקדושה. אלע נשמות צוזאמען זיינען די תורה הקדושה אין גאנ־צען אוןביידע זיינען איין זמר, לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא!

און ווייטער האט ער געזאגט, אז אזוי ווי עס זיינען פאראן אלערליי קולות פון נגינה, אזוי זיינען פאראן אלערליי כלים פון נגינה, און יעדער מין נגון איז באהעפט צו דער כלי וואס קען אויסשפיעלען דעם נגון און יעדער כלי האט זיך איהר נגון, ווארום די כלי איז דער גוף און דער נגון איז די נשמה פון דער כלי.....

און יעדער מענש איז אויך א כלי נגינה, און דאס לעבען פון א מענשען איז א נגון, א פרייליכער צו א טרויעריגער נגון און אז מען ענדיגט דעם נגון, פליהט ארויס די נשמה פון גוף און דער נגון, די נשמה, הייס דאס, באהעפט זיך צוריק מיט דער גרויסער נגינה פון כסה הכבוד.....

און ווי — האט ער געזאגט — איז דעם מענשען וואס לעבט אן א נגון; דאס איז א לעבען אהן א נשמה. עס איז א געקרעכצעריי—און א קרעכצעריי איז שוין קיין לעבען ניט....

און יעדער כלל איז א באזונדער נגון. און דער צדיק וואס שטעהט איבער דעם כלל, איז דער קאפעלמייסטער צום נגון פון כלל... יעדערער פון כלל קען זיין חלק נגון און מוזען זיך אנרופען אזוי ווי מען דארף און ווען מען דארף, אז ניט מאכט ער קאליע דעם נגון, נור דער קאפעלמייסטער מוז קענען דעם גאנצען נגון און פארריכטען ווען מען דארף און הייסען איבער חזר'ן ווען מען דארף... און הערט ער א פרעמד קול אין נגון אריין, מוז ער אים ארויסטרייבען, ווי א דבוק רחמנה לצלן, זאל חס ושלום ניט איבערפיהרען דעם נגון!

און וואויל, האט ער געזאגט, איז אייך וואס עס איז באשערט געווארען א פרעהליכער נגון!

און, אַ סאך האָט ער, זכרונו לברכה גערעדט פון דעם ענין.....

— די למדנים, האָט ער געזאָגט — וואָס קענען נאָר לערנען פון אויבען אויף, די זיינען פרעמדע וואָס האָבען הנאה קוקענדיג פון דרויסען אויפן מלך׳ס פּלאַץ און אינווייניג קענען זיי ניט אריינקומען, זיי האָבען אפילו ניט די העזה אָנצוקלאַפּען אין טויער, טאָמער וועט מען זיי עפענען.....זיי קענען נאָר די ווענט מיט די פענסטער מיט דעם קוימען מיט די הויכע פאָהנען איבער דעם דאך פון מלך׳ס פּאַלאַץ. טייל מאָל זעהען זיי דעם רויך וואָס געהט ארויס פון קוימען, און זייער אויער כאַפּט אמאָל עטלאַכע קולות פון די עבדים ושפחות, וואָס דרעהען זיך ארום אין די פּאָדער־שטיבער פון מלך׳ס פּאַלאַץ.... אָבער די וואָס פּאַרטיפען זיך אין תוך פון דער תורה, וואָס באהעפטען זיך מיט דער נשמה פון דער תורה, די קומען אינוועניג אריין אין פּאַלאַץ, די זעהען דעם גאַנצען כבוד פון מלך און הערען ווי מען לויבט און מען זינגט דעם לויב און באהעפטען זיך מיט׳ן געזאַנג פאר׳ן מלך....

און יענע — האָט ער געזאָגט — וואָס געהען ארום פאר׳ן פּאַלאַץ, זיינען טייל מאָל נאָר געגליכען צו בעלי מלאכות, וואָס מאַכען כלים צו נגינה, און קענען אַ כלי נגינה פאררירכטען. אָבער אליין אויף דער כלי צו שפּילען קענען זיי ניט און טייל מאָל האָבען זיי פיינע געשיקטע הענד צו מאַכען אַ כלי נגינה, אָבער פאַרשטאָפּטע אויערען, אז מען שפּיעלט אויף דער כלי וואָס זיי אליין האָבען געמאַכט הערען זיי ניט אָדער אַ פאַרשטאָפּטע הארץ און פאַרשטעהען ניט און פיהלען ניט, און אַ גרויסער בעל מלאכה וואָס נעהמט שוין די כלי צום מויל קען ער זי נאָר פּרואווען אָדער אימיצען עפּעס נאָכשפּילען, פון זיך אַ שטייגער שפּיעלען — דאָס קענען זיי ניט אפילו גאָר די גרויסע ניט.

— אָבער איך ברוך השם, האָט ער געזאָגט כאָטש איך בין קיין למדן, דאָס הייסט קיין בעל מלאכה ניט און קען קיין כלי ניט מאַכען, ניט פאררירכטען, שפּיעלען אויף אַלע כלים — קען איך....

— זיי — זאָגט ער , זיינען די כלים און מיר דער נגון.....

זיי זיינען די מלבושים און מיר די מענשען; זיי זיינען גופים און מיר — נשמות.

אשרי עין ראתה כל זאת. וואויל איז דעם אויג וואָס האָט אזוינס געזעהען, און וואויל צו די אויערען וואָס האָבען אזוינס געהערט.

---

וואויל איז דעם וואָס האָט זוכה געווען צו זעהען די שמחה ביי דעם אדמ״ור אין הויף. נאָר דאָס אַלץ איז כטפה מן הים, געגען דער שמחה אויפ׳ן טעכטערילס חתונה!

ווער עס האָט פיינעלעם חתונה ניט געזעהען, האָט קיין גוטס ניט געזעהען.

דאַמאָלס האָט ממש די שכינה זיך אראָפּגעלאָזט און האָט אויף אַלעמען און אַלעס גערוהט, אַ ליכטיגער רוח הקדש האָט אַלעס ארומגענומען.... פון גרויס ביז קליין, זיינען געהויבט און געקרוינט געװאָרען. מען האָט דאָס געזעהען בחוש, אפילו די קעבינס, סאַרווערס, אפילו די בעלי עגלות, וואָס האָבען געבראַכט די מחותנים, אפילו די פּויערן האָט ער געזאָגט הויבט ער צו דער מדרגה פון חסידי אומות העולם.....

דער עלסטער פון אַלע ר׳ ציז האָט מיר געזאָגט, (און ר׳ ציז האָט ניט גערעדט גלאַט אזוי אבי צו רעדען) אַז דאָס איז די ערשטע שמחה פון ששת ימי בראשית אָן...

און שטעלט אייך פאָר, וואָס פאר אַ רעש עס איז געוואָרען אין עולמות העולונים, אז דער רבי איז געגאַנגען אַ כלה טאַנץ! — אוי, האָב איך מיר געװאונשען — ווי נעהמט מען דאָ אהער אַלע אפּיקורסים׳לעך די לצנים׳לעך, די אַלע וואָס קוויטשען און הכמה׳ן זיך . זאָלען זיי זעהען דעם תענוג, די גדולה, די שמחה! עלום הזה ווילען זיי דאָך. זאָלען זיי זעהען ווי פון עולם הבא, איז עולם הזה געוואָרען, ווי די גאַנצע וועלט מיט שמחה איז אריין צו אונז אין שטוב און האָט געלויכט ווי די זון! די פיס וואָלט׳ן זיי געקושט, זיי וואָלטען ערשט וויסען וואָס זייער עולם הזה איז ווערט!

...ווארום גלאַט, דעם רבי׳נס אַ טענצעל, אפילו גאָר אַ וואָכענדיג טענצעל, אַ דורך לאָזען זיך איבער דער שטוב, איז דאָך אויך געוואָרען אחד מששים מגן עדן; דאַמאָלסט איז דאָס אודאי אַ דריטעל און אפשר אַ גאַנצע העלפט געוועזען!

די כלי־זמר האָבען דאַמאָלסט אַ „פריילאַכס" געשפּיעלט. דער עולם, ווי אויף אַ חתונה, איז געװען צושפּרייט אין אַלע ווינקעלאך. טייל האָבען געכאַפּט אַ טענצעל אין אַ זייט, אין צווייען, אין דרייען צו אַ קליין רעדעל געמאַכט. אַנדערע האָבען געזונגען, געטרונקען, אַ שטיקעל דור הפלגה ווי אויף אַ חתונה.

פּלוצים, האָט זיך דער רבי זכרונו לברכה אויפגעהויבען , געגאַנגען אין מיט׳ן שטוב אריין און האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיט אַ פינגער האָט ער אַ צייכען געגעבען צו די כלי־זמרים, און זיי האָבען אויפגעהערט צו שפּיעלען.

דער רבי איז געשטאַנען אין מיט'ן שטוב, דאָס פּנים האָט געפלאַמט מיט'ן רוח הקודש, די אויגען האָבן געלויכטען ווי די שטערען אין הימעל, דער ראַצעמאַרענער קאַפּטאַן האָט געשפּיגעלט און געבליצט, דאָס שטריימעל האָט געשאָסען מיט הונדערטער זילבערנע פיילען — עס האָט אָנגעכאַפּט ביים האַרצען, עס האָט פאַרנומען די אויגען....

שטיל איז געוואָרען. אַלע אויגען האָבן זיך געצויגען צום רבי'ן און באַהעפט זיך אין זיין געשטאַלט. מען האָט דעם אָטעם פאַרהאַלטען. מען האָט געהערט דעם אומרוה פון זייגער פון דער זיבעטער שטוב און אין דער זיסער שטילקייט האָט דער רבי אָנגעהויבן זיין שטילען נגון.

אין מיט'ן האָט ער אָפּגעהאַקט דעם נגון און האָט אָנגעהויבן אַרויסצולאָזען באַזונדערע אָבגעריסענע קולות — און דער עולם האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס די אָבגעריסענע קולות זיינען! דאָס זיינען געווען בשורות טובות, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט אַריין. מבשר און מודיע זיין, אַז פייגעל'ס חופּה וועט זיין למזל־טוב ובשעה מוצלחת... און מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך זעה בחוש ווי ווייסע טויבען ווי שניי פליהען פון רבי'נס מויל אַרויס לאָזען זיך דורך די פענסטער הויבען זיך אויף און צושפּרייטען זיך אונטערן הימעל טאַקע לארבע כנפות הארץ.

און אין אַ צייט אַרום האָט ער, זכרונו לברכה, אויך געמוזט מודה זיין אַז די קולות זיינען געווען שמשים, שלוחים געשיקטע צו דער גאַנצער וועלט. צו אַלע חיות, אַלע בוימער און גראָזען, צום מדבריות וועלדער, ימים און טייכען, צום הימעל און ערד, צום גיהנים, צום גן ערן, צו די אבות, צו דער פמליא של מעלה און האָט אַלעמען פאַרבעטען אויף דער חתונה....

און אַז דער עולם האָט דערפיהלט אַז די היץ אין שטוב האָט זיך פּלוצלינג געשטאַרקט כפל כפלים, האָט מען פאַרשטאַנען אַז מען איז געקומען. און אַז, ער, זכרונו לברכה, האָט געזעהען אַז מען איז געקומען, האָט ער צוריק געצויגען צום זיסען נגון און האָט אָנגעהויבען זינגען מיט די ווערטער — אמרים קדושים! און דערביי האָט ער אָנגעהויבען טאַנצען און אַלע אויגען האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען און באַהעפט צו די הייליגע פיס.....

אשרי עין ראתה כל זאת. וואויל צו דער אויג וואָס האָט דאָס אַלעס געזעהען.

---

עס איז ידוע לכל, אַז תיכף נאָך הסתלקות האד"מור און עס האָט געטראָפען, וואָס עס האָט זיך ניט געזאָלט טרעפען, מיט'ן איידעם טאַקע, מיט פייגעלע, עליה שלום'ס מאַן, און איך בין געבליבען כצאן כלי רועה. בין איך אַרויסגעפאָהרען גאַנץ תפוצת ישראל און געזוכט, און וואָס איך האָב געוואָלט, צו וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט האָב איך אין ערגעץ ניט געפונען. איך האָב מיך אָנגעזעהען אַסאַך זאַכען, הויכע זאַכען, מרא'דיגע זאַכען. האָר און נעגעל האָבען זיך קאַפּויר געשטעלט, נאָר קיין שחה האָב איך אין ערגעץ ניט געזעהן.

עצבות, מרה־שחורה, צוקראָכענע הערצער...... און טרעפט מען יאָ אביסעל שמחה, איז עס גלאַט „משנכנס אדר" שמחה, סעודת מצוה שמחה. כל זמן דאָס פלעשעל שטעהט. די שלמות פון אַ ניגון איז נאָכ'ן אד"מור קיינער ניט געקומען.... אַזוי, דער עולם בורטשעט.... ווער שמועסט טאַנצען!...

עס זינגט זיך ניט — הילצערנע קולות; עס טאַנצט זיך ניט — די פיס ווילען זיך פון דער ערד ניט אָפּרייסען. אומגעלימפּערטע הענט, אַ פוילער גוף — קאַלט געפראָרען..... אַז מען זינגט שוין און מען טאַנצט — עס איז דאָך אַמאָהל אין יאָהר שמחת תורה — רייסט זיך עס: די ווערטער געהען אין איין זייט און דער נגון אין אַן אַנדער זייט און די פיס טוען זיך זייערס באַזונדער; זיי האָבען צווישען זיך קיין שייכות ניט, דריי פרעמדע האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען און יעדער געהט זיך אויף און אָב אין שטוב....

מיט'ן אד"מור צוזאַמען איז נסתלק געוואָרען די שמחה די נשמה פון טאַנצען פון נגון פון זמר. נאָר ער איינער האָט געוואוסט וועלכע תנועית בגוף עס געהען צוזאַמען צו דעם, און וועלכע צו יענעם נגון וועלכע קולות מען דאַרף צו די, און וועלכע צו יענע ווערטער...

ז. טינעל

# אונזער לאַנדסמאַנשאַפטס־פּראָבלעמען

אונזער געזעלשאַפטליך לעבען באַשטעהט ס׳רוב אין סאָסייעטיס. נישט פאַראַן דאָ קיין אידישע קהילה ווי אין אייראָפּאַ, נישטאָ דאָ קיין פאַרוואַלטונג, צו וועלכער עס זאָלען געהערען די פּני העיר, און עס איז נישט פאַראַן דאָ קיין געוועהלטער בית־דין, וואָס זאָל ארויסקומען אין אַן אלגעמיין אידיש־געזעלשאַפטליכער פראַגע און זאָגען דאָס שטאַרקע וואָרט. אויך זיינען נישט פאַראַן דאָ קיין קולטורעלע צענטערס פון וואַנען מען זאָל קאָנען ציהען די יניקה פאַר אונזער היימישקייט, און עס איז נישט פאַראַן קיין צענטראַלע קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל זאָרגען אין אלגעמיין פאַר דעם אמעריקאַנער אידענטום.

דעריבער איז נישט פאַראַן קיין אַנדער פּלאַץ, וואו אונזער געזעלשאַפטליך לעבען זאָל זיך קאָנען אויסדריקען, סיידען די סאָסייעטיס; דאָרטען פאַרברענגט מען נאָך אַ שווערען טאָג ארבייט, דאָרטען טרעפט מען אַן אַלטען פריינד, דאָרטען שמועסט מען וועגען דער אַלטער היים און דאָרטען שפּינט מען די פּלענער פאַר דער נייער היים, ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען, אַז מען זאָל נישט דאַרפען זיין נע ונד.

אין דער סאָסייעטי ווערט געזאָרגט פאַר דעם קראַנקען, ווערט מען באַזאָרגט מיט אַ קרקע נאָך הונדערט יאָהר, און זעהר אָפט העלפט מען ארויס אַ געפאַלענעם מיטגליד. מיט איין וואָרט, די סאָסייעטי איז דער פּלאַץ, וואו דער אריבערגעקומענער, סיי דער איינגעלעבטער און סיי דער נאָר וואָס איינגעוואַנדערטער געפינט זיין מקום מנוחה אין עטליכע פרידליכע שטונדען, וואו צו פאַרברענגען אין אַ היימישער אנגענעהמער סביבה.

ווי זשע זעהען אויס אין דער אמת׳ן די סאָסייעטיס? וואָס טוען זיי אויסער די עטליכע דאָלאַר קראַנקען־בענעפיט און פיער איילען ערד נאָכ׳ן טויט? איז שוין טאַקע דאָס אַלעס? דאַרפען מיר טאַקע זאָרגען בלויז פאַר אונזער קראַנקען און טויטען גוף? און פאַרוואָס נישט זאָרגען פאַר דעם לעבעדיגען גוף און נאָך מער פאַר דער לעבעדיגער נשמה? פאַרוואָס ניט שאַפען פון די סאָסייעטיס אַ צענטער פאַרצווייגען און פאַרברייטערן די אידישע קולטור? פאַרוואָס ניט אינטערעסירען זיך דורך דער סאָסייעטי אין דער אידישער ערציהונג און אליין אנטייל נעהמען אין דער ערציהונג פון אייגען בלוט און פלייש און נישט לאָזען די איינענע קינדער אויף גאָט׳ס באַראָט אָדער העכסטענס אויף די הענט פון אונזערע פאַרזאָרגער, וועלכע קאָנען אונז געבען אפשר נייע שוהלען און תלמוד תורות אָבער נישט קיין מאָדערנע אידישע ערציהונג?

פאַרוואָס פרעגט זיך פון טיעפען האַרצען, זאָלען מיר דורך די אידישע סאָסייעטיס אליין נישט שאַפען קיין אידישע שולען, וועלכע זאָלען זיין צוגעפּאַסט צו אונזער גייסט, און לויט אונזער געפיהל, לויט אונזער אידיש געפיהל און אידישען גייסט? ווער וועט פאַר אונז זאָרגען, אויב מיר אליין וועלען נישט זאָרגען? איז דען טאַקע אַלעס אין לעבען בלויז קרקע אין קראַנקען בענעפיט? און אויב אמת׳ע געמיינזאַמע הילף, קאָנען מיר דען נישט שאַפען געזעלשאַפטליכע באַנקען, וואָס זאָלען טאַקע העלפען איינער דעם צווייטען אויף אַ ברייטערען אופן, אַז מיר זאָלען נישט דאַרפען אָנקומען צו אונזערע גמילת חסדום׳ס, וועלכע טוען אַ טובה אַ מענשען, ווען זיי באָרגען אים עטליכע דאָלאַר?

פאַרוואָס נישט אַ ביסעל אויסברייטערען זיך, פאַרוואָס נישט איינפירען לעקציעס אויף פאַרשידענע אידישע לעבעדיגע טעמען אין די סאָסייעטיס? פאַרוואָס נישט פרעהען זיך אויף אַ נאַציאָנאַל אידישען אופן, מאַכען פון די בעלער לעבעדיגע היימיש־אידישע שמחות און נישט טויטע בעלער מיט טויטע פּראָגראַמען?

צענדליגער פראַגען האָט מען געקאָנט אָנוואַרפען און עס איז כדאי, אַז מיר זאָלען זיי אויפנעמען און ערנסט באַטראַכטען. דאָס זיינען פראַגען, וואָס געהערען צו די וויכטיגסטע אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען און ליידער, ליידער האָט די אידישע פּרעסע זיך ביז איצט צו דעם כמעט נישט צוגערירט. פאַר אונז איז דאָס אַ לעבענס־פראַגע, אַז מיר זאָלען באַרירען, מיינען מיר — אויפצודעקען יעדע וואונד, די דאָזיגע פראַגען באַטראַכטען ביז׳ן גרונד. און אויב יעדעס אָנגעוועהטאָגטע אָרט, כדי נאַכער געמיינזאַם צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי אַוועקצושטעלען אונזער סאָסייעטי לעבען, אונזערע לאַנדסמאַנשאַפ־ ..ן, אַז זיי זאָ..ען זיין מעהר ווי אַ קראַנקען־בענעפיט און קרקע סאָסייעטי.

מען קאָן אָן צווייפעל די משא אַ שטופּ טאָן. עס דאַרף נאָר זיין דער גוטער ווילען דערביי, און דער ווילען, גלויבען מיר פון טיפען האַרצען, הויפּט זיך אָן ביסלעכוויים אויסצושיילען.

ב. שאפירה
א. קראלל
י. קאראפאוו.
פינ. קאמיטע.

# אונזער טעטיגקייט אין ציפערן

די איינאַמע פאַר די פינף און צוואַנציק יאָר פון דיוס,

אַסעסמענטס און פּראָפיטן פון אונטערנעמונגען באַטרעפט: — — 52,238.19 $

די אויסגאַבן זיינען ווי פאָלגט :

אָרגאַניזאַציאָנס אויסגאַבן ווי פּרינטינג, פּאָסטעדזש, האָל רענט סאַלאַרים

צו אָפיסערס און אז. וו. זיינען : — — — — — — — — — — — 10,091.41 "

קראַנקען בענעפיט איז אויסגעצאָלט געוואָרן : — — — — — — — 13,699.00 "

שטיצע צו ברידער אין נויט : — — — — — — — — — — — — — 5,408.00 "

שטיצע צו פערשיידענע אָרגאַניזאַציעס : — — — — — — — — — — 3,182.85 "

אַף לויות פון נאָנטע קרובים פון אונזערע ברידער,

פאַר שבעה, קערעדזשעס און אַזוי ווייטער: — — — — — — — — — — 1,464.28 "

טויטן בענעפיט צו די אלמנות און יתומים

פון פערשטאָרבענע ברידער : — — — — — — — — — — — — — 5,438.20 "

מתנות צו ברידער פאַר גוטע ארבעט ווי אויך חתונה מתנות

איז אויסגעגעבן געוואָרן די סומע פון : — — — — — — — — — — 1,429.00 "

פאַר מאָהילעווער פייער — — — — — — — — — — — — — — — 1,000.00 "

צו דער „פיפעלס רעליף" איז אויסגעצאָט געוואָרן : — — — — — — 4,442.15 "

פאַר די מלחמה ליידענדע אין מאָהילעוו איז אַוועקגעשיקט געוואָרן:— 1,537.15 "

אויסער דעם איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין מאָהילעוו פיל קליידער

און שיך אין ווערט פון פילע טויזענטער דאָלאַרס, די אויסגאַבן

פאַר אַוועקשיקן די קליידער באַטרעפן:— — — — — — — — — 400.00 "

קעש אין דער טרעזשורי האָבן מיר : — — — — — — — — — — 4,426.15 "

אייגענטום אין דער סעמעטערי — — — — — — — — — — — — — 8,500.00 "

## פאָלגענדע געזעלשאַפטן זיינען געשטיצט געוואָרן פון „די אַמעריקאַן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו :"

נ וו. סייד סאָציאַליסטישער ברענטש, סטרייקענדע ליידיס גאַרמענט וואָרקערס, יונייטעד גארמענט וואָרקערס, אידישע פאָלקס-שולן, נאַציאָנאַל - ראַדי-קאַלע שולן, די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, אידישע געווערקשאַפטן, פּאָליטישע פאַרשיקטע אין רוסלאַנד, אַלעקסאַנדראָווער ליידיס טשאַריטיס, די אידישע אַרבעטער וועלט, וואָרקערס אינסטיטוט, יונייטעד היברו טשאַריטיס, לאָס אַנדזשעלעס סאַניטאַריאום, דענעווער סאַניטאַריאום, היברו אימיגראַנט אייד סאָסייטי, נ. וו. קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט, סטרייקענדע סיגאַרן-מאַכער, פיפעלס רעליף וואלונטירן קלאָב, סטרייקערס אין שיפ'ס באַנק, נ. וו. דראַמאַטישע געזעלשאַפט, פּאַלעסטינאַ אַרבעטער פאָנד, נאָרוועגישער האָספּיטאַל, בנות ציון דיי נוירסערי, דאגלאַת פּאַרק דיי ענד נייט נוירסערי, אידישער קאָנגרעס, מאָהילעווער ליידיס טשאַריטי סאָסייטי,

# באגריסונגען

זייט געגריסט לאנדסלייט און ברידער פון „אמעריקאן בראדערהוד אף מאהילעוו“, צו אייער 25יאריגען עקזיסטענץ, מיר פארזיכערען אייך אז מיר אלס מאהילעווער און דניעפער אונטערשטיצונגס פאראיין פון ניו יארק, ווען מיר האבען געלייענט אייער איינלאדונג צו אייער יום טוב, האבען מיר זיך זעהר געפרעהט, ווייל מיר האבען דאך געפייערט אונ:ער 25 יאריגען יובילעאום מיט א יאר צוריק, און איבערבליקענדיג אונזער ארבייט פאר די 25 יאר, וואס מיר עקזיסטירען דא אין ניו יארק, ווייסען מיר וואס עס מיינט צו פייערען א 25 יאריגען יובילעאום מיר זיינען זיכער אז איר אין שיקאגא האט אויפגעטאן א סך גוטע און ניצליכע ארבייט פאר דער צייט פון אייער עקזיסטענץ, פאר אייערע מיטגלידער אלס אן ארגאניזאציע בפרט, און אויך פאר וואוילטעטיגע צוועקען אויסער אייער פאראיין בכלל.

מיר ווינשען אייך גליק און דערפאלג אין אלע עיאאטש ןרדאמנ וסלהמב ..פדצ ווזפחתכעיאאטששסס אייערע ווייטערדיגע אונטערנעמונגען, מיר ווינשען אייך אז אייער פאראיין זאל זיין א מוסטער פון ארבייט, טעטיגקייט און גערעכטיגקייט פאר אלע אידישע אינסטיטוציעס.

אין נאמען פון מאהילעווער און דניעפער אונטער־שטיצונג פאראיין באגריסען מיר אייך נאך אמאל הארצליך צו אייער יום טוב, מיר ווינשען אייך אז איר אלע זאלט דערלעבען צו פייערען אייער גאלדענעם יום־טוב — אייער 50 יאריגען יובילעאום.

מיט פריינדליכען גרוס —

מאהילעווער און דניעפער

אונטערשטיצונגס פאראיין

ניו יארק סיטי

---

די עקס פיישענטס טובערקולאר האום פון דענווער קאלאראדא, באגריסט די „אמעריקאן בראדערהוד אף מאהילעוו“ צו איר פינף־און־צוואנציג יאריגען יובילעאום.

אין דער צייט פון אייער עקזיסטענץ האט איר געטאן גוטע ארבייט און האט געגעבען די נייטיגע שטיצע צו יעדער ארגאניזאציע, וועלכע האט זיך געווענדעט צו אייך נאך הילפע, איר זייט א מיטגליד אין די „עקס פיישענטס טובערקולאר האום“, א נאצי־אנעלע אינסטיטוציע, און די אומגליקליכע „קאנ־סאמטיוו“, וועלכע ווערען געהאלפען דורך אייך דאנ־קען אייך און ווינשען די בעאמטע און מיטגלידער פון אייער ווערטע ארגאניזאציע, דאס איר זאלט אלע זיין געזונד און לעבען אין נחת און גדולה, און פאר־זעצען אייערע נאבעלע וואהלטעטיגע ארבייט.

די עקס פיישאנטס טובערקולאר האום פון דענ־ווער קאלאראדא.

ד"ר א. מ. בלומבערג, סעקרעטאר,

---

איך בעגריס מיין בעליבטען פאראיין די „אמעריקאן בראדערהוד אף מאהילעוו“ צו דעם 25 יאריגען יובילעאום. דער נאמען און די טהאטען וואס דער פאראיין האט אויפגעטאן פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ רעדט פאר זיך אליין. איך ווינש ערפאלג אין אלע הינזיכטען וואס דער פאראיין וועט ווייטער טאן.

געוועזענער רעקארדינג ווי אויך פינאנס סעקרעטער פאר פילע יארען.

ברודער ס. זיממערמאן



ס. זימערמאן

אמעריקען בראָדהערהוד אָוו מאָהילאָוו,
יובילעאום סואוועניר בוך,

דר. י. ס. גאָללין, — רעדאקטאָר

מיר דערהאלטען אייער ידיעה, אז די אמערי־קאן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו געהט פייערען איר 25־יעהריגע עקזיסטענץ און אז די גאנצע טעטיגקייט אין פארלויף פון די פילע יאָרען וועט זיך אָפשפיג־לען אין א סואוועניר בוך, וואָס ווערט ארויסגעגע־בען לכבוד דעם יום טוב.

מיר די פעדעראציע פון די פוילישע אידען אין אמעריקא קוקען מיט שטאָלץ אויף די לאנדסמאנ־שאפטס־פאראיינען, וועלכע ווייסען אָפצושאצען די פארגאנגענהייט און מאכען פון דעם א יום־טוב צו זאמלען נייע כוחות פאר דער צוקונפט.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר טראָגען דעם נאָמען „פוילישער פארבאנד“, ווילען מיר אייך זאָגען, אז מיר זיינען טיעף ערנסט פאראינטערע־סירט, אז אלע לאנדסמאנשאפטען אין אמעריקא זאָ־לען זיין פאראייניגט אום צו קענען פון איין זייט העלפען אונזערע ברידער אין מזרח אייראפא, וואָס לעבען איבער א מורה׳דיגע צייט, און פון דער צוויי־טער זייט צו שאפען א שטארקע אָנזעהענדיגע פאר־אייניגונג פון יענע טיילען פון אמעריקאנער אידענ־טום, וועלכע וואָלטען וועלען זעהען די ענטוויקלונג פון אידישען לעבען דאָ אויף אזא אופן, אז עס זאָל נישט אויסגעוועפט ווערען דער קולטור־אינהאלט, וואָס מיר האָבען אָנגעזאמעלט זינט מיר זיינען א פאָלק.

די אמעריקאנער אידען האָבען אין איצטיגען מאָמענט גרויסע פאראנטווארטליכקייטען פאר זייע־רע ברידער אויף דער אנדערער זייט ים. עס איז ניט נאָר א פראגע פון זאמלען רעליעף געלדער, נאָר עס איז אויך א פראגע פון לעבען. זיי — און זיי וועלען עס נאָך דארפען פאר א לאנגער צייט — די מאָ־ראלע שטיצע, בכלל עס מוזען זיי האָבען א קלאָר אָפען אויג, וואָס זאָל איבער זיי וואכען.

אין אייער יום־טוב האָט דאָס אין זינען און דוקא ביי אייערע שעהן געדעקטע טישען זאָל גע־הערט ווערען דאָס וואָרט: מיר, וואָס לעבען אין שפע, האָבען ביז איצט נאָר א ביינדעל צוגעוואָרפען די אונגליקליכע פון אונזערע אלטע היימען; מיר דאָ טראָגענדיג מיט שטאָלץ דעם נאָמען פון אונזער היימ־שטאָדט האָבען נישט אויף דעם זעלבען אופן גע־ענטפערט אויף זייער רוף.

די לאנדסמאנשאפטען אין אמעריקא מוזען פארנעהמען דעם אויבען אָן אין אמעריקאנער אידי־שען לעבען. מיר זיינען די רוב טיילען פון וועלכע דאָס אמעריקאנער אידענטום בילדעט זיך אוים. אָבער לײדער האָבען מיר נאָך ביז איצט נישט פאר־שטאנען די ראָליע, וואָס מיר דארפען שפילען. די אידעע קריסטאליזירט זיך איצט און מיר דענקען, אז די מאָהילאָווער געהערען צו די דאָזיגע אינטעליגענ־טע אָרגאניזאציעס, וואָס וועלען נישט נאָר אליין צו־שטעהען צו דער לאנדסמאנשאפטען־פאראייניגונג, נאָר וועלען אויך העלפען די אידעע קלאָרער מאכען פאר אנדערע.

גרויס גליק אין אייער ארבייט, ליעבע פריינד אונזערע:

נעמט אָן צו אייער 25־יעהריגען יובילעאום אונזער אויפריכטיגע באגריסונג אין נאָמען פון אלע אונזערע ברענטשעס אין די פאראייניגטע שטאאטען.

די פעדערייישאָן פון די פוילישע אידען אין אמעריקא,

32 יוניאָן סקווער, ניו־יארק, נ. י.

בענדזשאמין ווינטער, — פרעזידענט,

ז. טיגעל, — עקזעקוטיוו דירעקטאָר.

---

## א שיין בילד.

איין איד וויזט דעם צווייטן א שטיק לײנוואַנד, נאָר אינגאַנצן ריין און ליידיק, און זאָגט אים:

— זעסטו, אָט האָסטו פאַר דיינע אויגן אַ שיין בילד: „אידן גייען־איבער דעם ים־סוף“.

— וואו זיינען דאָ די אידן? — פרעגט יענער.

— די אידן? — מאַכט דער ערשטער — זיי זיינען שוין אַרויס פונ׳ם ים און אַוועק ווײַטער.

— און די מצרים וואו זיינען?

— די מצרים האַלטן נאָך אין לויפן און זיינען נאָך נישט אָנגעקומען.

— נו און דער ים אַליין וואו איז דאַ אַף דעם בילד?

— וואָס הייסט? דער ים איז דאָך צעשפּאָלטן געוואָרן און אָפּגעטראָטן אין ביידע זייטן.

## וואוינרעכט.

א רוסישער האָט זיך משתדל געווען דאָרט וואו מע בעדאַרף, צו בעקומען דאָס רעכט אַף צו וואוינען אויסער דער „אידישער גרעניץ“ אַלס אַ בעל־מלאכה.

— וואָס פאַר אַ מלאכה קענט איר עס? — פרעגט אים דער בעאַמטער.

— איך קען מאַכן טינט — ענטפערט דער איד.

— טינט מאַכן איז אויך אַ מלאכה? ווער קען עס נישט? איך אפילו קען עס אויך.

— וואָס־זשע מיינט איר, הער בעאַמטער, האָט איר דאָך טאַקי אויך וואוינרעכט.

# באגריסונג פון די מיטגלידער פון דער

## „אַמעריקאן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו“

מיר די אונטערגעצייכענטע פילען זיך דערפרייענד און שטאָלץ, אַז מיר זיינען מיטגלידער פון דער גרויסער משפחה „אַמעריקאן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו“ מיר שיקען אונזער הארציגע ברכה מיט דעם פולען באוואוסטזיין, אַז יעדער איינער פון אונז איז אַ רינגעלע פון אָט דער לאַנגער קייט, וועלכע איז אַזוי פעסט און אַזוי שטאַרק צוזאמענגעפלאָכטען און האָט געגעבען אַ מעגליכקייט אַ טייל פון דעם אידישען פאָלק אָנצוהאַלטען זיך און געראַטעוועט ווערען אין דער צייט ווען זיי האָט געדראָהעט פערניכטונג.

מיר זיינען שטאָלץ אין דער אַקטיוויטעט און אין דער אַרבייט, וואָס די סאָסייטי האָט בעוויזען און געשאַפען פאַר די 25 יאָר פון איר עקזיסטענץ. מיר פילען זיך גליקלעך, אַז מיר אַלע צוזאַמען האָבען דערלעבט צו פייערען אַ יובילעאום פון דער מאָהילעווער סאָסייטי, ווען זי ווערט אַלט 25 יאָר, ווייל „לא כל אדם זוכה“ אין איצטיגען שטורמישען און צווייפעלהאַפטען לעבען, איז ניט יעדער זוכה בייצוּוואָנען אַזאַ יום-טוב. מיר שיקען אונזער ברידערליכען „מזל-טוב“ צו דער מאָהילעווער סאָסייטי און מיר זאָגען צו צו שטעהן פעסט און געשלאָסען ווי ביז אַהער און זעהען אַז אונזערע קינדער זאָלען פאָרטזעצען אונזער אַרבייט, וואָס מיר האָבען אָנגעצייכענט, און ווען עס וועט קומען די צייט, ווען שנאה, קנאה, תאוה און ברוטאַליטעט וועט פאַרשוואונדען פון דער וועלט, און עס וועט הערשען שלום און שלוה, ברודער ליבע און טאָלעראַנץ איינעם צום צווייטען, ווען דער באחרית הימים פון אונזערע נביאים וועט מקוים ווערען, עס וועט ניט זיין נויטיג קיינע פאַרטייען אָרגאַניזאַציעס לאַנדשען, סאָסייטים און פאַראיינען, האָפען מיר, אַז אונזער עקזיסטענץ, די עקזיסטענץ פון דער „אַמעריקאן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו“ וועט פערשריבען ווערען מיט גאָלדענע בוכשטאַבען אין דער געשיכטע פון דאָס אידישע פאָלק אין מזרח אייראָפאַ און אַמעריקא, ווייל זי האָט געהאָלפען צו פערווירקליכען אָט דעם גרויסען אידעאַל צו וועלכען אַלע גרויסע ליבענדע פרייהייט מענשען שטרעבען.

זייט געגריסט איר טוער און בויער פון דער סאָסייטי!

זייט געגריסט איר אַלע וואָס האָבען געהאָלפען אונז צו קומען מיט אַזאַ גלענצענדן רעקאָרד צו אונזער יום-טוב!

זעצט פאָר אייער אַרבייט, מיר וועלען שטענדיג זיין מיט אייך.

Mr. Morris Appelman
Mr. and Mrs. Morris Appelman
Mr. and Mrs. Aaron
Mr. and Mrs. Meyer Ackwa
Mr. and Mrs. Max Ackwa
Mr. and Mrs. Abraham Adland

Mr. Harry Appelman
Mr. and Mrs. Louis Appelman
Mr. and Mrs. Sam Antman
Mr. and Mrs. Marks Aidlin
Mr. and Mrs. Phillip Baldwin
Mr. and Mrs. Chas. Balter
Mr. and Mrs. Harry Balter
Mr. and Mrs. Harris Balter
Mr. and Mrs. Jacob Balter
Mr. and Mrs. Jake Balter
Mr. and Mrs. N. Balter
Mr. and Mrs. B. Bass
Mr. and Mrs. Ph. Bass
Mr. and Mrs. Sam Bass
Mr. and Mrs. H. Belinky
Mr. and Mrs. Louis Bennenson
Mr. and Mrs. D. Berman
Mr. and Mrs. Sam Berman
Mr. and Mrs. H. Binner
Mr. and Mrs. Harry Blitt
Mr. and Mrs. Fred Block
Mr. and Mrs. Jacob Block
Mr. and Mrs. J. Blucher
Mr. and Mrs. Louis Brooks
Mr. and Mrs. L. Broshkoff
Mr. and Mrs. I. Brooks
Mr. and Mrs. Harry Balotin
Mr. and Mrs. I. Checkman
Mr. and Mrs. I. Chelisoff
Mr. and Mrs. M. Choderow
Mr. and Mrs. Sam Cohen
Mr. and Mrs. H. Cohen

---

# ווילינגעמער סאסייטי מיטעט

בן שלמה

דער פרעזידענט פון דער לאנדסמאנשאפט פאראיין „אנשי ווילינגהאם“ האט געעפענט דעם מיטינג האל זיך אוועקגעזעצט רוהיג אויף זיין שטול און פעררעכערט זיין סיגארעטל און האט זיך צוגעהערט צו דעם פראטאקאל פון לעצטען מיטינג וואס דער סעקרעטאר האט פארגעלעזען, בטבע איז הירשעל א איד וואס האלט זיך זעהר דעמאקראטיש צו זיינע לאנדסלייט, אפילו ווען ער איז פרעזידענט פון פאראיין, ניט ווי אנדערע פרעזידענטען, וועלכע האלטען זיך אין איין בלאזען, ווען זיי פירען א מיטינג, און זוכען כבוד ביי די לאנדסלייט, הירשלען קען אמאל ניט אזוי שטארק ארען אז צוויי לאנדסלייט זיצען זיך אין איין ווינקעל פון זאל און צוויי אין אנ'אנדער ווינקעל און פארברייגען זיך גאנץ געמיטליך אין דער צייט ווען די פערהאנדלונגען פון מיטינג געהען אן, ער האט ניט קיין הארץ צו צושטערען א שמועס פון לאנדסלייט, וואס עס האבען זיך אפשר ניט געזען א לאנגע צייט נאר אז אימיצער פון די ברידער מאכט דעם פרעזידענט אויפמערקזאם אז ער קען ניט הערען וואס עס קומט פאר ביי דעם מיטינג ממחת עס איז צופיל טומעל פון די וואס זיצען אין רעדען, דאן גיט דער פרעזידענט א קלאפ מיט דעם האמער און בעט די ברידער אז מען זאל זיך פערהאלטען רוהיג און לאזען פירען דעם מיטינג. עס ווערט שטיל א ווייל אבער עס נעמט ניט לאנג און דער שמועס ווערט פארטגעזעצט צווישען די ברידער פון פאראיין אזוי ווי פריער,—און אזוי פירען זיך שוין מכמה שנים די מיטינגען ביי דעם ווילינגהאמער פאראיין. נאר די מיטגלידער וואס זיצען נעהנטער צום פרעזידענט ווייסען וואס עס קומט פאר ביי דעם מיטינג, אבער די וואס זיצען אביסעל ווייטער, איז אדער צו פערברייננגען צווישען זיך וועגען זייערע געשעפטען אדער זיי געהען אהיים.

דערפאר אבער, ווען מען פארהאנדעלט א פראגע וואס האט צו טאן מיט ו י ל י ג ה א ם זייער שטעדטעל, אדער עפעס א פראגע וואס האט צו טאן מיט כלל ישראל דאן זיינען אלע ברידער שטארק, זעהר שטארק פעראינטערעסירט, און אלע ווילען דאסווארט, יעדער ברודער האלט, אז ער ווייס דעם ריכטיגען אמת, און האט די ריכטיגע עצה, ער האט ניט קיין געדולד צו הערען א צווייטען ברודער ווען ער רעדט,

Mr. and Mrs. G. Cohen
Mr. and Mrs. Hyman Cohen
Mr. and Mrs. Harris Cohen
Mr. and Mrs. Julius Cohen
Mr. and Mrs. Joe Cohen
Mr. and Mrs. Phillip Chalnick
Mr. and Mrs. T. Cohen
Mr. and Mrs. S. Chassin
Mr. and Mrs. Alex Chakin
Mr. and Mrs. M. Charnoff
Mr. and Mrs. Ben Dolnick
Mr. and Mrs. Benj. Dolnick
Mr. and Mrs. Wm. Diamond
Mr. and Mrs. S. Dickstein
Mr. and Mrs. Berry Dolnick
Mr. and Mrs. Daniel Dolnick
Mr. and Mrs. Louis Dolnick
Dr. and Mrs. Max Dolnick
Mr. and Mrs. N. Dolnick
Mr. and Mrs. Ph. Dolnick
Mr. and Mrs. P. M. Dolnick
Mr. and Mrs. J. Dordicoff
Mr. and Mrs. Jacob Denovitz
Mr. and Mrs. G. Dropkin
Mr. and Mrs. Meyer Dreibin
Mr. and Mrs. M. Dubman
Mr. and Mrs. Z. Dreisin
Mr. and Mrs. Alex Drexler
Mr. and Mrs. H. Druckeroff
Mr. and Mrs. I. Druckeroff
Mr. and Mrs. H. Davis
Mr. and Mrs. M. Dorin

---

ווייל אים גיט זיך אפ אז יענער רעדט נארישקייטען און האלט אין איין פאדערען פון פרעזידענט דאס ווארט, דער פרעזידענט איז דאן זעהר א פערנומענער מענש ער שטעהט מיט דעם האמער אין האנט און האלט אין איין קלאפען אן שטענדער און רופט די ברידער צום ארדנונג, טאמער איז דאס וויינינג און מען הערט אים ניט, בעט ער דעם וויים פרעזידענט וואס זיצט אנטקעגען אים אז ער זאל אים העלפען קלאפען מיט זיין האמער, און איינשטילען די מיטגלידער, וואס עס געפינען זיך אין צווייטען זייט פון זאל, מאנכעס מאל מען קען פשוט טויב ווערען פון די קלאפעריי פון די 2 האמערס פון פרעזידענט און וויים פרעז., וועלכע שיסען אזוי ווי פון קאנאנען. טרעפט אמאל אבער אז עס קומט א קאמיטע מיט א צושריפט עפעס פערלאנגען פון דעם פאראיין דאן ווערט אזא שעהנע ארדנונג אין האל און אזא רוהיגע שטילקייט, אז עס איז פשוט צו באוואונדערען ווי די זעלבע לאנדסלייט, וואס אט מיט א האלבער שעה צוריק האט געשטורעמט אין זאל פון זייערע געשרייען איינער האט געוואלט אריבערשרייען דעם צווייטען, און איצט קענען זיי דאכט זיך קיין 2 ניט ציילען, די זאך איז, וואס פאר פרעמדע מענשען וויל מען זיך האלטען לייטיש, און דערפאר טאקע איידער מען רופט אריין דער קאמיטע זאגט אן דער פרעזידענט און בעט די ברידער אז זיי זאלען ניט פערשעהמען דעם פאראיין און זאלען זיך האלטען ווי פיינע מענשען.

ביי א מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען א געוויסען שבת אווענט, נאך דעם ווי דער סעקרעטאר האט איבערגעלעזען דעם פראטאקאל און נאך דעם ווי מען האט אויסגעהערט די פערשידענע קאמיטעס, איז צוגעקומען דער שמש (אינסיידגארד בליין) צום פרעזידענט און האט אים איבערגעגעבען א „קרעדענשעל“ פון א קאמיטע וואס האט געווארט אין פאדערהאל.

דער פרעזידענט האט אנגעטאן זיינע ברילען איבערגעלעזען דעם צושריפט און מעלדעט די ברידער אז דאס איז א פערלאנג פון א פאראיין אויפצונעמען זייער א קאמיטע און אויסהערען זייער פארלאנג. א ברודער שטעהט אויף און מאכט א פארשלאג צו לאזען די קאמיטע. ער ווערט אונטערשטיצט און גוט געהייסען און דער פרעזידענט פאדערט אויף אריינלאזען די קאמיטע. די ברידער זיצען אין זייערע פלעצער און עס איז שא שטיל, אלעמענס אויגען איז געווענדעט צום טיר און זעהען ווער קומט דאס צו זיי און נאך וואס.

עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין א יונגער־מאן, ער געהט מיט ניט זיכערע טריט אין זאל אריין, דערזעהענדיג אזא גרויסען עולם פאר זיך פערשעהמט ער זיך אביסעל און זעצט זיך אוועק אויף דעם ערשטען פלאץ, וואו ער האט געפונען.

דער פרעזידענט מעלדעט אים, אז מען איז גרייט אויסצוהערען זיין פארלאנג און בעט אים צוגעהן צו זיך.

דער פרעזידענט האט אים אפגעשטעלט און האט

Mr. and Mrs. D. Dreibin
M.r and Mrs. B. Elkin
Mr. and Mrs. Abe Entin
Mr. and Mrs. I. Elkin
Mr. and Mrs. Eli Entin
Mr. and Mrs. Harry Entin
Mr. and Mrs. I. Edelson
Mr. and Mrs. H. Edelman
Mr. and Mrs. Louis Elkin
Dr. and Mrs. A. Fabricant
Mr. and Mrs. Z. Finkel
Mr. and Mrs. Sam Field
Mr. and Mrs. H. Finestein
Mr. and Mrs. M. Finkel
Mr. and Mrs. Joe Fogen
Mr. and Mrs. L. Friedman
Mr. and Mrs. H. Farber
Mr. and Mrs. A. Gadlin
Mr. and Mrs. I. Galinkin
Mr. and Mrs. I. Gonetzky
Mr. and Mrs. N. Gavsner
Mr. and Mrs. R. Gavsner
Mr. and Mrs. Julius B. German
Mr. and Mrs. Sam Gitevitz
Mr. and Mrs. Nathan Ginsburg
Mr. and Mrs. Abraham Glick
Mr. and Mrs. Sam Glick
Mr. and Mrs. E. Goldberg
Dr. and Mrs. I. Gollin
Mr. and Mrs. Max Goodman
Mr. and Mrs. Z. Gerbatkin
Mr. and Mrs. Samuel Gordon

---

דער יונגער־מאַן, איז צוגעגאַנגען צום פרעזידענט האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום עולם.

עס הערשט אַ שטילשווייגען פאַר אַ ווייל, ער פאַנגט אָן בזה הלשון:—

„ברידער און פריינדע, פון וועליגהאַמער פאַראיין, עס איז דאָ פאַראַן אַ וויעטקער לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין, לעצטענס האָבען מיר בעקומען אַ בריף פון אונזער שטעדטעל, אַז דאָרטען האָט אָבגעברענט די באָד און די אידען האָבען ניט וואוהין צו געהן אין מרחץ, די וויעטקער קהילה האָט זיך געווענדעט צו אונז, אַז מיר זאָלען עטוואָס טאָן פאַר זיי און אַזוי ווי אייער שטעדטעל איז דאָך אין שכנות מיט אונזערע און אַ סך אידען פון אייער שטעדטעל האָבען אַמאָל הנאה פון אונזער באָד בכן בעטען מיר אייך אַז איר זאָלט עטוואָס ביישטייערען פאַר דעם צוועק און העלפען אויפבויען די באָד אין וויעטקע, איך אַפעליר צו אייך איר זאָלט זיך ניט אָפזאָגען פון אייער פליכט, ווייל אָהן אייך וועלען מיר גאָרניט קענען אויפטאָן.

אָפגעהאַלטען די דרשה, האָט ער אָפגעווישט דעם שווייס פון פנים און האָט זיך אַוועקגעזעצט. דער פרעזידענט האָט אים געבעטען, אַז ער זאָל וואַרטען אין פאָדערהויז פון „האָל“, און די ברידער וועלען פערהאַנדלען די פראַגע און מען וועט אים לאָזען וויסען די רעזולטאַטען (דאָס איז שוין אַן אַלטער מנהג ביי די וועליגהאַמער לאַנדסלייט, אַז מען פערהאַנדעלט ניט קיין פראַגע פון שטיצע, ווען די קאָמיטע וואָס קומט נאָך דעם איז דאָ אין „האָל“, דאָס ווערט געטאָן צוליב אַ סך אורזאַכען, וואָס בלייבט אַ סוד פאַר די ברידער).

ווען דער יונגער מאַן האָט פערלאָזען דעם האָל האָט דער פרעזידענט ערקלערט, אַז די פראַגע פון דער באָד איז אָפען פאַר אַ דיסקוסיע און די ברידער קענען זאָגען זייער מיינונג וועגען דעם.

איידער דער פרעזידענט האָט נאָך געענדיגט זיין ערקלערונג, האָט ברודער זלמן געבעטען דאָס וואָרט, ברודער זלמן איז אַ איד קאָטאָרי וואָס לאָזט ניט דורך קיין איין פראַגע, וואו ער זאָל דער ערשטער זיך ניט ווענדען צום וואָרט, אַמאָל בעט ער אַ וואָרט אין אַ פראַגע נאָך איידער ער ווייס וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, רעדען רעדט ער שנעל און זעהר ערנסט און מאַנכעס מאָל פאַלט ער אריין אין אַן עקסטאַז און ער פערלירט זיין אידישען לשון און פערענדיגט מיט ענגליש — איין ענגליש אויף שונא ציון געזאָגט געוואָרען, און נאָך איידער דער פרעזידענט גיט אים דאָס וואָרט שטעהט ער שוין אויפ'ן פלאָר און רעדט.

„ברודער פרעזידענט און ברידער, האָט ער אָנגעפאַנגען, איך דענק אַז די פראַגע איז זעהר אַ וויכטיגע די באָד איז איין ערענסטער פלאַץ זיך אָנצוואַרעמען, מיר דאָ אַמעריקאַנער לאַנדסלייט דאַרפען זעהן אַז וויעטקע זאָל צוריק האָבען אַ באָד, בעקאָז, ווי קענט ליוו דעם סאָפער, איט איז אַור דיוטי טו העלפ דעם איי טינק ווי וויל דו אַ גוט טינק איף ווי וויל גיוו דעם אַ קאָאָפל דאָלאַר פאַר די באָד, איי אַפיל טו די בראָדערס...

Mr. and Mrs. Abe Gosenput
Mr. and Mrs. Fred Granat
Mr. and Mrs. Joe Gray
Dr. and Mrs. J. Greenspan
Mr. and Mrs. Louis Greenspan
Mr. and Mrs. M. Greenspan
Mr. and Mrs. Yoel Gurevitch
Mr. and Mrs. H. Gurevitch
Mr. and Mrs. Sam Gurevitch
Dr. and Mrs. Simon Gurevitch
Mr. and Mrs. H. Guisnow
Mr. and Mrs. L. Guisnow
Mr. and Mrs. L. Garfinkel
Mr. and Mrs. S. Goldstein
Mr. and Mrs. G. Garfinkel
Mr. and Mrs. Joe Hankin
Mr. and Mrs. Joe Hassing
Mr. and Mrs. H. Haft
Mr. and Mrs. Morris Heller
Mr. and Mrs. I. Herman
Mr. and Mrs. H. Holland
Mr. and Mrs. Harry Horwin
Mr. and Mrs. Sam M. Horwitz
Mr. and Mrs. S. L. Horwitz
Mr. Horwitz, Wisc.
Mr. and Mrs. Lazar Horwitz
Mr. and Mrs. M. Hanok
Mr. and Mrs. M. Jacobson
Mr. and Mrs. Sam Jacobson
Mr. and Mrs. S. Jessemer
Mr. and Mrs. Joe Kadin
Mr. and Mrs. Abe Kahn

---

אים געהייסען ניט אַפּעלירען, ווייל עס זיינען דאָ נאָך ברידער, וואָס ווילען רעדען וועגען דער באָד, און דאַן וועט מען די פראגע שטימען, ברודער זלמן איז אָבער פון די אידען וואָס געבען זיך ניט אונטער און האָט אָנגעפאנגען ארגומענטירען מיט דעם פּרעזידענט, ער זאָל אים לאָזען רעדען, נאָר ווען דער פּרעזידענט האָט געגעבען א קלאַפּ מיט דעם האמער, האָט זיך ברודער זלמן אוועקגעזעצט, אָבער דערפאר האָט ער אָן דער זייט אויסגעשטעלט א לאנגען צונג צום פּרעזידענט, דאָס איז געווען זיין פּראָטעסט פאר די האנדלונג פון פּרעזידענט.

דער פּרעזידענט האָט אויפגעפאָדערט דעם ברודער וואָס האָט זיך געמאָלדען צום וואָרט וועגען דער פראגע נאָך ברודער זלמנ'ען, מיט ראיות און פאקטען האָט ער אָנגעדייטעט, אז ביי אים זיינען גיטאָ קיינע יחסנים און ער האלט ניט פון געבען צדקה פאר א ,,קרן קימת" מעג דאָס אפילו זיין א באָד אָדער א סאָוועניר בוך, און אויב א שטעדטעל, וואו עס איז אָבגעברענט א באָד וויל הילף, ווייסען זיי אונזער אדרעס און מיר קענען זיי אליין שטיצען און מיר דארפען דאָס ניט טאָן דורך א פאראיין, וואָס זיינען איין עדה אידען עקשנים, וואָס מער ווי שטיצען בעדער ווילען זיי קיין זאך ניט טאָן, — א ברודער אין זאָל מאכט דעם רעדנער א פּאָינט צום אָרדער, וואָס איז די באָד שולדיג און וואָס זיינען די וויעטקער אידען שולדיג, וואָס זייער פאראיין דאָ בעשטעהט פון אידען עקשנים? שרייט ער אויס, דער ברודער פערענטפערט זיך און זאָגט אז זיי זיינען טאקע נעבעך ניט שולדיג און מען וואָלט זיי געדארפט העלפען, אָבער ניט דורך דעם וויעטקער פאראיין.

דער פּרעזידענט רופט אויס א נאָמען פון א ברודער וואָס איז פערשריבען אויפ'ן צעטעל פון די רעדנער־ליסט. ווי די ברידער וואָס זיינען געזעסען אין זאָל האָבען דערהערט ווער עס געהט רעדען האָבען פילע פון די ברידער, איבערהויפּט די וואָס זענען געזעסען נאָהענט צו אים ארויסגעכאפּט שטיקלעך וואטע און האָבען אריינגעלעגט אין זייערע אויערען, ווייל אייניגע פון די ברידער וואָס פלעגען שטענדיג בייזיין די מיטינגען פון דער סאָסייטי האָבען אָנגעהויבען ווערען טויב אויף די אויערען און א דאקטאר האָט זיי געזאָגט, אז דאָס איז פון די הויכע געשרייען וואָס זיי הערען צו אָפט.

ווען דער ברודער הויבט אָן צו רעדען שרייט ער אפילו ניט אזוי שטארק, ער הויבט אָן אויף די סאמע נידעריגע טענער און רעדט זיך גאנץ געלאסען, אָבער וואָס ווייטער און ווייטער רעדט ער העכער און העכער ביז ער מאכט אזעלכע גוואלדען און פאנגט אָן צו שרייען מיט אזעלכע בענומענע קולות אז מען קען ממש פון זינען אראָפּ, ער ווערט אזוי צוקאָכט ביי דעם רעדען, אז ער דארף יעדער ווילע אויפהויבען זיינע הויזען מחמת פון גרויס אויפרעגונג רוקען זיי זיך אראָפּ פון זייער פלאץ. עס טרעפט גאנץ אָפט, אז דער פּרעזידענט גיט אים א שטעל אָפּ אין מיטען

Mr. and Mrs. Nathan Kahn
Mr. and Mrs. Sam Kailin
Mr. and Mrs. Abe Karasick
Mr. and Mrs. Louis Karp
Dr. and Mrs. J. B. Kass
Mr. Fred Katz
Mr. and Mrs. Isadore Katz
Mr. and Mrs. Joe Katz
Mr. and Mrs. M. Katz
Mr. and Mrs. Morris Katz
Mr. and Mrs. Z. Katz
Mr. and Mrs. J. Kutzman
Mr. and Mrs. J. Kirson
Mr. and Mrs. M. Klibanoff
Mr. and Mrs. B. Klugman
Mr. and Mrs. Max Klugman
Mr. and Mrs. Morris Klugman
Mr. and Mrs. A. Koff
Mr. and Mrs. J. Koff
Mr. and Mrs. Abe Kahn
Mr. and Mrs. L. Konopoff
Mr. and Mrs. I. Koropoff
Mr. and Mrs. A. Kozlovicher
Mr. and Mrs. E. Kotin
Mr. and Mrs. Ben Koz
Mr. and Mrs. Harry Koz
Mr. and Mrs. Joe Kreinin
Mr. and Mrs. L. Kutchikoff
Mr. and Mrs. Abraham Kroll
Mr. and Mrs. R. Kroll
Mr. and Mrs. A. Kurcow
Mr. and Mrs. H. Kritchever
Mr. and Mrs. H. Lessman
Mr. and Mrs. Joe Lakin
Mr. and Mrs. M. Leavitt
Mr. and Mrs. Sam Leavitt
Mr. and Mrs. J. Lebidoff
Mr. and Mrs. M. Lessman

---

זיין רעדען און פרעגט אים ווארום ער שרייט אזוי שטארק און וואס איז ער אזוי בייז — ענטפערט ער (שוין מיט א רוהיגער שטימע), אז ער שרייט גארניט, דאס זאגט ער איז זיין טבע פון רעדען, ער רעדט זאגט ער אלע מאל מיט א כעס זיין טאטע איז געווען א כהן. זיין בייזקייט ווי אנדערע ווילען האבען איז דערפון, וואס ער איז געווען א גוואלדיגער קעמפער פאר די אונטערדריקטע מאסען פאר דעם פראלעטאריאט — און עד היום איז ער א גוואלדאוונער אנהענגער פון סאוועט רוסלאנד. „איך וויים ניט" הויבט ער אן זיין דרשה, איך וויים ניט פאר וואס, ווען ביי דער סאסייטי קומט פאר א פראגע וועגען שטיצען א אינסטיטוציע אין סאוועט רוסלאנד, זיינען די ברידער דאגעגען, ווען עס וואלט געקומען א קאמיטע פון ארץ ישראל, וואו עס געפינען זיך פרוטהאלבען אידישע ארבייטער וואס ווילען מיט גוואלד אפנעמען די ערד פון די אראבער, און וואו די אידישע בורזשואזי און אידישע קאפיטאליסטען באלעבאטיווען איבער דעם ארבייטער קלאס עקספלאטירען זיי ווען זאג איך א קאמיטע קומט פון דארטען. און בעט העלפען בויען א באד בין איך זיכער אז די ברידער וואלטען ניט געהאט דאגעגען, אבער ווען עס האנדעלט זיך וועגען סאוועט־רוסלאנד, וואו מען גיט ערד צו אידען זיי זאלען בעארבייטען און קענען מאכען א לעבען, דארט וואו מען מאכט שוין מער קיין פאגראמען אויף אידען, א לאנד, וואו די ארבייטער און פויערים זיינען די גאנצע פירער פון דער מלוכה אין אזא לאנד ווילען די ברידער ניט העלפען צו בויען אן אינסטיטוציע, וואס דער פראלעטאריאט נויטיגט זיך. ברודער פרעזידענט איך בין מיט דער מיינונג, אז מיר מוזען שטיצען די באד אין וויעטקע, מיר וועלען אויסגעפינען דעם אדרעס פון פון דער וויעטקער באד און מיר וועלען אליין שיקען אהין די געלט, מיר טארען ניט דערלאזען אז וויעטקער לאנדסלייט זאלען פערשמוצט ווערען, האט דער ברודער אויסגעשריען מיט פאטאס, אלע אין זאל זענען שטיל געבליבען די דרשה האט געמאכט א גוואלדיגען ווירקונג אויף אלע ברידער. עס האט אפגענומען דער לשון ביי אלע מיטגלידער, וואס זיינען געווען פערשרייבען אויפ'ן צעטעל צו באטייליגען זיך אין דער דיסקוסיע. עס כאפט זיך ארויס ב ע ר ע ל דער שווארצער מיט א פארשלאג פון 10 דאלאר א צווייטער ברודער מאכט אן אמענדימענט אויף 20 און ווען דער פרעזידענט האט די פראגע גענומען צום אפשטימען איז געווען א גוואלדיגע מערהייט פאר 20 דאלאר, אזוי, אז גאר אין גיכען וועלען אי"הש די וויעטקער לאנדסלייט האבען די וועלהימער סאסייטי אין באד.

Mr. and Mrs. R. Lessman
Mr. and Mrs. Joe Levant
Mr. and Mrs. Isadore Levy
Mr. and Mrs. Abe Levin
Mr. and Mrs. Alex Levin
Mr. and Mrs. H. Levin
Mr. and Mrs. I. J. Levin
Mr. and Mrs. M. Levin
Mr. and Mrs. Max Levin
Mr. and Mrs. Mandel Levin
Mr. and Mrs. Morris Levin
Mr. and Mrs. Samuel Levin
Mr. and Mrs. Sam Levin
Mr. and Mrs. Solomn Levin
Mr. and Mrs. Wm. Levin
Mr. and Mrs. I. Libanoff
Mr. and Mrs. Eli Libin
Mr. and Mrs. Sam Libin
Mr. and Mrs. L. Lieberman
Mr. and Mrs. Max Lipshitz
Mr. and Mrs. A. Lintz
Mr. and Mrs. K. Lipkin
Mr. and Mrs. M. Litvack
Mr. and Mrs. L. Litvin
Mr. and Mrs. M. Lamonosoff
Mr. and Mrs. M. Lurie
Mr. and Mrs. J. Lurey
Mr. and Mrs. J. Lipkin
Mr. and Mrs. L. Madorin
Mr. and Mrs. Sam Malcoff
Mr. and Mrs. Sam Malow
Mr. and Mrs. J. Malawsky
Mr. and Mrs. Abe Manevitz
Mr. and Mrs. H. Manin
Mr. and Mrs. S. Mankin
Mr. and Mrs. Z. Mason
Mr. and Mrs. O. Mehkowsky
Mr. and Mrs. M. Mendelbaum
Mr. and Mrs. Ph. Mendelsohn
Mr. and Mrs. Ph. Merlin
Mr. and Mrs. I. Meyerson
Mr. and Mrs. Abe Miller
Mr. and Mrs. Morris Mindlin
Mr. and Mrs. Ph. Mizruchin
Mr. and Mrs. H. Moskovitz
Mr. and Mrs. T. Manevitz
Mr. and Mrs. D. Moskovitz
Mr. and Mrs. Dave Muslin
Dr. and Mrs. M. A. Morevitz
Mr. and Mrs. A. Merlin
Mr. and Mrs. J. Moskovitz
Mr. and Mrs. Abe Nayer
Mr. and Mrs. Sam Newmark
Mr. and Mrs. D. Nainick
Mr. and Mrs. H. Nainick
Mr. and Mrs. Max Newmark
Mr. and Mrs. L. Novack
Mr. and Mrs. Abe Oesrow
Mr. and Mrs. Abe Parsin
Mr. and Mrs. J. Parsin
Mr. and Mrs. Chas. Pechersky
Mr. and Mrs. Louis Pechersky
Mr. and Mrs. Sam Peltz
Mr. and Mrs. M. Pechersky
Mr. and Mrs. Ph. Pechersky
Mr. and Mrs. A. Perlin
Mr. and Mrs. A. Pevsner
Mr. and Mrs. H. Pindzur
Mr. and Mrs. Louis Pindzur
Mr. and Mrs. N. Pindzur
Mr. and Mrs. M. Polakoff
Mr. and Mrs. Sam Polack
Mr. and Mrs. J. Posen
Mr. and Mrs. J. Posner
Mr. and Mrs. M. Pritikin
Mr. and Mrs. L. Pazovsky
Mr. and Mrs. H. Porter
Mr. and Mrs. B. Rabinowitz
Mr. and Mrs. L. D. Rachlin

Mr. and Mrs. Morris Raginsky
Mr. Joe Ragover
Mr. and Mrs. J. Ralsky
Mr. and Mrs. J. Rapinsky
Mr. and Mrs. H. Reisin
Mr. and Mrs. B. Rattner
Mr. and Mrs. B. Rifkin
Mr. and Mrs. I. Rifkin
Mr. and Mrs. M. Rifkin
Mr. and Mrs. Sam Rifkin
Mr. and Mrs. Morris Ruben
Mr. and Mrs. L. Rock
Mr. and Mrs. Sam Rogers
Mr. and Mrs. Ben J. Rosen
Mr. and Mrs. Louis Rosen
Mr. and Mrs. Sam Revzin
Mr. and Mrs. A. Rosenbloom
Mr. and Mrs. Abe Rosenbloom
Mr. andMrs. J. Rosenbloom
Mr. and Mrs. Nat. Rosenbloom
Mr. and Mrs. R. Rosenbloom
Mr. and Mrs. Sam Rosenbloom
Mr. and Mrs. Sam Ruttenberg
Mr. and Mrs. Harry Rapinsky
Mr. and Mrs. Meyer Rubenstein
Mr. and Mrs. I. Rubin
Mr. and Mrs. Abe Roffer
Mr. and Mrs. J. Rottenberg
Mr. and Mrs. B. Rottenberg
Mr. and Mrs. Abe Ruthman
Mr. and Mrs. Sam Rosenbloom
Mr. and Mrs. Ph. Sacks
Mr. and Mrs. M. Sacks
Mr. and Mrs. Meyer Schiff
Mr. and Mrs. Solomon Sacks
Mr. and Mrs. Harry Samaroff
Mr. and Mrs. Louis Sandler
Mr. and Mrs. Sam Sandler
Mr. and Mrs. J. Sorokin
Mr. and Mrs. Ben Savier
Mr. and Mrs. Joe Savier
Mr. and Mrs. N. Savlin
Mr. and Mrs. Oscar Schorow
Mr. and Mrs. Louis Shulman
Mr. and Mrs. Julius Schultz
Mr. and Mrs. Louis Seligman
Mr. and Mrs. J. Shamowsky
Mr. and Mrs. Abe Shapiro
Mr. and Mrs. Bernard Shapiro
Mr. and Mrs. Chas. B. Shapiro
Mr. and Mrs. Eli Shapiro
Mr. and Mrs. Harry Shapiro
Mr. and Mrs. Max Shapiro
Mr. and Mrs. Morris Shapiro
Mr. and Mrs. B. Sandler
Mr. and Mrs. A. Shapotkin
Mr. and Mrs. J. Shapotkin
Mr. and Mrs. Hyman Siegel
Mr. and Mrs. Sam Silverman
Mr. and Mrs. Dave Singer
Mr. and Mrs. H. Singer
Mr. and Mrs. Max Singer
Mr. and Mrs. Oscar Singer
Mr. and Mrs. Oscar I. Singer
Mr. and Mrs. M. Sissman
Mr. and Mrs. A. Slatkin
Mr. and Mrs. Jacob Slavin
Mr. and Mrs. Oscar Slutzkin
Mr. and Mrs. P. Smolakoff
Mr. and Mrs. M. Sorokin
Mr. and Mrs. Morris Stalk
Mr. and Mrs. I. Sulperoff
Mr. and Mrs. L. Sulperoff
Mr. and Mrs. B. Swerdloff
Mr. and Mrs. J. S. Swerdloff
Mr. and Mrs. Joe Swerdloff
Mr. and Mrs. Sam Swerdloff
Mr. Louis Swerdlow
Mr. and Mrs. Silvertrust
Mr. and Mrs. W. Swiren

Mr. and Mrs. Louis Sacks
Mr. and Mrs. E. Shapiro
Mr. and Mrs. Chas. Siegel
Mr. and Mrs. A. Shatzman
Mr. and Mrs. Jacob Stalk
Mr. and Mrs. M. Talmach
Mr. and Mrs. M. Tachilnick
Mr. and Mrs. Harry Tatarsky
Mr. and Mrs. Nathan Taub
Mr. and Mrs. Max Temkin
Mr. and Mrs. Abraham Terman
Mr. and Mrs. Terman
Mr. and Mrs. W. Terman
Mr. and Mr.s Z. Terman
Mr. and Mrs. S. Tilkin
Mr. and Mrs. S. Weinshenker
Mr. and Mrs. I. Wexler
Mr. and Mrs. F. Witkin
Mr. and Mrs. M. Wolf
Mr. and Mrs. Sam Wixler
Mr. and Mrs. Sam Yeslin
Mr. and Mrs. Carl Zivin
Mr. and Mrs. S. L. Zivin
Mr. and Mrs. Max Zivin
Mr. and Mrs. Louis Zelinsky
Mr. and Mrs. Sam Zimmerman, Cleveland
Mr. and Mrs. J. Zitomirsky
Mr. and Mrs. A. Zivin
Mr. and Mrs. Isaac Zelinsky
Mr. and Mrs. L. Zelinsky
Mr. and Mrs. B. Zeitlin
Mr. and Mrs. Abe Zitomersky

ער בעט איף פסח.



א גוטער שידוך





מ. באגדאנסקי



# נאכט

ס'האָט די נאַכט איר בוך געעפנט
איז די זון פאַרגאַנגען ווידער
און די וועלט צורו געלאָזען
פרישער אָטעמען די גראָזען
שניידט די לופט און שלאָגען וועלען
האַרציק - שיינע פייגל טרעלען
ווי די שכינה וואָלט דאָרט זינגען
לידער, לידער לידער...

ס'האָט די נאַכט איר בוך געעפענט
און ווי פאָרזיכטיק זי בלעטערט
אין דעם נאכטיק שטילן שווייגען,
צווישען זאַנגען, צווישען צווייגען,
אויפ'ן פעלד און אין דעם גאָרטען,
ווי פיל פינגער רירן דאָרטען ?
און אַ שאָטן אויף אַ שאָטן
קלעטערט, קלעטערט, קלעטערט

נאָר היינט אָ היינט דער פרילינג
איז לאנג, מיין פריינד אַוועק...
עס בלאָזט ניט מער דער זעפיר,
אָ שטורם ברומט אַ שרעק...
די וועלט איז הויל און נאַקעט,
די בלום איז לאַנג פערדאַרט,
די פייגעלעך זיי האָט מען
אין תפיסה לאַנג פערשפאַרט
די קראהען נאָר די שווארצע,
זיי שילטען אין איין טאָן...
עס וויינט מיין האַרץ... אַך זאָג מיר,
זאָגט יעצט מיר וואָס צו טאָן ?!..

ווייטע ברייטע האָריזאָנטען
מיט דעם נאַכט קאָליר פאַרצויגען
און אַ ווינטעלע אַ קילער
טראָגט די נאַכט - שפּראַך שטילער, שטילער,
ס'זאָל זי קיינער ניט דערהערען,
זי זאָל חלילה פראָסט ניט ווערען;
בלויז פון אויבן ערגעץ קוקען

אויגען, אויגען, אויגען...

ס'האָט די נאַכט איר בוך געעפענט
איז די וועלט געוואָרען איינגער;
אין דער פינסטערניש פאַרקליבן
האָט דאָרט עמעץ צוגעשריבען
נאָך אַ בלאַט צו דער לעגענדע
וועלכע ציט זיך אָן אָן ענדע
נאַכט אויף נאַכט אַלץ מערער, ווייטער,

לענגער, לענגער, לענגער

טראָגט אַ מילדער שאָרך פון ווייטן,
און מיט זיידן-פליגל וועיען;
ווי מלאכים וואָלטן שוועבן,
ס'זאָל קיין מענשען - אויג ניט זעען—
האָט אַ פאָרל זיך פאַרקליבן,
ווי די טויבן, שטיל זיך ליבן
און אָן ווערטער ווערט פאַרשריבן

לעבן, לעבן, לעבן...

# א דאנק

מיט א האלב יאָר צוריק, ווען די מאָהילעווער סאָסייטי האָט אָנגעהויבען פלאנעווען אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל געפייערט ווערען איר 25 יאָריגער יובילעאום, האָט איינער פון די מיטגלידער אויפ־געבראכט דעם געדאנק ארויסצוגעבען א סאָוועניר בוך, וואו עס זאָל בעשריבען ווערען די טעטיגקייט פון פאראיין פאר דער גאנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ, מיר איז די אידעע געפעלען געוואָרען און איך האָב זי מיט צופרידענהייט אונטערשטיצט.

איך האָב זיך אויך ניט אָפּגעשראָקען, ווען די ארבייט פון צוזאמענשטעלען און ארויסגעבען דעם בוך איז מיר פאָרגעלעגט געוואָרען ניט זייענדיג קיין פאכמאַן האָט זיך מיר "געדאכט אז ארויסגעבען אזא ביכעל וועט מיר ניט זיין צו שווער, ווי ערשטיינט בין איך געוואָרען, ווען איך בין נעהנטער צוגעטראָטען צו דער ארבייט און האָב זיך אָנגעשטויסען אויף פילע שוועריגקייטען. ערשטענס האָב איך זיך געדארפט פערטראכטען וועגען דעם אויסערליכען אויסזעהן פון

בוך. עס האָט זיך מיר געוואָלט האָבען עטוואָס אַנדערש ווי די געוועהנליכע סאָוועניר ביכער, וואָס ווערען פון צייט צו צייט ארויסגעגעבען פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, צווייטענס בין איך געווען פאַראינטערעסירט צו האָבען א ר י י כ ע ן אינהאַלט, דער בוך זאָל אין זיך פערמאגען אַרטיקלען פון וועלכע די מיטגלידער פון דער סאָסייטי זאָלען קענען לערנען, עטוואָס וואָס זאָל אַפּעלירען צו דער נשמה פון דעם לעזער, דריטענס זיינען די פינאַנציעלע מיטלען געגעבען געוואָרען צו מיר אין א בעשרענקטע פאָרמע מיט וועלכע איך האָב זיך שטאַרק געמוזט רעכענען. פערטענס האָב איך זיך ניט פאַרטראַכט וועגען די מאַסע צייט וואָס עס האָט זיך געפאָדערט פון צו זאַמלען דעם מאַטעריאַל, זייענדיג בעשעפטיגט ביי מיין פּראָפעסיע, וועלכע נעמט די גרעסטע צאָל שטונדען פון טאָג האָב איך ניט געקענט מערקירען אַז איך זאָל האָבען גענוג צייט צו ארבייטען ביי דעם סאָוועניר בוך, איך ווייס טאַקע ניט אויב איך וואָלט געווען בכח צו פערפערטיגען דעם בוך, ווען איך וואָלט ניט געקראָגען די מיטהילף פון די מענשען, וועלכע איך וועל ביי דעם שליסען פון מיין ארבייט אויסדריקען מיין טיפען דאַנק, און ווי ווייט מיר האָט זיך איינגעגעבען ארויסגעבען א שעהנעם סאָוועניר בוך סיי אין אינהאַלט און סיי אין אויסזעהן וועל איך איבערלאָזען צו די מיטגלידער פון דער מאָהילעווער סאָסייטי און צו די מענשען, וועלכע רופען זיך אָפּ צו יעדער שריפטליכער דערשיינונג אין דער אידישער גאַס, איך פיל אָבער אַז די מאָהילעווער סאָסייטי האָט זיך מיט דעם ארויסגעבען אַזאַ זשורנאַל געשטעלט אויף א העכערער מדרגה פון אינטעליגענץ, ווי אַנדערע סאָסייטיס, וועלכע האָבען אויך דורך א יובילעאום יו"ט אין געוויסע צייטען, וואָס ביי זיי דריקט זיך דאָס אויס אין צופרידענשטעלען דעם חומר דעם גוף און ניט מער, און אויב עס האָבען זיך געפינען עטליכע מיטגלידער אין דער מאָהילעווער סאָסייטי, וואָס האָבען אויך אָפּגעלאַכט פון דעם קרן הקימת (סאָוועניר בוך) זיינען זיי בטל בשישים געוואָרען, ווייל די גרעסטע טייל מיטגלידער זיינען געווען בעגייסטערט אַז אַזאַ בוך זאָל ארויסגעגעבען ווערען פערזענליך בין איך כמעט ווי צופרידענגעשטעלט.

עס זיינען דאָ פיליכט חסרונות וועלכע איך האָב געדאַרפט פערמיידען, אָבער מאַכענדיג דעם ערשטען פּרואוו אויף דעם געביט האָף איך אַז מען וועט מיר מוחל זיין דער בוך וואָלט אפילו מיט זיינע חסרונות ניט דערשיינען ווען ניט די הילף פון מיין ליבען פריינד טודרוס געללער, אויסער דעם וואָס זייענדיג אַן ארטיסט האָט ער מיר געהאָלפען אין דער דעקאָריטיווע ארבייט פון בוך האָט ער מיר אויך געהאָלפען מיט ראַט און טהאַט וועגען דעם אינהאַלט און וועגען די פּאַסענדע מיטלען צו מאַכען דעם בוך וואָס שענער. איך וויל אים הערצליך באַדאַנקען אין דעם נאָמען פון דער מאָהילעווער סאָסייטי. עס איז א געווינס פאַר די אידישע אינטעליגענץ אין שיקאַגאָ צו האָבען אַזאַ בעגאַבטען יונגען מאַן וועלכער איז פאַראינטערעסירט מיט יעדער געדרוקטער זאַך וואָס עס געהט ארויס אין דער אידישער גאַס, איך וויל אייך געבען מיין טיפען דאַנק פריינד שאַפּירא, וועלכער האָט מיר פילע מאָל פערשפּאָרט א טרחה און האָט מיר צוגעשטעלט אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען ציפערען, דאַטום, נעמען וועלכע ער האָט ארויסגענומען פון די ארכיווען פון דער מאָהילעווער סאָסייטי, א בעזאָנדער דאַנק קומט א. ענטין ער האָט מיט זיין איבערגעגעבענע ארבייט געשאַפען כמעט א העלפט פון די „אַדווערטייזמענטס" וואָס זיינען אריין אין דער אויסגאַבע און דאָס האָט געהאָלפען צו פערבעסערען דעם בוך. עס דאַרף ווערען צו גוטען דערמאַנט די איבעריגע „אַדווערטייזמענטס" קלייבער זלמן וועקסלער, יוסף ראַגאַווער, לייקין און פילע אַנדערע איך וועל דערביי אויך אויסדריקען מיין הערצליכען דאַנק מיין ליבער טעכטערל מרים וואָס האָט מיר געהאָלפען מסדר זיין די ענגלישע אָפּטיילונג, זי האָט קאָרעגירט די אַרטיקלען געלעזען די פּרואוון געזאַמעלט מאַטעריאַל האָט מיר געשפּאָרט א סך ארבייט. וגם חרבונה זכור לטוב. צום לעצט וועל איך דערמאַנען צום גוטען דעם דרוקער פון דעם בוך מיין פריינד קישענעווסקי, אויסער וואָס זיין ארבייט איז געווען על מנת לקבל פרס, האָט ער אָבער געטאָן מער וויפיל ער האָט געדאַרפט און מער וויפיל ער האָט מיר צוגעזאָגט. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערען וועגען מיין פריינד ל. שטיין, וועלכער האָט געמאַכט דעם בונד שעהן און בעשיידען ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ אויסגאַבע.

צום שלום וויל איך באַגריסען די מאָהילעווער סאָסייטי צו זייער פינף - און - צוואַנציג יאָריגען עקזיסטענץ און האָפען אַז דעם נייעם בלאַט פון געשיכטע וואָס זיי וועלען אַנהויבען מיט זייער אריינטרעטען אין נייעם פערטעל יאָרהונדערט וועט זיין מער גייסטרייכער ווי פריער, איך האָף אַז אַלע פראַגען און פּראָבלעמען וואָס זיינען אָנגעוואָרפען געוואָרען ביי די מחברים פון די אַרטיקלען אין דעם זשורנאַל זאָל געפינען א געהעריגען אָפּקלאַנג אין די הערצער און מוחות פון די מיטגלידער פון די „אַמעריקאַן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו" און זאָלען זיי אויף א פּאַסענדען אופן פערענטפערען.

דר. י. ס. גאַללין.

מיט צער און טרויער און געבויגענע קעפּ דערמאָנען מיר איצט צו אונזער יום טוב אונערע פערשטאָרבענע מיטגלידער וועלכע זיינען פון אונז אַוועק פאַר דער צייט וואָס מיר עקזיסטירען. זייערע כוחות און אַרבייט וואָס זיי האָבען אַוועקגעגעבען פאַר דער סאָסייטי ביים לעבען, וועט אַלע מאָל דערמאָנט ווערען מיט ליבע און אַכטונג פון „אַמעריקאַן בראָדערהוד אָף מאָהילעוו". „אין שמחה בלא תוגה" אין דעם איצטיגען פרייליכען מאָמענט רייסען מיר איבער אונזער יום-טוב'דיגע שטימונג אויף אַ פּאָר מינוט צו דערמאָנען די מיטגלידער וועלכע דער מלאך המות האָט פון אונז אַוועקגעריסען אין די סאמע בעסטע יאָרען פון זייער בליהונג. זאָלען זייערע גוטע טהאַטען ביים לעבעןביישטיין איצט צו אונזער יום טוב.

| | |
|---|---|
| א. צערי | ס. טערמאַן |
| נ. הארלאַווסקי | מ. קאַווינסקי |
| א. קאַהאַן | י. עדעלסאַהן |
| מ. פאַרבער | ה. ראַגאַווער |
| ל. פרידמאַן | א. קאַפּלאַן |
| מ. ראַבינאַוויץ | י. פּיטשערסקי |
| מ. וואַלק | מ.ביידין |
| י. גראַנאַט | י. האַרוויץ |
| י. מענדעלסאַהן | מ. דאַלניק |
| א. ברוק | מ. לעווין |
| י. ברוק | נ. פ. קאַהן |

א. עפּסטיין

תנצב״ה

Telephone Humboldt 3346

Importer of Diamonds



1901



1926

# NATH. KAHN

*Diamonds, Watches, Silverware and Fine Jewelry*




"25 Years of Honest Dealing"

## 2508 W. Division Street

Near California Avenue

## CHICAGO

*First Secretary of the American Brotherhood of Moghileff*

Telephone Humboldt 0192

# DON'T FORGET

*When you need Photographs call at the*

## CAMPBELL PHOTO STUDIOS

2522 West Division Street

Member American Brotherhood of Moghileff

## DRIBIN & SIEGEL

Photographers



# M. DRIBIN

Known on Division St. Since 1906

## Reliable Jeweler

2546 W. Division St.

*I have on hand at all times a most complete line of*

Diamonds, Watches - Jewelry, Silverware
Diamonds, Watches, Silverware, Clocks and
Novelty Glassware

*Their Beauty, Utility and Low Price*
*Practically Guarantee Acceptance By You*

Tel. Armitage 5153

Res. 918 N. Oakley Blvd. Phone Armitage 0591

Member American Brotherhood of Moghileff

# S. A. NEWMARK

## REAL ESTATE

2515 W. DIVISION STREET CHICAGO

Telephone Brunswick 5187

Telephone Humboldt 2005

# Cohen & Meyer

*Wholesale Tailors*

1579 MILWAUKEE AVENUE

COMPLIMENTS OF

# DR. J. GREENSPAN

Member American Brotherhood of Moghileff

2643 W. Division Street

CHICAGO

## SIMON GUREWITCH, R. Ph. M. D.

PHYSICIAN AND SURGEON

Member American Brotherhood of Moghileff

*Office and Residence*

1061 N. Spaulding Avenue Phone Belmont 6895

COMPLIMENTS OF

# Bach Brick Co.

2647 Montrose Avenue

Telephone Juniper 6044

CHICAGO

Compliments of

# Bohnsack Brick Co.

Chamber of Commerce Bldg.
CHICAGO

133 West Washington Street

Telephone Franklin 2809

Depository for City of Chicago, County of Cook, State of Illinois.
Efficient service in every branch of modern banking. That is why the home-owned bank, managed by people you know, and who know how, gives the most satisfactory understanding service.
The officers of the Division State Bank have a knowledge of the business and civic needs of this section that is born of lifelong association with it.

# HOME TIES ARE STRONGEST

*Bank With This Home-Owned,*
*Home-Managed Institution*

## Resources over $3,000,000,000

EMIL JENISCH, Pres. CLEMENS K. SHAPIRO, Asst. Cashier



DIVISION STATE BANK

A CLEARING HOUSE BANK

WEST DIVISION AT ROCKWELL

American Brotherhood of Moghileff,
Chicago, Ill.

Gentlemen:

Permit me to congratulate you upon your 25th Jubilee. It is a great pleasure to witness the progress and accomplishments of an organization composed of such industrious and honorable men as your society.

Wishing you further greater accomplishments in the near future, I remain

Yours truly,

CLEMENS K. SHAPIRO

# PUT YOUR MONEY

*In the friendly care of Chicago's Labor Bank*

SAVINGS
CHECKING
TIME DEPOSITS

REAL ESTATE LOANS
FOREIGN EXCHANGE
INSURANCE

## BANKING BY MAIL

**AMALGAMATED TRUST & SAVINGS BANK**

111 West Jackson Blvd. -- at Clark

*A Chicago Clearing House Bank -- A State Bank*

Resources $3,484,182.68
(as of June 30, 1926)



Safe Deposit Boxes, $3.00 and up
First Mortgage Gold Bonds

## PROGRESSIVE STATE BANK

2202 West Division St.

*Officers*

Gerson Guthman, *President*
Fred F. Block, *Vice-Pres.*
V. H. Thiele, *Cashier*

Real Estate Loans    Foreign Exchange
Steamship Tickets

Capital & Surplus
$230,000.00



Phone Spaulding 1363

## M. Billeck

Plastering
Contractor

2418 N. Central Pk. Ave.
CHICAGO

Compliments of

# Chas. Levy Lumber Co.

Everything in Lumber and Millwork

MAIN OFFICE AND YARD

2335 Neva Avenue

Telephone Columbus 9190 CHICAGO

Canal 6600

